STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11549

DER ZEKS TOGIKER VUNDER KRIG

Yehudah Leyb Levin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודא לייב לוין /

דער זעקס טאגיקער
וואונדער קריג

דער
זעקס
טאגיקער
וואונדער
קריג

פון

יהודא לייב לוין

איבערזעצט פון עברית

דוד איינר

הוצאת

מרכז להסברה דתית בישראל

ירושלים תשכ"ח

מל"ד
מרכז להסברה דתית בישראל
ת. ד. 1138
ירושלים

©

דפוס "ספרא", ירושלים

ב״ה

*

*　　*

דאס בוך, איז ארויסגעגעבן דורך דעם ,מרכז להסברה דתית בישראל׳, א דאנק דער פולער פינאנסיעלער אונטערשטיצונג פון ״קרן ארץ־ישראל התורתית״, אין זיין ספעציעלן אפיל, פאריקעס יאהר.

*

דאס בוך, איז געטיילט אין 12 קאפיטלען וועלכע שילדערן וואס איז פארגעקומען אין די גורלדיקע וואכען פאר דער זעקס טאגיקער מלחמה און גיבען איין פולע שילדערונג פון די קאמפען פון דער לופט ארמעי, און די אלגעמיינע צה״ל קרעפטען אין די מצרישע, ירדנישע און סורישע פראנטען.

*

דאס בוך, אלס ערשטעס פון א רייע ביכער וועלכע ווערן געווידמעט די אקטועלע געשעענישען ביי אידען און די מסקנות וואס מיר דארפען לערנען פון זיי, איז א טייל פון דער גרויסער אויפקלערונגס אקציע וואס דער **״קרן ארץ ישראל התורתית״** האט מיט זיין ספעציעלען פאנד — אונטערגענומען.

אויף מארגן נאכ׳ן יום העצמאות

דינסטיק אינדערפריה, זעקס טעג אין אייר תשכ״ז, האבן די גאסן־רייניקער אין ישראל שווער געארבייט, כדי אפצורייניקן די גאסן, פלעצער און עפענטליכע פארקן פון די ריזיקע הורבעס אפפאלן קאלירטע פאפירן און פלוגבלעטלעך, וועלכע די פרייליכע מאסן האבן איבערגעלאזט נאך דער פריידיקער פייערונג פון 19 טן יארטאג זינט דער גרינדונג פון מדינת ישראל.

אלע האבן זיך געאיילט צו דער ארבייט, אבער נאר וויניקע האבן פארביי־לויפענדיק געווארפן א אומעטיקן בליק אויף די גאסן־רייניקער און האבן אין שטילן זיך געפרעגט: ווען וועלן די גאסן פון ישראל ווידער פארפוצט ווערן לכבוד דעם יום העצמאות? ווייל נאר וויניקע האבן געוואוסט דאן, אז שווערע און פינסטערע וואלקנס האבן באצויגן די ישראל הימלען, אז אלע אראבישע לענדער האבן זיך ווידער צופאכעט מיט א שווערד פון טויט און פארניכטונג, די דאזיקע געשווארענע שונאים, באוואפנט פון קאפ ביז פוס, לעכצן נאך נקמה און מארד, האבן זיך ווידער פאראייניקט ארום די גרענעצן פון ישראל, און פונם הויפט קאמאנדיר פון דער מיצרישער ארמיי פעלדמארשאל עבדול חאכים עמאר, איז שוין ארויסגעגעבן געווארן דער באפעל, אז דאס גאנצע מיליטער פון מצרים זאל אריבערגיין אין העכסטן אלארם־צושטאנד פון מאנטיק, דעם 5־טן אייר, 2.30 מיטאג־צייט. ד. ה. אין יום העצמאות פון ישראל.

די רעלאטיוו רואיקע צייט איז פארביי, די לאגע איז געווארן העכסט אנגעשטרענגט און די נערוון געשפאנט צום צורייסן. קיינער האט ניט געוואוסט וואס עס וועט זיין.

אין דער זעלבער צייט איז אין דער אונטערערדישער שטאט ביר תמאדה אין סיני, וואו עס האט זיך געפונען די הויפט־קווארטיר פון מצרישין מיליטער אין סיני, געווען פריילעך, אלע זיינען געווען צופרידן און געבליקט אפטימיסטיש אין דער צוקונפט.

ביר תמאדה איז געווען א ריזן־פעסטונג אונטער דער ערד, און נאר צוויי אומשולדיקע צעלטן האבן עדות געזאגט אז אויף דעם פלאץ געפינט זיך וואס עס איז, דארט האט געברויזט דאס לעבן, די אונטערערדישע הייזער, דורכגאנגען און ביוראָ׳ס זיינען געווען פארזען מיט כל־טוב, באפעסטיקט אפילו פון א אטאם־באמבע. דארט זיינען געזעסן די אפיצערן פון שטאב פון גענעראל עבדול מוחסאן מורתאג׳י און האבן פון דארט אויס אנגעפירט מיט דער קאמאנדא איבער מער ווי הונדערט טויזנט מצרישע סאלדאטן וועלכע זיינען געווען פארשפרייט

איבער גאנץ סיני. דאס איז געווען דער קולאק פון שטאל און אייזן וועלכער איז געווען גרייט יעדע מינוט צו האמערן און צושמעטערן ישראל, וועלכע האט זיך נאך דערווייל געפונען אין לעטראגיע פון אונגעוויסהייט, און זיך געדארפט ערשט אויפרודערן דערהערענדיק דעם גוואלדיקן געדונער פון די העכער טויזנט מיצרישע טאנקן גרייט צום אנגריף.

איז דאס טאקע מלחמה אדער נאר א דעמאנסטראציע? מיינען די מצרים אנצווארפן א פחד, כדי ארויסצוקוועטשן נייע פאזיציעס און זיך בארימען מיט זייערע נצחונות אן איין שאס? קיין ענטפער אויף דעם איז ניט געווען. לויט פארשיידענע מעלדונגען איז עס נאר געווען א פארטיידיקונגס מאנעוור, אבער לויט זיין פארנעם האט ער זיך געקענט מיטאמאל פארוואנדלען אין א געפערליכער אפענסיווע. דער גוואלדיקער אפעראטיווער כוח האט אפגעווארפן אלע באהוי־פטונגען אז נאצער וויל ניט קיין מלחמה אין דער נאענטער צייט.

די שפיצן פון ישראל׳ישן מיליטער זיינען דערשיטערט, די פאליטישע קרייזן־גוואלדיק איבערראשט, מיט א קורצער צייט צוריק האט דאך דער פרעמיער מיניסטער און דער פארשטייער פון צה״ל ערקלערט, אז נאצער האלט ניט ביים קעמפן, ווייל ער שטעקט איבערן האלדז אין ,,תימנישער בלאטע״, אבער אויב מצרים קען דעמאנסטרירן אזא גוואלדיקע קראפט, קען זי דאך געוויס אויך קעמפן מיט ניט ווייניקער קראפט, צו דעם ווערט זי נאך צוגעטריבן פון דער מיט האס און מארד פארגיפטעטע סוריע און דורך די קאמוניסטישע לענדער, וועלכע ריידן אזוי שיין וועגן שלום, אבער גיסן בוימאייל אויפן פייער פון מלחמה.

לאנגע יארן האבן שלום־יאגערס געטענה׳ט אז ישראל איז די שולדיקע וואס נאצר גרייט זיך אזוי צו מלחמה, ווייל זי רייצט אים מיט אירע איבערפאלן און פארגעלטיקונגס אקציעס געגן די אראבער, אבער אין דער לעצטער צייט האט ישראל זיך אויפגעפירט דוקא זייער שטיל, די ניט אזוינע איינגעגעבענע ארויס־טרעטונגען און ערקלערונגען פון ישראל פארשטייער האבן אויפגעהערט, אבער טראץ אלעמען האט נאצער דערפירט צו אזא לאגע אז עס האט זיך קיין אויסוועג פון איר ניט געזען, נאר א גרויזאמע, חיה׳שע מלחמה אויף לעבן און טויט צווישן ישראל און אלע אראבישע לענדער. אפילו די ערקלערונג פון פעלדמארשאל עמאר אז די מצרים וועלן ניט צוריקשלאגן אויף איינצלנע געשיסערייען נאר ווען זיי וועלן אטאקירט ווערן, האט שוין דער טונקעלער ווירקליכקייט ניט געקענט ענדערן. אין מיליטערישן שטיץ־פונקט ביר־גפגפה האט דער דיקטאטאר עבדול נאצר גערעט גאנץ אנדערש, קלאר און דייטליך האט ער געזאגט: ,,מיר שטייען פאר א פארמעסט מיט ישראל, היינט שטייען איר ניט ביי פראנקרייך און ענגלאנד ווי אין יאר 1956, זיי דראען מיט קריג און מיר האבן זיי געזאגט און מיר זאגן: אהלאן און סאהאלאן, ביטע זייער, מיר זיינען גרייט זיך צו טרעפן מיט אייך״!

אן אילוזיעס

פייערליך און מיט גרויס פאמפע האט נאצער געשלאסן דעם טיראן־דורכגאנג, פון א פארטיידיקונגס־אפאראטיוו איז דאס מצרישע מיליטער אריבערגאנגען אין אפענסיווער לאגע. די ערשטערונג האט ארומגענומען גאנץ ישראל. דער אויסערן־מיניסטער אבא אבן איז געלאפן קיין אמעריקא בעטן זי זאל באווירקן נאצערן ער זאל צוריק פריי מאכן די טיראן־דורכגאנגען, קומענדיק אהין האט ער שוין געפונען דרינגענדע דעפעשן פון ירושלים, אז דער ערשטער פראבלעם אין זיינע פארהאנדלונגען זאל זיין — די געפאר פון טאטאלער פארניכטונג פון ישראל. יעצט איז געווען קלאר אז די אראבער מיינען עס ערנסט צו פארניכטן ישראל און אירע צוויי און א האלב מיליאן מענטשן — אריינווארפן אין ים און דאס איז ניט א פוסטע בארימעריי. די ישראל בירגער קענענדיק גוט די אראבישע מענטאליטעט, האבן אפילו זיך ניט געפרווט צו טרייסטן מיט פוסטע אילוזיעס און האבן געוואוסט געגוי וואס ווילן די אראבער און צו וואס זיי זיינען פעאיק.

ישראל האט מאביליזירט אלע אירע פאטענציאלן. די אלגעמיינע מאביליזאציע האט פאקטיש שטיל געשטעלט דאס גאנצע לאנד. די צייטונגען פון לבנון האבן אפן ערקלערט אז „ישראל וועט צוזאמענפאלן אן א שאס״, זיי האבן געגעבן צו פארשטיין אז דאס לאנד וועט ניט קענען לאנג אויסהאלטן אין אזוינע באדינגונגען, ניט האבענדיק קיין הינטער־לאנד און קיינע רעזערוון וועלכע זאלן זיין בכוח צו באוועגן ווייטער די לעבנסוויכטיקע ווירטשאפטליכע רעדער, אין דער צייט וועט די אראבישע לענדער האבן כמעט א אומבאגרענעצטן מענטשן און ווירטשאפט פאטענציאל, און די אלגעמיינע מאביליזאציע האט ניט געשעדיקט די לעבנסוויכטיקע און אפילו די צווייט־ראנגיקע ווירטשאפטליכע צווייגן.

אינ׳ם טאג־באפעל פון מארשאל עמאר פון 2־טן יוני ווערט געזאגט, אז קיין שום לאנד וועט דאסמאל העלפן ישראל, זי וועט שטיין איינע אליין ניט נאר געגן מצרים נאר געגן אלע אראבישע לענדער וואס רינגלען איר ארום. אויך אמעריקא וועט זיך יעצט ניט אריינמישן, טראץ דעם וואס דער זעקסטער אמעריקאנישער פלאט פירט דורך מאנעווערס אין דעם געגנט, ווייל רוסלאנד האט פעסט באשלאסן זיך פאקטיש אריינמישן אויב אמעריקא וועט אריינגיין אין קריג. און ישראל אליין, אפגעזונדערט וועט זיך ניט קענען האלטן פון מיליטערישן שטאנדפונקט, אבער אפילו אן דעם וועט זי ניט אויסהאלטן אין דער לאגע פון דער אלגעמיינער מאביליזאציע, וועלכע האט אפגעשטעלט איר ווירטשאפט אין גאנצן.

אין דער זעלבער צייט האט אויך נאצער געגעבן די מאנעווער פאר דער פארוואלטונג פון די ארבייטער פאראיינען, ער האט גערעדט רואיק, אן פראזאלאגיע און אן דעמאגאגיע, און ווי איינער פון די קארעספאנדענטן האט געזאגט: איז דאס געווען אזוי ווי א פרייוואטליכער געשפרעך, נאצער האט צוו. א. געזאגט:

„דאָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלאַנמעסיק, מיר האָבן שטענדיק געוואָלט שליסן די טיראַן־דורכגאַנגען, מיר האָבן געוואַרט אויפן טאָג ווען מיר וועלן זיין גרייט צו דעם. איך זאָג גאָרנישט ניט האַבענדיק פאַר זיך אַ קלאָרן דורכגעט־ראַכטן ציל. פאַר אַ יאָר אַדער צוויי האָב איך זיך ניט געשראָקן און ניט געצווייפלט צו זאָגן אַז מיר האָבן ניט קיין פּלאַן צו באַפרייען אונזער געליבטעס פּאַלעסטין, איך האָב זיך ניט אָפּגעשראָקן צו זאָגן דיאַ רייד וועלכע זיינען ניט געווען באַליבט און גאָרניט געגעבן צו הויבן אונזער פּרעסטיזש. איך האָב אָבער ניט פאַרגעסן אויף קיין איין מינוט אַז מיר האָבן פייערליך געשוואָרן צו באַפרייען דאָס לאַנד וואָס די אידן האַלטן מיט כוח און פאַרראַט, און איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט זיך צו באַפרייען פון דעם, אָבער איך האָב באַשלאָסן קיין איין טריט ניט טאָן וואָס קען ברענגען צו מלחמה ניט זייענדיק זיכער אין נצחון, לעצטנס מיינען מיר אַז מיר זיינען שוין גענוג שטאַרק אַז מיר זאָלן געווינען אויב מיר וועלן דאַרפן קעמפן. און אין דעם מאָמענט האָב איך באַשלאָסן שנעל צו האַנדלען. מיר האָבן געוואוסט אַז דאָס באַוועלטיקן פון שרעם־אַ־שייך הייסט אַ צוזאַמענשטויס מיט ישראל, מיר האָבן געוואוסט אַז ישראל קען דאָס ניט פאַרשווייגן, מיר האָבן געגאַנגען מיט דעם וועג וויסענדיק קלאָר אַז מיר זיינען גרייט צו אַ טאָטאַלן קריג מיט ישראל. די פאַרשטייער פון דער תל־אביב רעגירונג האָבן פאַרשפּרייט ליגנס אַז מיר זיינען ניט בכוח צו קעמפן ווייל דאָס מצרישע מיליטער איז פאַרנומען מיטן קריג אין תימן, אָבער יעצט וועלן זיי זען אַז זיי האָבן געלעבט אין אילוזיעס".

אויב וואָר עס איז האָט נאָך געצווייפלט אין די כוונות פון נאַצער, האָבן זיינע דאָזיקע רייד יעדן צווייפל אַראָפּגענומען.

מלחמה — אלס לעצטער מיטל

די רעאַלע און טרוקענע אויסרעכענונגען אין די שווערע טעג פאַר דער זעקס־טעג מלחמה האָבן גאָרניט געקענט געבן צו הויבן דעם אָפּטימיזם און דעם זיכערהייטס געפיל אין ישראל. דאָס אַרויסטרייבן פון די אונאָ זעלנער און אַריינטרעטן פון מצרישן מיליטער אין סיני, איז געווען אַ גענוגענדע סיבה צום קריג. אָבער קיינער אין לאַנד האָט אין דעם מאָמענט ניט געטראַכט וועגן אַ צוזאַמענשטויס מצד די אידן. אפילו די ראַדיקאַלע קרייזן האָבן געבעטן ג־ט אויף אַ פרידליכער לעזונג, אַדער וויינקסטנס, אָפּשטופּן דעם אומפאַרמיידליכן מיליטערישן קאָנפליקט, אויף אַ צווייטער צייט. קיין גרויסע האָפענונג האָט קיינער ניט געזען אין דער רייזע פון אויסערן מיניסטער אין די מערב אייראָפּייאישע הויפּט־שטעט, אָבער אפילו די דאָזיקע מינימאַלע האָפענונג האָט אויסגעזען יעצט בעסער ווי וועלכע אַנדערע עס איז לעזונג פון׳ם קריזיס.

אין דער קריזיס־צייט איז די אידישע רעגירונג געווען גרייט זיך צוזאַמענ־

ריידן, זיך באַנוגענען מיט געוויסע צוזאָגן אַנשטאָט די אונאַ זעלבער, אָבער דער מיצרישער דיקטאַטאָר האָט ניט געלאָזן קיין צווייפל אַז דאָס שליסן די טיראַן־דורכגאַנגען, איז דער ערשטער רינג אין קייט פון ווייטערדיקע שטרייטיקייטן געגן ישראל. זייענדיק געפאַנגען פון זיינע אייגענע פאַנטאַזיעס וועגן נצחון, האָט ער ניט אויפגעהערט צו וואַרפן לאָזונגען און פאָדערונגען. עס איז געקומען די צייט אַז ישראל זאָל פאַרלאָזן אילת, נאָך אילת — דעם נגב, לוד און רמלה און פון דאָרט איז שוין דער וועג קיין תל־אביב און גאַנץ ישראל — זייער נאָענט. קאַהיר ווי ירושלים האָט שוין ניט געהאַט קיינע אילוזיעס וועגן זיך צוזאַמענריידן. עס איז געווען קלאָר אַז עס איז ניטאָ קיין אויסוועג אויסער קריג.

עס איז שווער צו באַשטעטיקן דער מיינונג פון פאָליטישע בעאָבאַכטער וועלכע האָבן דאַן געזאָגט, אַז נאַצער זוכט נאָר פּרעסטיזש־דערגרייכונגען, ניט וועלנדיק צו ריזיקירן אַ קריג מיט ישראל, און ער וויל עס דערגרייכן דורך דראָונגען און אָוועקשטעלן ישראל פאַר געשעענע פאַקטן ווען זי געפינט זיך אין אַ שווערער לאַגע, ווי געזאָגט, עס איז שווער צו גלייבן אָבער אויך צו לייקענען, עס קען אָבער זיין אַז דאַן האָבן די מצרים געגלייבט אַז ישראל וועט ניט ריזיקירן מיט אַ מלחמה, כאָטש אפילו די פעטליע האָט ענגער איר אויפן האַלדז און די צייט ווירקט געגן איר, ווייל דאָס אַריינמאַרשירן פון מצרישע און עיראַקישע מיליטער אין ירדן — האָט געהייסן אַריבערפירן דעם קריגס־פּלאַץ פון סיני נענטער צו תל־אביב, און ישראל אַ קליינע מיט אומנאַטירלעכע גרענעצן וועט דאָס ניט קענען דערלאָזן אויב זי וויל ווייטער עקזיסטירן.

אַנדערע ווייטער, זאָגן אַז נאַצער האָט בכלל ניט געוואָלט אַרויסטרייבן אינגאַנצן די אונאַ מיליטער, און דאַן, אַלס לאָגישער קאָנסעקווענץ — דאָס שליסן די טיראַן־דורכגאַנגען און צוזאַמענשטויס מיט ישראל. נאָר דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער אונאַ ער האָט עס איבעראַשט דער גאַנצער וועלט, ישראל און די אַראַבער איינגערעכנט, ווייל ער האָט גלייך אָנגענומען די פאָדערונגען פון נאַצערן און האָט אים געשטעלט אין אַ שווערער לאַגע שטעלנדיק אים דעם שווערן אויסוואַל — אָדער אינגאַנצן אָדער אינגאַנצן־ניט קומט אויס, אַז אָר־טאַנט, ער האָט עס אַריינגעפירט מצרים אין דער פאַרוויקלטער לאַגע אָן אַ אויסוועג. אָבער פאַקטיש שפּילט ניט קיין ראָליע ווי אַזוי און וואָס עס האָט געבראַכט נאַצערן צו זיינע שריט, ווייל אויב אפילו דער צוזאַמענשטויס האָט אים איבעראַשט, האָט ער אָבער פאַר אים זיך ניט געשראָקן אַזוי ווי ישראל, ווייל קיינער אין דער וועלט האָט ניט געקענט זיך ניט וויסענדיק־מאַכן פון די פאַקטן, גאַנץ אָביעקטיוו גענומען, אַז אין אַלע היניזיכטן זיינען די אַראַבער שטאַרקער פון ישראל. אין אויסריכטונג, געווער, שווערע און לייכטע, מענטשן־רעזערוון, סטראַטעגישע פּונקטן אויפן ים און אין דער לופט, די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין אַ קריג.

ישראל האט טאקע געהאט א אייזערנעם ווילן צו זיגן, אבער קיינע מעגליכ־קייטן. אין די קולארן פון דער כנסת האט דער לאנגיעריקער פרעמיער און פארטיידיקונגס מיניסטער בן־גוריון, וועלכער קען צה״ל בעסער פון אלעמען, געפאדערט אלץ צו טאן כדי אויסמיידן קריג ווייל אלץ באווייזט געגן אונז, אין אונענדליכע זיצונגען האט די ישראל רעגירונג ניט געפרווט צו באהאלטן איר צווייפל קאפ־צוברעכן צו מ׳וועט טאקע קענעןביישטיין אין קאמף געגן אלע אראבישע לענדער. דאס פאלק איז געווען נידערגעשלאגן און צוטומלט. אין פארלויף פון לאנגע יארן האט דאס פאלק געהערט רעדעס און ערקלערונגען פון די מיליטערישע פירער, אז די אראבישע סאלדאטן זיינען ניט אזוינע ווי אמאל, דער מיצרישער סאלדאט איז מיליטעריש גוט געשולט, איז גוט באוואפנט און דיסציפלינירט, פארוואס זיי האבן איבערגחזרט די רייד ווייס מען ניט און עס איז אויך ניט וויכטיק, אבער יעצט, אין אנבליק פון נאצערס שטארקער האלטונג און דער שוואכער, שאקלענדיקער האלטונג פון דער ישראל רעגירונג, קען מען זיך פארשטעלן וואס עס האט זיך געטאן אין הארצן פון יעדן אידן אין ישראל, וועלכער האט מיט ציטער געזען ווי דער פאליטישער קריזיס פארוואנדלט זיך שנעל אין א מלחמה קריזיס.

דער פחד פארן בלוט־פרייז!

די ישראל רעגירונג האט ניט געקענט קומען צו א איינשטימיקן באשלוס, חאטש די זיכערקייט פון די אראבער אינ׳ם זיג האט ניט איבערגעשראקן די רעגירונגס קרייזן אין ירושלים, אבער אלע האבן זיך געשראקן פארן בלוט־פרייז וואס מיר וועלן דארפן צאלן פאר דער מלחמה, און דאס איז געווען די סיבה וואס מען האט געוואלט אויסמיידן גורל׳דיקע באשלוסן. צופיל בלוט האט דאס אידישע פאלק פארלארן אין די לעצטע דורות, ווערמענס האנט וועט זיך יעצט אויפהויבן כדי צו באשטימען נאכאמאל דאס פליסן פון אידיש בלוט?

אין דעם אומאפהענגיקייטס קריג האבן אידן געצאלט מיט העכער 5000 קרבנות. די סיני־אקציע האט געקאסט 171 הרוגים און הונדערטער פארוואנדעטע, די פארהעלטניסמעסיק קליינע צאל קרבנות פון די סיני־אקציע איז געווען ווייל פראנקרייך און ענגלאנד האבן פארשטעלט די הימלען פון סיני מיט א לופט־שירעם און געענייט דאס מיצרישע מיליטער זיך צוריקציען, באדראענדיק קאהיר. יעצט איז קיינער ניט געווען אויף אונזער זייט, וואס זשע וועט זיין יעצט דער פרייז וואס מיר וועלן דארפן צאלן אינ׳ם נייעם קריג, האבן אלע געפרעגט אין שרעק?

אידן אין דער גאנצער וועלט, פילענדיק די געפאר אז עס האלט ווידערביים פארגיסן אידיש בלוט, האבן מאסענווייז געשפענדעט זייער בלוט און עס איבערגעשיקט קיין ישראל, איבערן גאנצן לאנד זיינען טויזנטער מענשן געשטאנען אין דער רייה, כדי צו געבן זייער בלוט. אויפן פראנט זיינען

געזעסן די הונדערטער טויזנטער אויף שנעל מאביליזירטע סאלדאטן, וועלכע האבן געדאגה׳ט פאר זייערע פאמיליעס מער ווי פאר זיך, ווייל אין דער צייט איז קיין הינטערלאנד בכלל ניט געווען, די גאנצע לאנד איז פארוואנדלט געווארן אין איין ריזיקן פראנט, אין דער ערשטער פראנט־ליניע. ס׳איז געווען קלאר אז דער אראבישער שונא וועט זיך ניט רעכענען מיטן זשענעווער אפמאך און ניט מיט די עלעמענטארסטע קריגס־רעגעלן, און אז ער וועט זיך באגיין מיט דער ציווילער באפעלקערונג מיט דער זעלבער רציחה און דורשט צו פארניכטונג אלץ און אלעמען — ווי אויפן פראנט. ס׳איז גאר קיין ספק ניט אז ווען א ניט זעבארע האנט, די השגחה העליונה, וואלט זייערע הענט ניט געבונדן, זייערע פליער און באמבארדירער, וואלט זייער פיל בלוט פארגאסן געווארן אין לאנד. גאנץ בארעכטיקט איז געווען דער באשלוס פון דעם אויסנאם־צושטאנד קאמיטעט ביי דער שטאט פארוואלטונג פון תל־אביב צוצוגרייטן אלע עפענטליכע פארקן פון שטאט אלס בית הקברות, די דראסטישע שריט אויפצושטעלן נאך צענדליקער שפיטאלן אויפצונעמען די טויזנטער פארוואנדעטע, פרויען, זקנים און קינדער פון הינטערלאנד. ווען דאס לאנד וואלט געהאט א הינטערלאנד וואו מען האט געקענט אריבערפירן די אלע וואס קענען ניט מיטהעלפן אין קריג, וואלט מען עס געוויס געדארפט טאן, אבער ווי געזאגט, קיין אנדער ארט איז ניט געווען, די רעגירונג האט געמאכט פארצווייפלטע שריט צו באקומען גאז־מאסקן פארן פאל פון א גאז־אפענסיווע אויף די באפעלקערטע צענטערן אין לאנד. שפעטער האט זיך טאקע ארויסגעוויזן אז אין סיני האט מען געפונען צוויי פולשטענדיק פארטיקע לאבאראטאריעס פאר גאז, מען האט אויך געפונען באלאנען מיט גאז, דאס האט מען זיי אנגעגרייט פאר דער ציווילער באפעלקערונג פון ישראל.

אלע האבן געוואוסט אז דער אידישער זעלנער מוז און וועט קעמפן ביזן סוף, ער האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט, מען האט געוואוסט אז יעדער אידישער זעלנער וועט וואנדער באווייזן און ניט דערלאזן אז די אראבער זאלן איינגעמען אידישע שטעט און רויבן און פארניכטן אלץ. מען האט געוואוסט אז די אויבערהאנד פון די אראבער אין אויסריכטונג, שווער־קאליבערדיקע געווער, טאנקן און עראפלאנען, וועט צוריבן ווערן אנטקעגן דער גבורה און מסירות נפש פון די אידישע זעלנער, וועלכע וועלן קעמפן כדי צו לעבן פאר זייערע טייערע און פאר זיך, ווייל דאס ווייס מען, אז טראץ אלע טעכנאלאגישע פארטשריטן, בלייבט דער מענש דער קעמפער, ער פירט דעם טאנק און עראפלאן און ער געווינט אדער פארלירט דעם קאמף.

אבער אפילו די געשווארענע אפטימיסטן האבן מודה געווען אז דער פרייז וואס מיר וועלן דארפן צאלן וועט דאסמאל זיין זייער טייער. אין זייער א סאך סאלדאטן און ציווילער באפעלקערונג.

בעסער א פאליטישער אויסוועג

אין דער רעגירונג זיינען געווען מיינונגס־פארשיידענהייטן. מאנכע האבן געפאדערט זיך איינהאלטן, זוכן א פאליטישן אויסגאנג, טאן וואס נאר מען קען כדי אויסצומיידן אידישע בלוט־פארגיסונג ווען נאר עס לאזט זיך. אנדערע האבן געפאדערט א מיליטערישע אקציע, זיך ניט פארלאזן אויף פאלשע אילוזיעס אז מען קען דורכקומען, טענה'דיק אז דאס אפשטופן וועט ניט אויסמיידן קיין בלוט־פארגיסונג, אז די פארניכטענדע אראבישע שווערד מוז אדער צובראכן ווערן אדער ארויסגעריסן ווערן פון די בלוטדורשטיקע הענט, אודאי איז די מלחמה פארבונדן מיט זייער פיל קרבנות, אבער דאס אפשטופן דעם באשלוס וועט נאר פארגרעסרן די פארלוסטן. די רעגירונג האט איינשטימיק באשלאסן אפצווארטן, אפשר וועט זיך דאך געפינען א אויסוועג אן מלחמה.

די הויכע אפיצערן פון צה"ל האבן אויך געפאדערט אקטיוויטעט און זיך פארלאזן אויף צה"ל מיט די זעלבע ארגומענטן ווי שוין דערמאנט, זיי האבן נאך צוגעגעבן אז דאס לאנגעווארטן פון הונדערטער טויזנטער סאלדאטן אין מדבר אין די היצן, פארדאגה'ט וועגן זייערע משפחות ערשיטערט דעם מאראל פון דער ארמיי.

זייער אסאך זיינען געווען זיכער אז צה"ל וועט געווינען דעם קריג, אבער ווער האט עס געגלויבט אין אזעלכע נצחונות און ווער האט עס געחלומט וועגן אזא צושמעטערנדיקער מפלה פון די אראבער ?. ווען גענראל מרדכי הוד, קאמאנדיר פון דער אוויאציע, האט פארגעלייגט זיין פלאן וועגן א קאנצענטרירטער גענעראל אפענסיווע אויף אלע אערא־באזיסן פון מצרים, האט מען זיך זייער געקווענקלט צו מען זאל אים אננעמען. מען האט אים דאך באשטעטיקט מיט ציטערניש און ווייל קיין אנדער אויסוועג איז ניט געווען, און די פאלגן האבן טאקע געוויזן אז דאס שרעק איז געווען באגרינדעט, ווייל נאר א וואנדערבארער פאקטן־צוזאמענשטעל, נסים אין פולשטענדיגן זין פוןווארט — וואס קיינער האט עס בשום אופן ניט געקענט פאראויסזען — האט געבראכט צו דעם אז דער פלאן איז דורכגעפירט געווארן פולשטענדיק, מיט אזא אויסערגעווינליכער הצלחה, אז נאר א נס קען עס ערקלערן ווי דאס איז פארגעקומען.

משה דיין, דער פארטיידיקונגס מיניסטער אין דעם קריגס־קאבינעט — איז געווען אפטימיסטיש און האט ערקלערט אז ער איז פולקאם איבערצייגט אז אויב עס וועט אויסברעכן א קריג וועלן מיר אים געווינען, און אז מען האט אים געפרעגט וואס זאגט ער צו דעם אז די מענשן אין ישראל גייען ארום מיט א געפיל אז דאסמאל וועט דאס אונז קאסטן זייער טייער, האט ער אפענהערציק געענטפערט: „איך גלויב אז זיי זיינען גערעכט, עס איז יעצט ניט וויכטיק ווי אזוי האט זיך אנגעהויבן דער קריג אין סיני אין יאר 1956, א פאקט איז אז דאן האבן ענגלאנד און פראנקרייך אונז באשיצט מיט א לופט־

שירעם און מיר האבן געגעסן די פרוכטן, ווייל זיי האבן גענומען אויף זיך דעם פייער פון די מצרישע סאלדאטן, היינט וועלן ענגלאנד און פראנקרייך זיך ניט פארנעמען מיט די מצרישע לופט פלעצער און קיין לופט־שירעם וועט אונז ניט באשירעמען וועט עמיצער דארפן באצאלען פאר דעם.

צווישן די אלע וואס האבן ערקלערט און דעקלארירט פיל מאל אז מיר וועלן קעמפן ביזן לעצטן טראפן בלוט אז מיר וועלן ניט אפלאזן קיין ברעקל ערד, אז מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן א. א. וו. — האט זיך דען געפונען אפילו איינאונאיינציקער מענש וועלכער האט דאן געטרוימט אז די השגחה אליין וועט אונז באשירעמען מיטן בעסטן און זיכערסטן לופט־שירעם וואס קען נאר זיין, און וועט ניט לאזן אפילו אנרירן א אידישן ישוב?

אין ערשטן טאג פון דער מלחמה, ווען אלע אראבישע ראדיא־סטאציעס האבן זיך געריסן די העלדזער שרייענדיק אז תל־אביב און חיפה שטייען אין פלאמען פון די אראבישע באמבעס, האט קיינער אין דער וועלט ניט געצווייפלט אז די אראבער קענען עס טאקע מאכן, פארברענען תל־אביב און חיפה, פארניכטן גאנץ ישראל, אויסראטן אירע צוויי און א האלב מיליאן איינוואוינער. די ציווילע־שוץ־בריגאדן איבערן לאנד האבן זיך געגרייט צו א שוידערליכער, עקשנות׳דיקער שווערער פייער־און־בלוט־ארבייט. האט זיך עמיצער גערעכנט אז דאס באמבארדירן פון ישראל וועט זיך איינשרענקען אויף נאר איין באמבע פון נאר איין עיראקישן עראפלאן, מיט דעם האט זיך דאס אנגעהויבן און מיט דעם געענדיקט. אויסער ירושלים, וואס האט נעבאך געמוזט אויסטרינקען דעם ביטערן כוס פון דער אראבישער באמבארדירונג, ביז מען האט זיי פארניכטעט און פארטריבן פון דער גאנצער מערב־זייט פון ירדן.

געציילטע טעג פאר דער מלחמה האט לוי אשכול זיך געווענדעט צו די מערב׳דיקע גרויס־מאכטן זיי זאלןביישטיין ישראל אין איר שווערער לאגע, ער האט דאן אויסגעדריקט דעם ווילן פון פאלק וואס איז גרייט געווען צו זוכן וועלכן עס איז אויסוועג אבי ניט קיין מלחמה. יעצט, נאכן זעקס־טעג־קריג. איז אויפגעשטאנען אין ישראל א באוועגונג וואס פאדערט די גאנצקייט פון ישראל, און איז געגן יעדן מינדעסטן ריקצוג פון די אייגענומענע שטחים, מיט דער גערעכטער טענה אז קיין שום גאראנטיע אדער פאליטישער אויסוועג וועט ניט זיין בכוח צו גאראנטירן די זעכערקייט פון ישראל אויף אלע אירע גרענעצן, ווי די אידעאלע גרענעצן יעצט, וועלכע דערווייטערן ווי ווייט מעגליך דער ממשות־דיקער סכנה פון א איבערפאל מצד וועלכער עס איז אראבישער לאנד.

די שונאים פון ישראל פארלייקענען דעם היסטארישן אמת און פרוון אוועקשטעלן ישראל אלס אנגרייפערין און אלס שולדיקע אין דער מלחמה ווייל זי האט געפירט א קריגערישע פאליטיק. אבער צוויי וואכן פארן קריג, ווען ישראל אנגעשראקן און פארצווייפלט האט געבעטן הילף, ווען אלע האבן

געגלויבט אז די אידישע מדינה שטייט פארן אונטערגאנג און אירע בירגער — צום פארניכטונג — דאן האט קיינער ניט באשולדיקט ישראל אז זי איז די אנגרייפערין, אומגעקערט, ישראל האט מען באצייכנט אלס פארלארענע, איבערן גאנצן מיטעלערן מזרח האבן געבושעוועט די צווישעטע אראבישע מאסן, זעענדיק אין זייערע צושפילטע פאנטאזיעס דעם נצחון אין קעשענע.

אין דער צוואה וואס פעלדמארשאל עמאר האט געלאזן נאך זיין מיסטעריעזן טויט, טענה'ט ער אז זיין לאנד איז פארוויקלט געווארן אין דעם קריג ניט זייענדיק צוגעגרייט בכלל און ניט באשטימענדיק דעם אומגליקליכן טאג פון אים. ער באשולדיקט נאצערן אז ער האט געהאנדלט ניט באטראכטערהייט און אזוי ארום פארוויקלט זיין לאנד אין א מלחמה און אין א מצב אן א אויסגאנג. אינטערעסאנט איז אז עמאר באשולדיקט ניט ישראל אז זי איז אנגעפאלן נאר באשולדיקט די פאליטישע פירער פון מצרים אז זיי טראגן די דירעקטע פאראנט־ווארטליכקייט פאר דאס וואס עס איז געשען. גענוי ווי אלע אביעקטיווע און נויטראלע פאקטארן אין דער וועלט, איז אויך עמארן געווען קלאר אז ישראל איז ארייגעשלעפט געווארן אינ'ם קריג געגן איר ווילן, אזוי ווי מצרים איז ארייגעשלעפט געווארן אין איר אומגליק דורך ניט דורכגעטראכטע האנדלונגען.

דער פאקט וואס די ישראל רעגירונג האט זיך אזוי לאנג געקווענקלט און ניט געוואוסט וואס צו טאן, ווייזט קלאר אז קיינער פון דער רעגירונג האט קיין האר ניט פאראויסגעזען די אלע וואונדערליכע געשעענישן. א טייל מיניסטארן האט געצווייפלט צו צה"ל איז בכוח אויסצוהאלטן. ווארום אויב די ישראל רעגירונג וואלט טאקע פאראויסגעזען אזוינע נסים, וואלט זי דאך אזוי לאנג זיך ניט געקווענקלט און אטאקירט מצרים גלייך ווי נאצער האט געשלאסן די טיראן־דורכגאנגען, וואלט זי געוויס ניט ארויסגעוויזן איר שוואכקייט פארן גאנצן פאלק און דער גאנצער וועלט, וואלט אשכול ניט געווען געצווינגען אפצולאזן דעם פארטיידיקונגס מיניסטעריום וואלט מען דעם פאלק אין ישראל און דעם גאנצן אידישן פאלק אין דער גארער וועלט — ניט געהאלטן צוויי וואכן לאנג אין אזא נערוון־צורייסענדיקע שפאנונג, צוויי וואכן וואס האבן אויסגעזען ווי צוויי לאנגע יאר.

עס איז דעריבער קלאר אז ישראל איז ארייגעשלעפט געווארן אינ'ם געראנגל געגן איר ווילן, זייענדיק צושראקן און אומצופרידן. און אויך אויף מצרים איז די מלחמה ארויפגעצוואונגען געווארן געגן איר ווילן.

צווייטער קאפיטל

מיר וועלן אריינווארפן די אידן אין ים

פון יעדר שורה פון דעם בוך פון מצרישן דיקטאטאר עבדול נאצער „די רעוואלוציע", שרייט ארויס זיין דראנג צו טראגן דעם טיטל פון א פאלקס־העלד, וועמען עס האט זיך איינגעגעבן צו באוועלטיקן זיינע אויסערליכע און אינערליכע געגנער. ער הערט ניט אויף איבערצוחזרן זיין ציל: צו זיין דער שטארקער פירער וואס האט מיט כוח בייגעקומען אלע זיינע געגנער. א סאך מאל באשטימט נאצער אין זיין בוך: „איך האב אומגעקערט דעם אראבישן פאלק זיין כבוד".

און לויט דער מיינונג פון נאצערן און דער טעאריע וואס הערשט אין קאהיר און די אנדערע הויפט־שטעט פון די אראבישע לענדער — איז זייער כבוד געשענדעט געווארן אין דעם אומאפהענגיקייטס קריג פון יאר תש"ח דורך די 600.000 אידן אין ארץ־ישראל. די ליידן פון די הונדערטער טויזנטער אראבישע פליטים וועלכע ווערן געהאלטן, אין א סאך פאלן, געגן זייער ווילן און אין שווערער באדינגונגען אין די פליטים לאגערן — רירט ניט אן דעם פירער, ווי דער געשענדעטער כבוד אין דער מפלה פון יאר תש"ח און דעם סיני־קריג. ניט צו פארטיידיקונגס־צוועקן אדער אויס מורא פאר דער פונאנדערשפרייטונג פון ישראל האט מצרים אויסגעגעבן 4 מיליארד דאלאר ביים קויפן געווער פון רוסלאנד, דאס געלט איז אויך ניט אויסגעגעבן געווארן צוליב הומאניטארע צוועקן אדער מיטן ווילן צו העלפן די אראבישע פליטים. די 9 מיליארד דאלאר וואס אלע אראבישע לענדער האבן אויסגעגעבן כדי זיך צו באוואפענען זיינען באשטימט געווען: „אומצוקערן די אראבער זייער כבוד", און דער כבוד וועט אומגעקערט ווערן אויפן שלאכט פעלד געגן ישראל.

דאס איז פארוואנדלט געווארן ביי זיי אין א לעבנס־דראנג. דאס מעגליכע און אוממעגליכע איז געווארן ביי זיי צוזאמענגעמישט. זיי האבן שוין געזען ישראל א צובראכענע, וואס גייט אפ מיט בלוט, די אידן — אויסגעשאכטן מאסענווייז, די פרויען — אין געפאנגענשאפט און די גאנצע אראבישע וועלט טרומייטערט אין פייערליכקייטן לכבוד די העלדישע פירער און ספעציעל לכבוד דעם „טיגער" נאצערן.

דער דראנג נאך נקמה איז מיט דער צייט פארוואנדלט געווארן אין א שרעקליכן האס, איז א איד געהרגעט געווארן, איז ביי זיי געווען א גרויסע

שמחה. דער געדאנק וועגן אויסראטן ישראל איז ניט נאר געווארן גערעכטפערטיק נאר זיי האבן געזען אין דעם א גערעכטיקייט. די שנאה צו ישראל איז פארוואנדלט געווארן אין א תהומ'ישער שנאה צו יעדן אידן. ניט לאנג איז ערשינען א בוך פון דעם אראבישן שריפטשטעלר עזאדז נויהאד וועגן די „פראטאקאלען פון די זקני ציון", דארט רעט ער מיט באוואנדערונג וועגן היטלער און די נאציס, שטראלט פון די שוידערליכקייטן פון טרעבלינקע און אוישוויץ און רעט אפילו ליבנסווירדיק וועגן המנ'ען. דעם אויסראטן פון אידישן פאלק זעט ער אלס אויפגאבע פון דער מענשהייט און אלס אקט פון צדק און יושר.

אין אזא שטימונג פארשטייט זיך אז יעדער ידיעה וועגן א מלחמה געגן ישראל, איז אויפגעכאפט געווארן מיט התלהבות אין אלע אראבישע לענדער און בפרט אין מצרים, וואו מען האט גערופן צו א „גזשיהאד", א הייליגער מלחמה געגן די אידן. הערנדיק די מלחמה־גלאקן קלינגען האבן די פאנטאזיעפולע אראבער שוין געזען זייער נצחון, און נאצער, דער פירער איז ניט געווען גענוג שטארק כדי איינצוצאמען דער ווילדער פאנטאזיע. געשטויסן אליין פון פאנטאזיע האט ער דערפירט צום היסטארישן צוזאמענשטויס.

די רייכע פאנטאזיע וואס האט אנגענומען ממשות'דיקע פארמען איז געקומען צום אויסדרוק אין פארשיידענע דערשיינונגען. מצרישע מאלער און דיכטער האבן געמאלן בילדער און געשריבן לידער לכבוד די העלדן אויפן שלאכט־פעלד, יעדער דורכפאל האט די מיצרישע פראפאגאנדע פארוואנדלט אין א זיג. אין אזא ווילדער אטמאספערע האט נאצער זיך ערלויבט צו האנדלען אזוי, אז דאס האט זיך אין אים זייער שווער נוקם געווען און האט אים צוגעפירט צו דער מלחמה וועלכע איז צוגעקומען ביז די טויערן פון מצרים.

די גלעלעגנהייט צו דעם האט דאסמאל געגעבן סיריע. איר רעגירונג האט עס אנגערייצט אלעמען אנצוהויבן „א פאלקס־באפרייאונגס־קריג" און גלייכצייטיק האט זי אנגעשטעלט א פנים ווי א באפאלענע. אירע רעדל פירער האבן ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דער סכנה וואס דראט איר פון ישראל וועלכע שטעלט אן אויף איר אלע אירע כוחות. דער פארגעלטיקונגס־אקט פון ישראל דעם 7 טן אפריל, אין וועלכן ישראל אעראפלאנען האבן זיך ארומגעדרייט פריי און אפן איבער דמשק, האט ארויסגערופן א אלגעמיינע היסטעריע.

"דער אראבישער נקמה און פארניכטונגס מיטאס"

דער דראנג פון נקמה און מארד פון די צוויי און א האלב מיליאן אידן אין ישראל, האט ארומגענומען ניט נאר די פירער און העצער, נאר, נאך צען יאר ווילדער העצע, איז עס געווארן א טייל פון אראבישן דא־זיין, למעשה איז דאס דער ווילן פון אלע אראבער זינט דעם אומאפהענגיקייטס קריג.

היסטאריש גענומען, האבן די אראבער ניט געזיגט און ניט געווען זעלבסט־

שטענדיק אין פארלויף פון הונדערטער יארן, אויסער קריגערייען און אינערליכע שטרייטיקייטן צווישן זיך אליין. אויסער אין די צייטן פון צלאח־א־דין און זיינע הארדן וועלכע האבן איינגענומען לענדער, אויסגעשאכטן אלע מענשן, אלץ פארניכטעט — געטרייער לויט דער מוסלאמענישער טראדיציע פון „דין מוחמד בחרב". גאנצע קהלות זיינען אויסגעראטן געווארן דורך דער אראבישער שווערד, פאקטיש זיינען פארניכטעט געווארן ס'רוב אידישע ישובים אין מיטלערן מזרח, א דאנק די בלוטדורשטיקע געזעצן פון איסלאם. די באדייטונג פון א פארניכטונגס קאמף קעגן דעם געגנער, איז געבליבן ביי די אראבער היינט ווי אין מיטלאלטער. דאס הייסט: פארניכטן, אויסראטן, ברענען, אזוי פארשטייט דער אראבער אויך היינט די באדייטונג פון דער מלחמה געגען ישראל.

ווען אין יאר תש"ח איז געגרינדעט געווארן די אידישע מדינה לויטן באשלוס פון דער אונא און מיט דעם ווילן פון אלע פיר גרויסמאכטן, האבן די אראבער ערקלערט גלייך קריג. די אידן אין ארץ ישראל האבן זיך פארטיידיקט. דאן איז ניט געווען די רייד וועגן נקמה מצד די אראבער, פונדעסטוועגן, ווען די ענגלענדער זיינען ארויס און די אראבישע מיליטער זיינען אריין, האבן די סירישע סאלדאטן געזונגען מיט התלהבות: „אונזער שווערד וועט ניט אריינגעטאן ווערן אין איר שיידל, איידער דער לעצטער טראפן אידיש בלוט וועט פארגאסן ווערן". די מצרישע סאלדאטן, מערסטענטייל אנאלפאבעטן, האבן בכלל ניט געוואוסט וואס עס טוט זיך, האבן זיך אויסגעלערנט צו זינגען: „מיר ווען מארדן, מארדן די אידן, אויפפרייסן זיינע הייזער, א טויט אויף דיר, יאהוד". די ירדנער וועלכע זיינען פאקטיש ארין אין ארץ־ישראל נאך איידער די ענגלענדער זיינען ארויס האבן געזונגען: „מיר וועלן איינעמען דאס באליבטע אראבישע לאנד און מיר וועלן ניט איבערלאזן קיין איין אידן". און די היימישע אראבער האבן כלל ניט אפ־געשטאנען פון זייערע ברידער פון אנדערע לענדער. ווען די קעמפער פון גוש עציון זיינען געפאנגען געווארן דורך די לעגיאנערן, האבן זיך די אראבער געבעטן ביי די ירדנישע סאלדאטן זיי זאלן זיי ערלויבן אויסשעכטן די אידן אנשטאט זיי נעמען אין געפאנגענשאפט, דאס איז געווען שוין נאכדעם ווי די לעגיאנערן האבן אויסגעשאכטן דעם גרעסטן טייל פון די געפאנגענע, און ווען די לעגיאנערן האבן עס ערלויבט, זיינען די אידן אויסגעשאכטן געווארן מיט שודערליכער אכזריות, וועלכע האט דערמאנט דאס אכזריות ביים אויסהרגענען קינדער און אלטע לייט, רבנים און ישיבה־לייט אין יאר תרפ"ט אין חברון.

און דער אראבישער לעגיאן האט שוין געהאט א נאמען פון א סאלידן צווישן די ווילדע אראבישע זעלנער. דער געוועזענער ירדנישער קעניג איז געשטעמפלט געווארן אלס פאררעטער צוליב זיינע ענגע באציאונגען מיט די אידן, אין שפיץ פון לעגיאן זיינען געשטאנען דיסציפלינירטע ענגלישע אפיצערן. גלאב פחה און זיין שטעלפארטרעטער לאש און אנדערע, וועלכע זיינען, לפחות אפיציעל, ניט

געוועזן גרייט צו שעכטן אידן. דער קאמאנדאנט פון דעם אראבישן לעגיאן און מיליטערישער פארוואלטער פון ירושלים עבדאללה אל־טאל, האט מיטגעארבייט מיט דער אידישער פארוואלטונג פון ירושלים אין די ענינים פון וואפנשטילשטאנד א. א. ו.

אל־טאל און זיינע אפיצערן אין ירדן האבן ניט געהאט קיין שום סיבה צו זיין אין כעס און וועלן אויסשעכטן די אידן פון מאה־שערים, צום ביישפיל, וועלכע זיינען מערסטענטייל געווען געגנער פון ציוניזם, אומגעקערט, אנטי רעליגיעזע קרייזן אין אידישן ירושלים האבן אויסגעטראכט אז מאה־שערימדיקע אידן זייגען ארויסגעגאנגען מיט א ווייסן פאן און געפאדערט מען זאל אריבערגיין אין ירדן און זיך געפינען אונטער דער ממשלה פון קעניג עבדאללה, די דאזיקע נארישע באבע־מעשה, א קראנקהאפטע מוח מאכינאציע, איז אבער אויסגענוצט געווארן דורך דער אראבישער און ספעציעל ירדנישער פראפאגאנדע.

פונדעסטוועגן האט דער ירדנישער גענעראל־שטאב באשטעטיקט דעם פלאן פון עבדאללה־א־טאל, דער מיליטערישער גאווערנער און קאמאנדיר פון א אפטיילונג אין לעגיאן, לויט וועלכן ירושלים דארף אטאקירט ווערן, די שטורעם טרופן זאלן זיך אריינרייסן אין ירושלים דורך מאנדלבוים טויער און מוסראראַ, באפאלן דעם מאה־שערים קווארטאל און די אומגעגנט און אויסהארגענען אלע אידישע איינוואינער, צושטערן ביז דער ערד אלע הייזער, כדי די אידן זאלן נאכאמאל זיך ניט באזעצן דארט.

גרייט צו דערפילן די אויפגאבע

נאצער האט צוגעזאגט צו האלטן ווארט און העלפן סוריע „וועלכע שטייט פאר א אידישער אטאקע". דער סירישער פרעמיער ד"ר יוסף זעין און דער אויבערקאמאנדיר גענעראל אחמעד סווידאני, זיינען געלאפן קיין קאהיר, זעין האט געשטראלט פון גליק, ער איז פארבייגעלאפן די פרעסע לייט אויפן פלוג־פלאץ און געזאגט: „ס'איז ניט די צייט פון רייד, די שעה פון מעשים איז געקומען, דאס ווארט האבן די קוילן".

אין די אונטערערדישע פעסטונגען פון ביר־גפגפה, פארזען מיט דער מאדער־נסטער טעכניק איינגערעכנט איירקונדישן, געווארנט אפילו פון א אטאם־באמבע, האט דער גענעראל מורתאדזשי אויפגענומען די פרעסע לייט וועלכע מען האט געבראכט צופליען מיט א ספעציעלן אעראפלאן. מורתאדזשי איז ערשט יעצט איבערגעפירט געווארן פון תימן, כדי צו שטיין אין דער שפיץ פון דער העכער הונדערט טויזנט קעפיקער ארמיי אין סיני. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, רואיק און האט אויסגעזען ווי די מלחמה וואלט שוין געווען הינטער אים: „מיר זיינען יעצט פולשטענדיק גרייט אריבערצופירן דער מלחמה אויפן ישראלישן באדן, האט ער געזאגט, מיר ווייסן וואס דאס הייסט א „הייליגער קריג" (דזשיהאד)

און די מלחמה וועט געפירט ווערן לויט דעם, די פאלגן זיינען שוין קלאר פאר אונז, מיר דערנעענטערן זיך צום ענטגילטיקן קאמף געגן די אידישע עראבערער פון אראבישן פאלעסטין״.

דעם 28־טן מאי האט נאצער צוזאמענגערופן א פרעסע קאנפערענץ אין וועלכער עס האבן זיך באטייליקט 300 פרעסע־לייט פון דער גאנצער וועלט. אויך ער איז געווען רואיק און זיכער ווי די מלחמה וואלט שוין געווען א געוואונענע. „ניט טיראן אדער עקבה (אילת), האט ער געזאגט, איז היינט א פראבלעם, אודאי וועלן שיפן מיט א אידישן פאן שוין קיינמאל ניט דורכפארן טיראן, אבער דער הויפט פראבלעם איז דאס עצם דאזיין פון דאס קריגערישע לאנד, מיר וועלן בשום אופן ניט מסכים זיין צו אונטערהאנדלען מיט איר אדער מיט איר צוזאמענזיין, איר עצם דאזיין איז א באדראונג געגן די אראבישע פעלקער און עס איז געקומען די צייט איר צו פארניכטן, מיר זיינען יעצט גרייט צו ערפילן אונזער אויפגאבע״.

ער האט דערביי אויסגערעכנט זיינע דערגרייכונגען: דאס איינהאלטן דעם קאמפס־גייסט פון די אראבער געגן ישראל; דאס צוריקאויפלעבן און אוועקשטעלן אויפן ערשטן ארט דאס פאלעסטינא פראבלעם אלס וויכטיקסטן אין מיטלערן מזרח; צוריקגעבן דעם איינצלנעם אראבער זיין פערזענליכן כבוד; עס זיינען אפגעשאפט געווארן אלע דערגרייכונגען פון די אידן אין דעם סיני־קריג פון יאר 1956, ד. ה. פארטריבן די אונא ארמיי, פארשפארט די טיראן דורכגאנגען. יעצט דארפן מיר נאך מאכן דעם לעצטן שריט: צונישט מאכן די ישראל דערגרייכונגען פון יאר 1948, ד. ה. אפמעקן דער אידישער מדינה אין הארצן פון אראבישן לעבנסרוים.

אויך דער מצרישער פארלאמענט האט זיך אנגעשטעקט פון נאצערישן ענטוזיאזם ווען ער האט ערקלערט: „צום ערשטן מאל נאך 1948 איז דאס העלדנהאפטע, בארימטע, זיגרייכע אראבישע פאלק געאייניקט הינטער אונז. אונזער שוועסטער סיריע איז קאמפס־גרייט, ירדן האט זיך אנגעשלאסן אן אונזער ארמיי און איר ארמיי שטייט אונטער אונזער קאמאנדא. די בארימטע עיראקישע העלדישע סאלדאטן האבן ארייננמארשירט אין ירדן צוזאמען מיט סאודישע סאלדאטן. די לופט ליניעס פון קואוויט ברענגען סאלדאטן און געווער קיין סיני. דער ליבישער קעניג אידריס שיקט זיינע זעלנער, סודאן האט אויסגערופן א טאטאלע מאביליזאציע גרייט אלץ צו טאן פאר אונזער נצחון, אלגזשיר שיקט גאנצע רעגימענטן מיט פולער אויסריכטונג, אפילו דער טוניסער פרעזידענט האט נאכגעגעבן און איז מודה אין אונזער גערעכטיקייט און איז גרייט צו שיקן זיינע זעלנער צו באפרייען דאס אראבישע פאלעסטין. הונדערט מיליאן אראבער גייען ארויס אין קאמף און קיין שום כוח וועט זיי ניט איינהאלטן צו דערגרייכן זייער ציל, אפצומעקן ישראל״.

געלערנט פון דער פארגאנגענהייט

מצרים סוריע און ירדן האבן גוט געלערנט פון דער לעקציע וואס זיי האבן באקומען אין סיני־קריג. די מצרים האבן אנגענומען דער סאוויעטישער מיליטערישער דאקטרינע, וועלכע לערנט אויסצונוצן ביזן סוף דעם פייער כדי ניט צו ערמעגליכן א ריקצוג. אונטער דער אנווייזונג פון סאוויעטישע ספעציאליסטן האבן זיי אויפגעשטעלט 10 קאמאנדא־גרופן, 5 פאלשירם טרופן וועלכע זיינען ספעציעל טרענירט געווארן צום טאטאלן קאמף אן פשרות, די מאסן געווער וואס די אראבער האבן געהאט, האט זיי נאך מער איבערצייגט אז זיי זיינען אומבאזיגבאר, און איבערצייגט דער אידישער מדינה, אז זיי זיינען טאקע געפערליך פארן קיום פון ישראל.

מצרים, וועלכע האט זיך במשך פון א לאנגער צייט דיסטאנצירט פון די טעראר־גרופן וואס בושעווען אין ישראל, האט ניט אונטערשטיצט דער ארגאניזאציע „אל פתח" וועלכע איז שטארק אונטערשטיצט געווארן פון סוריע, האט צוזאמען מיטן קאנצענטרירן איר מיליטער אין סיני, אויך געענדערט איר טאקטיק בנוגע דעם טעראר. דער ראדיא פון קאהיר האט ערקלערט איין פולשטענדיקע הסכמה פון מצרים און אירע פארבינדעטע אין די טעראר־אקטן פון די פאדאיון אין ישראל. די טעראריסטן האבן די פולסטע מאראלישע און געזעצליכע רעכט שלאגן די אידן, אויפרייסן זייערע הייזער און פארניכטן זייער האב און גוטס, זייען פחד און טויט, ווייל זיי זיינען די בעלי־בתים פון פאלעסטין.

נאך זיינע פאליטישע זאגן וואס זיינען אים אנגעקומען אזוי לייכט, איז נאצער אריבערגעגאנגען צום צווייטן טייל פון זיין פלאן: אפצומעקן ישראל.

די אראבישע אויבער־קאמאנדא האט צוטיילט ישראל אין דריי טיילן: דער דרומדיקער טייל איינגערעכנט תל־אביב און די ארומיקע ישובים — איז געווען צוגעטיילט מצרים, איר לופט פלאט און אירע טעראריסטן, צפון זייט פון אויבערשטן גליל ביז חיפה — איז צוגעטיילט געווארן דאס סורישע מיליטער. און די צענטראל־לאנד, דער ברעג פון תל־אביב ביז חיפה, ירושלים און איר קארידאר זיינען צוגעטיילט געווארן ירדן צוזאמען מיט די עיראקישע סאלדאטן וואס זיינען געקומען איר העלפן ווי אויך קאמאנדא אפטיילונגען פון מצרישן מיליטער וועלכע מען האט אריינגעשיקט אין ירדן.

די אויפגאבן זיינען צוטיילט געווארן אזוי: דאס מיצרישע מיליטער האט גענומען אויף זיך צושטערן די ישראל׳דיקע פלוג־פלעצער און פארניכטן דעם לופט־פלאט, אפצושניידן דעם דרום־דיקן נגב פון צפון־דיקן, איינגעמען אילת און שאפן אזוי ארום א טרעף־פונקט פון דער יבשה זייט מיט ירדן, איינצוהאלטן דאס גרעסטע טייל פון יידישן מיליטער אין דרום פירענדיק אונאויפהערדיקע קאמפן.

דאס סירישע מיליטער האט גענומען אויף זיך איינעמען דעם גליל און באדראען

חיפה און די ישובים אין עמק. דער אראבישער לעגיאן האט געדארפט איינגעמען אלע יידישע ישובים אין צענטראל טייל פון לאנד, אפשניידן די פארבינדונג צווישן ירושלים און דעם טאל, באמבארדירן ירושלים, תל־אביב און דעם טאל־געגנט. דאס אלץ אינ׳ם ערשטן מלחמה־גאנג. דער צווייטער טייל האט זיך געדארפט אנהויבן מיטן אויפנעמען דעם לעצטן קאמף כדי צו צוברעכן דער מיליטערישער פאטענץ פון ישראל און אפמעקן דער מדינה.

אבער נאך איידער עס האט זיך אנגעהויבן דער ערשטער טייל האט זיך ארויסגעוויזן, אז די אראבישע שווערד איז צובראכן געווארן אין דעם זעלבן מאמענט ווען זי האט ארויסגעבלאנקט פון שיידל. דער קאמף איז אייגענטליך שוין געווען געענדיקט נאך איידער ער האט זיך אנגעהויבן. דאס האט איבעראשט אפילו די געשווארענע אפטימיסטן.

די פארענדערונג ביים אראבישן סאלדאט

עס איז געווען זיכער, אז דער מיצרישער סאלדאט איז א גאנץ אנדערער פון דעם פון יאר 48 און 56, דאס איז ניט דער זעלבער וואס מיר האבן אים געקענט, יעצט איז ער דורכגעגאנגען א אינטענסיווע און גרינטליכע שולונג אין מצרים אדער אין סאוויעט־רוסלאנד, אונטער דער לייטונג פון 500 סאוויעטישע אפיצערן און דערציער.

מען מוז זאגן אז די זיכערקייט פון די אראבער אז זיי וועלן דאסמאל געווינען אין א צוזאמענשטויס מיט ישראל, איז ניט געווען אומבאגרינדעט. אחמעד שוקיירי האט אויסגערופן זעלבסטזיכער ריידענדיק אין דמשק: „מיט דער פולסטער פאראנטווארטליכקייט באשטעטיק איך, אז דאס מצרישע מיליטער אליין קען פארניכטן אלע באוואפנטע כוחות פון ישראל און זי דארף ניט אנקומען צו וועלכע עס איז הילף מצד א אראבישעס לאנד כדי צו דערגרייכן א פול ענדיקן זיג אין דער קורצסטער צייט". די דאזיקע בארימעריי איז ניט געווען אומבאגרינדעט.

דעם 30־טן אקטאבער, אין 34 יאר־טאג פון גרינדן דעם מיצרישן לופט־פלאט, האט דער לופט־פלאט קאמאנדיר גענעראל מוחמד צדקי מחמוד ערקלערט: „מיר באזיצן דעם גרעסטן קאמף פלאט אין מיטלערן מזרח, אונזערע באמבערס זיינען פארזען מיט ראקעטן און קאמף אעראפלאנען פון נייסטן טיפ, און זיי וועלן צוקלאפן די אידישע פלוג־פלעצער און דער אוויאציע נאך איידער די אידישע אעראפלאנען וועלן איבערגיין די גרענעצן פון מצרים. מיר שרעקן זיך ניט פון די „האק" ראקעטן וואס אמעריקא האט פארקויפט ישראל, אונזערע אעראפלאנען וועלן פליען אזוי נידעריק אז דער ישראל׳דיקער ראדאר וועט זיי ניט קענען אויפכאפן און זיי וועלן זיין אויסער די שוץ־מעגליכקייטן פון די „האק" ראקעטן. מיר באזיצן אויך עלעקטראנישע אויסשטאטונג וועלכע

וועט אונז ערמעגליכן צו צושטערן די הארכזאמקייט פון ראדאר, אזוי אז זיי וועלן גארניט מערקן אין דער באשטימטער צייט".

געגוי א וואך פאר דער מלחמה האט אויסגערופן גענעראל מורתאדזשי, דער קאמאנדיר פון דעם מיצרישן פראנט: „מיר האבן די פולשטענדיקע אויבערהאנט אין טאנקן און אין דער לופט, אונזערע ראקעטן באזיסן היטן אפ דעם גאנצן געגנט. אלץ וואס דער פיינט ווייסט — איז אונז באוואוסט. איך זאג קיין איין ווארט סתם אזוי, און אלץ וואס איך זאג דא איז גענוי אויסגעפארשט געווארן, אלע פאקטן און אלע אונטערלאגן, איך רייד ווי אסאלדאט און ניט ווי א פאליטיקער, ווי א פאכמאן און ניט ווי א דילעטאנט. מיר זיינען יעצט פולקאם גרייט צום קומענדיקן נצחון".

ירדן פארפלאנטערט זיך אין קריג

אין א שיינעם זומערדיקן טאג, איז דער קייזערליכער אעראפלאן „קאראוואל" געפלויגן פון ירדן קיין קאהיר. חוסיין דער האשעמיט איז געפלויגן קיין קאנוסא געגן דעם ווילן פון זיינע פארהעלטנישמעסיק מעסיקע ראטגעבער.

דער שפרעכער פון ראדיא ראמללה, וועלכער האט נאך דעם זעלבן דינסטיק אינדערפריה אנגערופן נאצערס האנדלונגען אלס טעאטראלישע, האט חוזק געמאכט דאס שפילן זיך מיט פייער פון די היץ קעפ אין דמשק, האט גערופן אויסצוראטן די „אל־פתח" טעראריסטן און האט געפאדערט א פארזיכטיקע פאליטיק פון די אראבישע שוועסטער, האט פלוצלונג געביטן דעם טאן, ירדן האט נאכגעגעבן די שנאה־כוואליעס וואס האבן פארפלייצט אלע אראבישע לענדער און „א מינוט פאר צוועלף" האט זי צוגעטרעטן צו די אנגרייפענדיקע לענדער וואס זיינען געווען גרייט צו פארניכטן דאס אידישע לאנד.

חוסיין האט אליין געפירט דעם בלאנק־נייעם אעראפלאן, ערנסט פארטראכט. ער האט געוואוסט אז דער פרייז וואס ער וועט דארפן צאלן פארן זיך איינשפאנען אינם וואגן — איז זייער הויך. דער כיטרער נאצער, א מייסטער אין אויסנוצונג האט געוואוסט אז די קארטן זיינען ביי אים אין האנט, אויב ער וועט ארויסלאזן דעם האשימיטישן קעניג מיט ליידיקע הענט, הייסט עס דער טויט אויף דער האשימיטישער הערשאפט און אפשר אויך אויפן קעניג, וועלכער וועט ניט קענען זיך שטעלן אנטקעגן די נאציאנאליסטישע אטאקן פון די אראבישע לענדער וועלכע רייסן זיך אין אלע ירדנישע שטעט און שלעפן מיט זיך אויף די פליגלען פון דער לעוואנטינישער פאנטאזיע — אלע פאלעסטינעזישע פליטים וואס וואינען אויף ביידע זייטן פון ירדן. די וועלן ניט מוותר זיין אויף זייער טייל אינ'ם רויב ווען מצרים וועט איינגעמען ישראל.

אבער חוסיין האט נאך געשפילט אויף א גוטער קארט. דער אראבישער לעגיאן, מיט גוט טרענירטן און דיסציפלינירטן מיליטער, האט געהערשט איבער

אלע סטראטעגישע פונקטן ארום ישראל, וועלכע זיינען דערגאנגען ביז אין הארצן פון לאנד. א תוהו ובוהו אין ירדן, אינערליכע קאמפן צווישן די לעגיאנערן, וואס האלטן מיט חוסיין און בלוט און נקמה דורשטיקע מאסן — וועלן טאקע צוניץ קומען מצרים שפעטער, אבער וועלן יעצט אפשוואכן די שטארקייט פון מצרים אין איר שווערן קאמף געגן ישראל. איז בעסער צו באזיגן חוסיינען לעגיטים, אונטערשטעלן דעם לעגיאן אונטער מצרישין באפעל, בעסער אויסנוצן ירדן ווי זי איז היינט לטובת זיינע אינטערעסן.

א טאג פאר דעם האט נאך די קאהירער ראדיא־סטאציע גערופן אלע אראבער צו א אויפשטאנד געגן דער הערשאפט פון חוסיין, דעם פאררעטער, פארקויפטער צו אידן און אימפעריאליסטן. יעצט איז דער זעלבער „פאררעטער" געזעסן נעבן נאצערן כדי אונטערצושרייבן דעם פארטיידיקונגס־פאקט, דאס וואס נעכטן האט מען געשריגן אז חוסיין שטעקט א מעסער אין הארצן פון דעם אראבישן פאלק האט גארניט געשטערט אונטערצושרייבן די עלף פאראגראפן פון פאקט, וועלכער האט באשטימט אז די ארמייען פון ירדן און מצרים וועלן זיין אונטערגעווארפן איין קאמאנדאנט, דעם מיצרישן גענעראל ריאד. חוסיין האט מסכים געווען צו אנערקענען דעם אמט פון שוקיירי און אים אפילו ערלויבן צו קומען אין ירדן. אריינצולאזן מצרישע און עיראקישע מיליטער. ער האט זיך אונטערגעגעבן אויפן גאנצן פראנט — כדי צו באקומען א לעבנס־פארזיכערונג, ווי ער האט שפעטער געזאגט — אין קאהיר. חוסיין האט געמוזט פארגעסן די עפענטליכע ווילדע טענץ אין קאהיר אינ'ם טאג ווען זיין משפחה איז אויסגעשאכטן געווארן אין באגדאד, פייסאל און עבדול־אילה. ער האט געמוזט פארגעסן די געדונגענע מערדער וועלכע האבן זיך אריינגעגנבהט אין רבת־עמון אין שליחות פון נאצער כדי אים צו טויטן. „אונזערע מיינונגס־פארשיידענהייטן זיינען אפגעלייגט געווארן ביז דער ענדע־לעזונג פון דער פאלעסטינע פראגע", האט חוסיין אויסגערופן, און פייסל דער קעניג פון סאודיע האט זיך אנגעשלאסן אן אים.

אין הארצן האבן חוסיין און פייסל געווינשט נאצערן ברעכן האלדז און נאקן פונקט ווי נאצער האט עס געווינשט זיי. א וואך איידער חוסיין איז געקומען קיין קאהיר, האט אחמעד שוקיירי אויסגערופן אויף א פרעסע קאנפערענץ: „פאר דער פאררעטערישער ירדן איז ניטא קיין ארט אינ'ם קאמף פאר דער נאציאנאלער באפרייאונג פון אראבישן פאלעסטין". סוריעס שלוחים האבן אונטערגעלייגט א מינע וואס האט געדארפט הרגענען חוסיין און זיינע נאנטע מיניסטארען, זי האט אבער אויפגעריסן צו פריה און האט געהרגעט 14 אומשולדיקע מענשן און פארוואנדעט זייער פיל, ירדן האט איבערגעריסן די באציאונגען מיט עיראק, און יעצט איז חוסיין צוריקגעקומען פון קאהיר געארמט מיט שוקיירי און א מיצרישן גענעראל. די פעטליע ארום דעם האלדז פון ישראל האט זיך ענגער צוזאמענגעצויגן.

די מלחמה איז געשטאנען אויפן שוועל.

אין די טעג האט אפשר חוסיין געקלערט אז די מלחמה מיט ישראל איז א פראגע פון טעג. פאקטיש האבן די הערשער פון ירדן געדארפט זיין צופרידן פון דער לאגע. זעענדיק דעם גוואלדיקן ענטוזיאזם מיט וועלכן דער לעגיאן האט אויפגענומען חוסיין מיט זיינע „אורחים", מיט וואס פארא פריידיקע געשרייען דאס פאלק האט זיי מקבל פנים געווען, האט ער געקענט פארשטיין וואס וואלט געווען מיט אים און זיין הערשאפט ווען ער וואלט ניט געוואלט ווערן א שותף צום קריגערישן פאקט.

וועט חוסיין מיטשפילן?

מיט ווילדער, שוימענדיקער פרייד האט דער לעגיאן געשפרייזט צו זיין מפלה. 8000 פון זיינע בעסטע סאלדאטן זיינען אומגעקומען אין דער דערדריי־קענדער היסטארישער מפלה. זעלטן האט די היסטאריע געהאט אזוינע פאקטן ווען מענשן זיינען מיט אזא איבערטריבענער זיכערקייט אין נצחון — דערגאנגען צו אזא שרעקליכער מפלה.

דאס אנשליסן זיך פון חוסיין צום פאקט האט נאך מער באשווערט די געמיטער אין ישראל און נאך מער אויפגעדעקט דער סכנה וואס שוועבט אויף די איינוואינער פון ישראל, צווישן זיי גרעסטעוועטע פון טויט און פארניכטונג וואס האבן געפונען אין ישראל זייער היים, גלייכצייטיק האט עס פארשטארקט דעם פאטענציאל פון די אראבישע כוחות, אריבערפירענדיק דעם ברענפונקט אינ'ם הארצן פון אידישן ישוב. יעצט האט ישראל געמוזט קעמפן אויף אלע פראנטן צוזאמען.

ישראל איז געווען זיכער אז דער קלוגער און כיטרער חוסיין וואלט זיך ניט ארייננגעלאזן אין אזא פאר אים געפערליכען שפיל, ווען ער וואלט ניט געווען גאנץ זיכער אינ'ם זיג פון די אראבער. ער האט שוין איבערגעלעבט פיל שוועריקייטן און וואלט יעצט אויך געפונען א וועלכן עס איז וועג זיך ארויס־צודרייען פון דער גוואלדיקער דערנידערונג איבערגעבנדיק דאס קאמאנדא אין מצרישע הענט.

די לאגע איז געווארן אזא, אז אפילו די מיליטערישע און פאליטישע ספעציאליסטן וועלכע האבן פריער געשטאנען שטאל און אייזן פאר צה"ל, האבן אויך אנגעהויבן קווענקלען אין זייערע אפשאצונגען.

אבער די אפטימיסטן האבן זיך דאך געטרייסט אז חוסיין מאכט נאר א אנשטעל און אויב אפילו עס וועט אויסברעכן א מלחמה, וועט ער נאר כלומרש'ט קעמפן א קורצע צייט נאר לפנים וועגן. ווארום ער האט געוואוסט זייער גוט אז ער פערזענליך וועט פון אזא מלחמה גארניט פארדינען. וועט מען געווינען, וועט דער נצחון גיין אויפן חשבון פון נאצער, אים וועט מען גארניט געבן. פארשיידענע

פאקטארן אין לאנד און אויסלאנד האבן פעסט געגלויבט אין דעם, חאטש דער מיצרישער גענעראל האט יעצט קאמאנדירט אויך מיטן ירדנישען מיליטער — און דאס האט דאך אפגעפרעגט זייערע פעסטשטעלונגען. אבער אין אזא שווערער און קריטישער לאגע איז שווער אפצושאצן אלע איינצלהייטן.

אבער אזויוי חוסיין האט דאך גערעדט בקולי קולות, האט מען אוועקגעשטעלט קליינע, כמעט נאר סימבאלישע טרופן רעזערוויסטן ארום ירושלים און אויף סטראטעגישע פונקטן אין דער לענג פון די גרענעצן מיט ירדן.

לויטן באשלוס פון דער העכסטער אראבישער פאראייניקטער קאמאנדא, האט עיראק געדארפט שיקן קיין ירדן עטליכע דיוויזיעס. אבער ירדן האט אפגעווארפן דעם באשלוס. און מיט א פאר טעג שפעטער האט רבת עמון געענדערט איר מיינונג און מודיע געווען אז זי איז גרייט ארייצולאזן די עיראקישע דיוויזיעס, אבער עיראק האט זיך באליידיקט און מודיע געווען אז „יעצט איז שוין צו שפעט״, און אז זי וועט שיקן אירע דיוויזיעס קיין סוריע.

פאר ישראל איז עס גראד געווען ניט שלעכט, מען האט נאך געדענקט די עיראקער ווען זיי האבן אין 1948 געקעמפט אויפן ירדנישן פראנט־אפשניט געגן די אידן און עס זיינען געווען פיל קרבנות, די קליינע גרופן סאלדאטן וואס סאודיע האט געשיקט אין ירדן — זיינען כלל ניט אריינגערעכנט געווארן.

אבער נאכן אונטערשרייבן דעם פאקט צווישן חוסיין און נאצער האט זיך די לאגע שנעל געענדערט. באגדאד האט פארגעסן איר „באליידיקונג״ און אירע באוואפענטע דיוויזיעס האבן שנעל מארשירט קיין ירדן, גלייכצייטיק האבן ארייגמארשירט מצרישע מיליטער און גרופן גוט טרענירטע טעראריסטן. עס איז געבליבן זייער ווייניק פלאץ פאר אופטימיזם זעענדיק וואס טוט זיך אין דעם קליינעם ירדן־שטאט.

און אויב געוויסע אפטימיסטן אין ישראל האבן נאך אלץ געגלויבט אז חוסיין וועט דאך ניט פארוויקלען זיך אין א קריג מיט ישראל, האבען אבער בייטראלע בעאבאכטער שוין געצווייפלט צו דער קליינער קעניג וועט קענען זיך שטעלן געגן די פיינטליכע כוחות פון עיראק און מצרים וועלכע וועלן קאמאנ־דירן אין זיין לאנד, און אין זייער זייט — שוקיירי מיט זיינע מענשן וואס זייער טעטיקייט איז גע״כשר׳ט״ געווארן צוזאמען מיט די פארביטערטע אראבישע פליטים וואס לעכצן נאך קריג און זיינען גרייט יעדע מינוט צו באפאלן, מארדן, שעכטן און פארניכטן. בפרט אז אפילו אין זיין לעגיאן האבן זיך שוין געפונען א סאך סאלדאטן וואס זיינען באווירקט געווארן פון דער נאצערישער פראפאגאנדע.

דערווייל האבן זיך די ווייזערס פונ׳ם צייט־זייגער גערוקט. אין ירדן איז אויסגערופן געווארן א אלגעמיינע מאביליזאציע. אירע צייטונגען שטרענג קאנ־טראלירט דורך דער רעגירונג, האבן זיך אנגעשלאסן אן דער ווילדער העצע געגן

ישראל ביט ווייניקער ווי די ראדיא סטאציעס פון קאהיר און דמשק. די שטימע פון אחמעד שוקיירי, וועלכער איז נאך מיט א קורצער צייט צוריק געשטעמפלט געווארן אלס קאריעריסט און געפערליכער כל־בוניק, האט ארויסגעשריגן פון דער האשעמיטישער ראדיא־סטאנציע און האט גערופן די אראבער ארויסצוגיין אין קאמף און פארפלייצן דאס אידישע לאנד מיט פייער און בלוט.

ווי אין אלע אראבישע ראדיא־סטאנציעס האט אויך אין ירדן דאמינירט דער געשריי:

— א טויט די אידן!

די וועגן פון דער השגחה

די מלחמה איז אויסגעבראכן. אין פארלויף פון צוויי שעה איז פארניכטעט געווארן דער מיצרישער לופט־פלאט. שנעל זיינען פארניכטעט געווארן די לופט־פלאטן פון ירדן און סוריע. די ענטשיידונג אין באוואפנטן צוזאמענשטויס איז שוין געפאלן אן שום ספק, צה״ל האט נאר געדארפט פארענדיקן. אין די רעגירונג׳ס קרייזן פון ישראל איז מען געווען כמעט זיכער אז ירדן וועט יעצט ניט אריינטרעטן אין קאמף, ווייל איר לופט־פלאט וואס איז באשטאנען פון 30 האנטער׳ס און עטליכע העליקאפטערס — איז פארניכטעט געווארן שוין אין די ערשטע פריהמארגן־שעה׳ן, איז דאס ניט געווען גענוג פאר חוסיין? מאנטיק, צען א זייגער אינדערפריה, איז דער ישראל׳דיקער לופט־פלאט שוין געווען דער פאקטישער הערשער אויף די הימלען פון מיטעלערן מזרח. עס איז געווען ערנסט אנצונעמען אז ירדן, וויסענדיק פון דער שוידערליכער מפלה פון מצרים, וועט שוין יעצט ניט וועלן זיך אריינפלאנטערן אין דער אוואנטורע, אבער ווייזט אויס אז דער שכל הישר האט אין דעם קריג ניט דאמינירט כלל, און דוקא נאכדעם ווי דער גאנצער אראבישער לופט־פלאט איז צושמעטערט געווארן, דוקא דאן האבן די ירדנישע הארמאטן זיך צעזונגען אויף דער גאנצער לענג פון ירדנ׳ס גרענעצן מיט ישראל.

פונדעסטוועגן האבן ישראל׳דיקע רעגירונגס קרייזן זיך ניט מייאש געווען, און נאך יעצט געפרווט דורך דער פארמיטלונג פון גענעראל אוד בול, פאר־צולייגן חוסיין ער זאל אפשטעלן דאס פייער, צוזאגענדיק פייערליך אז ישראל וועט ירדן ניט אנרירן, דאס מיליטער האט באקומען א באפעל זיך איינצוהאלטן און לאקאליזירן דאס פייער ווי ווייט מעגליך, מען האט אויך ניט געבראכט קיין רעזערוון דאס אלץ מיט דער האפענונג אז חוסיין וויל ניט קיין מלחמה.

אבער חוסיין האט אפילו ניט געוואלט הערן און ניט אונטערהאנדלען, מען האט געזען בחוש אז ער לאזט זיך ניט ארויסשלעפן פונ׳ם תוהו ובוהו אין וועלכן ער איז געגן זיין ווילן אריינגעשלעפט געווארן דורך זיינע טויט־פיינט,

די אראבישע נאציאנאליסטן. מיט אַ יובל געשריי האט דער לעגיאָן מאַרשירט צום קאמף: „טויטן די זעלנער פון צה״ל״, ניט פּילעדיק אז פאר יעדן טויטן ישראל זעלנער וועלן פאלן 20 לעגיאנערן, ארום און ארום 8000 לעגיאנערן וועלן באצאלן פארן שפּיל, אויסער ציווילע באפעלקערונג און אז פון דעם וועט זיך אויסלאזן אַ קלאג, ווען זיי וועלן אנטלויפן אין פחד און אימת־מוות.

אונטערן פייער פון די ירדנישע הארמאטן האט זיך געפונען דאס וויכטיקסטע וואס ישראל האט, פלוג־פלעצער, אייגנערעכנט דעם אינטערנאציאָנאלן פלוג־פּלאץ לוד, אלע סטראטעגישע פונקטן פון ישראל, ס׳רוב שטעט און פאבריקן, שרון און תל־אביבער געגנט, ירושלים און דעם פאדערשטן גליל. דאס האט געגייט סוף כל סוף ישראל ארויסצוגיין אויף אַ געגן אטאקע, וועלכע האט זיך געענדיקט אין 48 שעה. מיטן איינעמען ירושלים, חברון, אלע שטעט פון דעם מערב־ירדן און אלע שטעלן פון לעגיאן. פון צווייטן ברעג פון ירדן איז געלעגן אַ צושמעטערטע, פארבלוטיקטע, אנמעכטיקע לאנד וואס האט ניט געהאט אפילו סימבאלישע קרעפטן זיך צו פארטיידיקן.

און אזוי ווי עס איז ניטא קיין לאגישע ערקלערונג צום שלימזל פון מיצרישן לופט פלאט, פארוואס האט די ים פלאטילע געשוויגן, די ראקעטן ניט אויסגעשאסן געווארן, אזוי קען מען ניט ערקלערן דאס משונה׳דיקע פארהאלטן זיך פון חוסיין און זיינע ראטגעבער. חוסיין, וועלכער האט שוין ניט איינמאל באוויזן אז ער איז אויסגערעכנט, איז געקראכן בלינדערהייט אין פייער. ווער האט אים זיינע אויגן פארבלענדעט, זיינע און זיינע־ראטגעבערס, ווער האט עס אים געבראכט ער זאל פארלירן דעם קאפּ, ווער האט אים געשטויסן צו דער פון פאראויס פארלארענער אוואנטורע?

פון זינט די מלחמה האט זיך געענדיקט ביז יעצט זיינען ביים כותל המערבי שוין געווען מער ווי צווי מיליאן אידן, מיליאנען תפלות זיינען ארויפגעגאנגען פון יענעם ארט פון וואנען די שכינה האט נאך קיינמאל ניט אפּגעטרעטן, און וואו שוין 20 יאר האט אַ אידיש פוס ניט געטארט זיך באוויזן. מיליאנען תפלות זיינען געזאגט געווארן ביים קבר רחל און ביי מערת המכפלה, די הארציקסטע תפלות, די טיפסטע וואס אַ מענש קען נאר ארויסגעבן פון זיך — זיינען געזאגט געווארן דארט. די הייליגע שטאט איז באפרייט געווארן פון אימה׳דיקן קאשמאר און דראונג פון ירדנישע הארמאטן און קוילנווארפער. איז דאס אלץ אפשר געווען די סיבה פארוואס חוסיינ׳ס אויגן זיינען פארבלענדעט געווארן. איז דאס געווען דער כוח וואס האט געטריבן די הערשער פון ירדן אין קאמף מיט ישראל, האטש זיי האבן געוואוסט גענוי אז די מצרישע פארטיידיקונגס ליניעס זיינען שוין דורכגעבראכן?

— ווער ווייסט? ווער קען עס פארשטיין די פארהוילענע וועגן פון דער השגחה עליונה?

יעצט רעט די נקמה!

קורץ פאר דער מלחמה האבן זיך אלע אראבישע ארמייען פאראייניקט אינ־גאנצן, זיי האבן אפילו געזונגען שרייענדיק פון שכרות פון נצחון א געמיינזאמע ליד:

... די שעה פון נקמה איז געקומען.
יעצט וועלן מיר אפמעקן ישראל פון דער מאפע.
די שעה פון רעכענונג איז געקומען.
א טויט ישראל.

אין קאהיר האט אחמעד שוקיירי צונויפגערופן א פרעסע־קאנפערענץ, שטראלענדיק פון נחת האט ער געזאגט: „די פאלעסטינער סאלדאטן וועלן זיין דער שטורעם־קולאק פון די פאראייניקטע אראבישע קרעפטן, זיי וועלן זייען טויט און פארוויסטונג אין ישראל, פארוואנדלען דעם לעבן פון ישראל אין א גיהינום, ברענגען א מישמאש אין לאנד און נאכדעם וועלן ארייגמארשירן די אראבישע כוחות און וועלן פארענדיקן דער ארבייט. פריער האבן די מערב׳דיקע גרויס מאכטן געהאלפן די אידן, אבער יעצט וועלן זיי שוין מערניט פירן זייערע פינסטערע שאכער־מאכעריי, ווען ניט זיי וואלט שוין ישראל געלעגן אין קבר פאר צוואנציק יאר. יעצט אבער וועלן די רוסן זיך אריינמישן אויב די אידן וועלן זיך גלייך ניט אונטערגעבן. דער קאשמאר וואס ציט זיך שוין א פאר צענדליק יאר, וועלכער האט געבראכט אזויפיל ליידן די פליטים און געווארפן א שאטן אויף די אראבישע לענדער וועט אין עטליכע טעג ארום אראפגענומען ווערן. א סוף צו דער אידישער הערשאפט איבער דאס גערויבטע אראבישע ערד, טויט די עראבערער.

מער ווי א טוץ ראדיא סטאנציעס פון אלע אראבישע לענדער האבן אין איין כאר איבערגעחזר׳ט שוקיירים רייד. די גוואלדן: „א טויט די אידן" האבן ארויסגעשריגן פון אלע ראדיא כוואליעס אין מיטעלן מזרח, צפון אפריקע, ירדן, לבנון טוניס און סאודיע, סוריע און מצרים. אין נצרת און דעם אראבישן „דרייעק" אין ישראל האט מען ארעסטירט אראבער וועלכע האבן אפן אויס־געדריקט זייער פרייד, אז אט איז אנגעקומען די געהאפטע שעה פון נקמה, אין וועלכער די ערד פון ארץ־ישראל וועט זיך אנזאפן מיט אידיש בלוט. נאך א ווײלע און מיר וועלן אייך אלעמען די קעפ אפהאקן, האבן זיי אפן געזאגט. אנדערע, מער פארזיכטיקע האבן געשוויגן אבער זייער בלוטדורשטיקייט האט מען ארויסגעזען פון יעדן בליק. עס איז גאר קיין צווייפל ניט געווען אז די אראבער וועלן אויסשעכטן אלעמען, זיי האבן שוין עטליכע מאל באוויזן אז זיי זיינען עס מסוגל צו טאן.

די זעלבע אראבער וועלכע שפאצירן היינט אזוי שטיל און נעבעכדיק איבער די ירושלימער גאסן, האבן דאן מיט געזאנג און יובל געשריי אויפגענומען

חוסיינען ווען ער איז צוריקגעקומען פון קאהיר נאכן אונטערשרייבן דעם פאקט, אויף די הענט האבן זיי אים געטראגן ביזן פלאץ פארן הר הבית און דארט, פאר 5000 מענשן האט ער אויסגערופן: „היינט וועט די וועלט זען ווער עס זיינען די אידן און ווער די אראבער צ־יט ארויס אייערע שווערדן, ס׳איז געקומען די שעה פון אראפהאקן די קעפ פון די יאהוד״. די באענטע אידישע פאזיציעס צו דער אלטשטאט האבן געהערט דיווילדע געשרייען פון דער צווישעטער מאסע וועלכע האבן געזונגען:

הוי ישראל! טו אן דיין שווארצע קלייד!
ווייל דער טויט קומט אויף דיר.

זונטיק ביינאכט, דעם פינפטן יוני, האט דער מצרישער ראדיא פארענדיקט זיינע זענדונגען מיט א כמעט געוויינליכן, רוף: „געדויבטע פאלעסטין, אונזער געליבטעס לאנד. מיר קומען צו דיר צוריק, צו דיינע שטעט און דערפער, מיר קומען קיין יפו, חיפה, לוד און נצרת, קיין טייבע און קאלאנסוא און טירה. די ארמייען פון ירדן, סוריע, מצרים, עיראק, סעודיה און לבנון, צוזאמען מיט די פאלקן פון אלג׳יר, סודאן, קווייט און לוב — זיינען איין פראנט, נאך א ווילע און די אראבישע ארמייען וועלן פאראויסמארשירן אויף אלע פראנטן. און די אידישע מיסטערס און מיראזשן, וועלכע די אידן האבן פארוואנדלט אין א לעגענדע, וועלן אראפפאלן ווי די פליגן ביי אונזער גוואלדיקער אטאקע. די הערשער פון יאהוד האבן שוין אראפגעלאזט די קעפ און בעטלען הילף פון די מערב׳דיקע גרויסמאכטן כדי זיך צו ראטעווען, אויסצומיידן די אומפאר־מיידליכע מפלה, אבער קיין הילף וועט זיי יעצט ניט העלפן, ישראל וועט זיך ניט ארויסדרייען פון טויט״.

און אין א פאר טעג ארום איז דער געפאנגען־לאגער אין עתלית געווען שוין אנגעשטאפט מיט די רעשטלעך פון די אראבישע ארמייען. די טויזנטער צושלאגענע סאלדאטן האבן ניט געהאט באהאלטן זייער ענטוישונג. מען האט דאך זיי אקארשט צוגעזאגט אלדאס גוטס. די פרויען פון תל־אביב און די האב און גוטס פון די אידן, צוויי מיליאן קעפ צו האקן און נאך און נאך, און אט דרייען זיי זיך ארום פארהונגערט, דורשטיק, אפגעריסן און נידערגעשלאגן ביז זיי קומען אין ידישן געפאנגען־לאגער. די אראבער פון ישראל האבן זיך איינגעשלאסן אין זייערע הייזער, די גוואלדיקע ענטוישונג האט ארויסגעשפארט פון די אויגן.

א יונגער, מוטיקער אראבער האט אפענהארציק ערקלערט: ״מיר זיינען געווען גרייט אויסצושעכטן אלעמען, אפשר וואלטן מיר געלאזן א ביסל קינדער — אפשר די מיידעלעך...״.

דריטער קאפיטל

פול באוואפנט, צען מיליארד דאלאר אויף געווער

פון זינט מדינת ישראל האבן די אראבישע לענדער אויסגעגעבן ניין מיט א האלבן מיליארד דאלאר אויף געווער, פון דעם אכט מיליארד 119 מיליאן פון יאר 1956. סאוויעט רוסלאנד און די איבעריקע קאמוניסטישע לענדער האבן זיי פארקויפט געווער בחצי חינם, צייטנווייז כמעט אן געלט כדי אנצוזעטיקן זיי מיט געווער מער ווי זיי האבן זיך געקענט ערלויבן. ירדן און סעאודיה האבן באקומען א סאך געווער פון די מערב גרויס מאכטן, אלס געגנשפיל צו די פרו קאמוניסטישע לענדער איב׳ם געגנט.

א העלפט פון געווער האט געקויפט מצרים אליין, און האט אויסגעגעבן אויף דעם צוועק קרוב צו 5 מיליארד דאלאר (4,782 מיליון) פון דעם 3,867 מיליאן דאלאר נאר פון יאר 1956, דאס געווער איז געקויפט געווארן שטענדיק מיט דער אפענער ערקלערונג אז דאס איז כדי אפצומעקן ישראל פון דער לאנד־קארטע. „מיר באוואפענען זיך, פארשטארקן זיך טאג־טעגליך און אין דעם מאמענט וואס מיר וועלן וויסן אז מיר קענען אפמעקן דער חרפה פון 1948 און 1956, וועלן מיר עס טאן און קיין שום כוח אין דער וועלט וועט אונז ניט אפהאלטן, אבער מיר וועלן זיך ניט רירן ביז מיר וועלן זיין זיכער אין אונזער נצחון״ — אזוי האט אויסגערופן נאצער אין א רעדע פאר דעם פארלאמענט פון מצרים. עס איז געווען קלאר אז דאס איז ניט נאר בארימערייי.

עיראק איז געשטאנען נאך מצרים אויפן צווייטן ארט. פאר איר נעפט האט זי געקויפט געווער פאר 1.849 מיליארד דולאר, אזוי ווי מצרים האט זי אויך געקויפט די בייסטע געווער אזוינע וועלכע זיינען איר בכלל ניט געווען נויטיק צו פירן א מלחמה געגן רוסלאנד אדער טערקיי — אירע שכנים פון צפון און מערב.

גענעראל קאסם און קולונל עארף האבן קיינמאל ניט באהאלטן געגן וועמען וועט דינען דאס געווער, — געגן ישראל. כדי צו פירן דעם קאמף געגן די קורדן אדער געגן דאס קלייניקע קואייט — האט באגדאד ניט געדארפט האבן קיין שווערע טאנקן און ארטילעריע אדער שווערע באמבערס פון רוסלאנד אדער פון מערב. אויך דאס קליינע און ניט רייכע סוריע, האט אויסגעגעבן מער ווי א מיליארד דאלאר אויף געווער. די סאציאליסטישע און פרו־קאמוניסטישע רעגירונג פון דמשק האט ניט געהארט וואס אירע

פויערן פארהונגערן וואס זיי האבן כמעט ניט קיין אידנוסטריע, אלץ וואס דמשק האט געהאט האט זי פארטאן כדי צו קויפן געווער געגן ישראל. זי האט עס ניט איינמאל און ניט הונדערט מאל גיגעבען צו פארשטיין מיט אירע באשיסונגען אויף די ישובים און קבוצים אין צפון, כדי צו חרוב מאכן בליענדע ישובים וועלכע די אידן האבן אויפגעבויט מיט בלוט׳קן שווייס.

דאס נאפט־רייכע סאודיע האט נאר אין יאר 1963 אנגעהויבן שווער זיך צו באוואפענען, ווען מצרישע מיליטער האט אריינמארשירט אין תימן מיט דער אפענער כוונה צו באוועלטיקן דעם אראבישן האלב־אינזל. די קעניגן פון סאודיען האבן זייער א סאך געלט געגעבן כדי צו קעמפן געגן ישראל, זיי האבן צושטייער געגעבן אויף די אויסגאבן פון די אראבישער ליגע, אבער דעם פאקטישן קאמף געגן ישראל האבן זיי געלאזט פאר די שכנותדיקע אראבישע לענדער. פון 1963 און ווייטער האט סאודיע אויסגעגעבן כמעט 700 מיליאן דולאר אויף געווער, א גרו׳סער טייל איז טאקע געגאנגען צום תימנישן שייך אלבאדר, אבער גרויסע קוואנטומס געווער האט סאודיע אנגעקליבן כדי צו באוואפענען איר ארמיי, אויסטרעניר[ן] שטורם־טרופן און זיי באוואפענען מיט שווערע טאנקן און וויט־שיסענדיקע ארטילעריע. און פאר דער מלחמה האט זי ארייגעשיקט די גוט באוואפענטע שטורם־טרופן אין ירדן כדי איר צו העלפן אין דער מלחמה.

אויך דאס קליינע און ארימע ירדן איז ניט אפגעשטאנען פון אירע שוועסטער, דער אראבישער לעגיאן וואס איז יארן לאנג געפירט געווארן פון ענגלישע אפיצערן האט די לעצטע יארן נאך מער און בעסער זיך באוואפנט, פארשטארקט די דיסציפלין און פארבעסערט זיין קאמפס־גרייטקייט. האט איינגעקויפט 300 טאנקן, הונדערטער הארמאטן פון טיפ „לאנג טאון״ — האט זי געקויפט אין ווערט פון קרוב צו 700 מיליאן דולאר, דאס אלץ איז געשטאנען גרייט צום שיסן אין אלע סטראטעגישע פונקטן געגן ישראל.

אפילו דאס קליינע און רואיקע לבנון וועלכע האט פאקטיש כמעט קיינמאל ניט געפירט קיין קר׳ג מיט ישראל און האט עס קיינמאל ניט געוואלט — האט באשטימט גרויסע סומעס געלט אויף באוואפענונג, אויסגעגעבנדיק כמעט 300 מיליאן דולאר אויף געווער. צו די אלע זיינען נאך צוגעקומען מיליטערישע איינהייטן פון אלגיר, לוב, סודאן, מארוקו, קואייט און די ספעציעלע טרופן פון אחמד שוקייריס פאלעסטינעזער וועלכע זיינען געווען קאנצענטרירט אין דעם עזה־פאס און אין סיני.

650 טויזנט אראבישע סאלדאטן

אלע אראבישע לענדער האבן, קורץ פארן אויסברעכן פון קריג, אויסגערופן א טאטאלע מאביליזאציע, און עס האט זיך צוזאמענגעקליבן א גאר גרויסע ארמיי. לויט אפיציעלע דאקומענטן זיינען געשטאנען קאמפס־גרייט מער ווי 650 טויזנט

סאלדאטן. מצרישע — 310.000 ; סורישע — 115 טויזנט ; ירדן : 70 טויזנט ; עיראק — 82 טויזנט און לבנון — 11 טויזנט. זיי האבן צוזאמען געהאט ביי דריי טויזנט טאנקען, מער ווי טויזנט עראפלאנען, ס־רוב פון די בייסטע טיפן — דאס איז געווען א פיל גרעסערער כוח פון דעם וואס ישראל האט געהאט. מצרים האט געהאט פול אנגעשטאפטע לאגערן מיט לייכטן געווער און מיליטערישע אויסשטאטונג איבערן קאפ, דאס סירישע מיליטער איז ממש באשאטן געווארן מיט די בייסטע טיפן געווער פון רוסלאנד און אנדערע קאמוניסטישע לענדער. צה״ל האט אפילו ניט געקענט חלומ׳ען וועגן אזוינע פול געשטאפטע לאגערן מיט געווער.

און ניט נאר קוואניטאטיוו נאר אויך קוואליטאטיוו האבן די אראבישע לענדער איבערגעשטיגן צה״ל האבענדיק עראפלאנען, טאנקן און הארמאטן פון בייסטע און בעסטע סארט טאנקען פון טיפ : ט־54 ט־55 און ט־34, געפאנצערט אזוי אז עס איז כמעט אוממעגליך זיי דורכצולעכערן, זיי זיינען געווען פיל בעסער און שטארקער פון די ישראל־דיקע „צענטוריאן״ און „פאטאן״ און שוין אפגערעט וועגן די קליינע פראנצויזישע טאנקען „א.מ. איקס״ און דעם אלטן אמעריקאנישען „שערמען״.

מצרים און סוריע האבן געהאט די אזוי בארימטע „קאטיושאס״ רוסישע אויסארבייטונג, און די בייסטע אימה־דיקע הארמאטן פון טיפ יו־100 וועלכע צה״ל האט נאך ניט געקענט. די 125 מ״מ סורישע הארמאטן האבן געהאט א פיל שטארקערן פייער ווי די אידישע. א נייער סארט געווער וועלכע מאסקווע האט אפילו ביי זיך אליין ניט באוויזן עפענטליך, האט זי געשיקט מצרים און סוריע, אפילו אירע פארבינדעטע קאמוניסטישע לענדער האט רוסלאנד דאס דאזיקע געווער ניט געוואלט שיקן.

די ימי־שע כוחות האבן איבערגעשטיגן די אידישע מיט עטליכע הונדערט פראצענט. זי האט געהאט 11 אונטערוואסער שיפן פון נייסטען טיפ (די אידן — 3 אלטע). 4 ראקעטן שיפן (ישראל — 0), מער ווי דרייסיק שיפן און פריגאטעס. מאנכע מצרישע שיפן זיינען געווען באוואפנט אויסער מיט ראקעטן אויך מיט די בייסטע רוסישע הארמאטן וועלכע מען האט נאך ניט געזען אפילו אויף די מאסקווער פאראדן, אזא גוואלטיקער כוח האט איבערגעשראקן ישראל — און מיט רעכט. די אראבער איבער דער גאנצער וועלט האבן זיך געגרויסט מיט די מצרישע ראקעטן, מען האט זיי געוויזן אויף יעדן פאראד, אין טעלעוויזיע האט מען עס געוויזן צו דעם גוואלדיקן ענטוזיאזם פון פאלק, דאס זיינען געווען ראקעטן געבויט פון אמאליקע נאצישע פירער די בארימסטע אויסראטער פון אידישן פאלק, האבן געפונען א בכבודיקן ארבייטס פלאץ ביי נאצערן מיט דער הסכמה פון מאסקווע. די אראבישע נאציאנאליסטן האבן געטאנצט פון שמחה : דאס דאזיקע מערדערישע געווער וועט געוויס זיין דאמינירנד אינם קאמף געגן ישראל.

די ראקעטע „אל קאהיר״ (דער עראבערער) איז צום ערשטן מאל געפרווט געווארן אין יאר 1962 און מען האט אים נאכאנאנד פארבעסערט, זיין ווייטקיט דערגרייכט ביז 592 קילאמעטער. ער טראגט אין זיך אויפרייס מאטעריאל צווישן 450 און 675 ק״ג. די אנדערע ראקעטע פון טיפ: „אל זעפיר״ (דער זיג) דערגרייכט ביז 368 ק״מ מיטן זעלבן וואג אויפרייס מאטעריאל. און דער דריטער טיפ ראקעטען „אל ארד״ (דער פארגיינגער) — דער שטארקסטער פון זיי וועמענס ווייטקייט דערגרייכט ביז 1520 ק״מ און טראגט מיט זיך מער ווי 600 ק״ג אויפרייס־מאטעריאל. די דאזיקע ראקעטן האבן געקענט טרעפן יעדן פונקט אין ישראל און זייען חורבן און פארוויסטונג אן א שום פארטיידיקונגס מעגליכקייט. צו דעם האט זיך סאוויעט רוסלאנד מתחייב געווען צו געבן מצרים „ערד־ערד״ ראקעטן נאכדעם ווי זי האט געגעבן מצרים מיט ברייטער העגד „ערד־לופט״ ראקעטן פון טיפ: „סאם״ 2 און „ים ערד״ פון בייסטן טיפ.

זיכער אין זייער נצחון

איז ניט קיין וואנדער וואס דאס אלץ האט ארייגגעגעבן אין די אראבער א געפיל אז זייער נצחון איז אומפארמיידליך.

ווען עבדול נאצער האט דערקלערט זיין צוריקטריט אלס פרעזידענט פון מצרים, נאך דער מלחמה האט ער צוו. א. געזאגט: „מיר האבן געגוי אויסגערעכנט אז מיר וועלן זיך קענען געגנשטעלן די אידן און זיי באזיגן״, דאס זיינען ניט געווען קיין פוסטע רייד, אלע אראבישע הויכע אפיצערן זיינען געווען פולקאם זיכער אז דאסמאל וועלן זיי זיגן.

אויף א צענטראלן פלאץ אין דמשק האט דער סירישער פרעמיער מיניסטער ד״ר יוסוף זעין גערעט פון א טריבונע ארונטער צו א גרויסע מאסע: „די לעצטע שעה פון ישראל איז א סאך נעענטער ווי איר קענט זיך פארשטעלן״. די אראבישע פליטים, וועלכע זיינען אין פארלויף פון 19 יאר געווען שפילצייג אין די הענט פון פאליטיקער נאציאנאליסטן — האבן זיך געגרייט שוין צוריקצוקומען אין זייער אמאליקע הייזקעס, אבער א פליט פון יפו האט ערקלערט אז ער וויל ניט צוריק אין זיין ארימען שטעלכל, ער וועט נעמען א הערליכע דירה אין תל־אביב נאכדעם ווי די „יאהוד״ס וועלן ארויסגעטריבן ווערן פון דארטן. אחמעד שוקיירי זעט שוין די אידן אין ים, ער האט דאך אלעמען פייערליך צוגעזאגט אזוי. און אזוי האבן געטראכט אלע אראבישע לענדער — אז דאסמאל וועט מצרים זיגן.

דער שעף רעדאקטאר פון האלב־אפיציעלן מצרישן ארגאן „אל אהראם״, חאסנין הייקעל, וועלכער איז באוואוסט אז נאצער רעט פון זיין מויל, האט געשריבן אין זיין לייט־ארטיקל נאכדעם ווי די טיראן־דורכגאנגען זיינען פארמאכט געווארען: „איך בין זיכער אז ישראל וועט ניט אריבערגיין שטיל

אויף דאס וואס איז געשען, צוליב פארשיידענע סיבות, בעיקר פסיכאלאגישע, ישראל איז גענויט צו ענטפערן, צו געבן א קלאפ, זי האט ניט קיין אנדער אויסוועג ווי זיך נעמען צום געווער. דעריבער זאג איך, אז דער צוזאמענשטויס צווישן מצרים און דעם אידישן פיינט איז אומפארמיידליך. מיר ווילן אז ישראל זאל אנהויבן, און זי מוז עס טאן, און דאן וועלן מיר געבן א צושמעטערנדיקן קלאפ צוריק — דעם לעצטן״.

פון דער גאנצער וועלט איז געפלאסן געווער אין די אראבישע לענדער, פון כינע ביז מזרח דייטשלאנד, פון דער גאנצער וועלט זיינען געקומען דערמונטערונג־ס רופן צו די הונדערטער טויזנטער גוט באוואפנטע סאלדאטן, זיי זאלן אטאקירן וואס שנעלער און חרוב מאכן ישראל. פון איין זייט האט מען אין מערב געזוכט פשרות און פאליטיקער האבן ניט געוואלט זיך איינרייסן מיט די אראבער און פארטיידיקן די אידן וועלכע זיינען געשטאנען פנים אל פנים מיט א שרעקליכן קריג — און פון דער אנדערער זייט האבן געקלונגען די ווילדע פרייד־געשרייען פון די צופלאמטע, צווישעטע אראבישע מאסן וועלכע האבן געפאדערט טויט און פארוויסטונג.

לויט אלע מיליטערישע קאנצעפציעס האבן די אראבער געמוזט זיגן, נאר א נס קען ענדערן דער סיטואציע האבן געזאגט נייטראלע בעאבאכטער. ניט שטענדיק געשעען נסים און ווייניקע באזיגן די מערערע, שוואכערע די שטארקערע ניט שטענדיק קען מען זיך אנטקעגנשטעלן א שוידערליכער טויט־מאשין פון שטאל און אייזן מיט קליינע טאנקן.

אחמעד סעיד, דער לייטער פון דער מצרישע ראדיא סטאנציע האט געזאגט אין זיין זענדונג „פארן קאמף״: „ישראל ברעכט צוזאמען, נאך א טאג און זי איז ערליידיקט, דאס איז, הייסט עס, אונזער געלעגענהייט צו געבן א טויט־קלאפ די אידן פאר זייער געפינען זיך אין אונזער פאלעסטין. דאס איז א מלחמה אויף וועלכער מירווארטן און וועלן זיגן. דאס איז קלאר יעדן מצרישן מענשן וועלכער האט א אהנונג אין מיליטערישע און פארטיידיקונגס ענינים, וועלכער ווייס וואס עס טוט זיך און זעט קלאר די כוחות פארהעלטעניסן פון די אראבער און די אידן״.

אויף די איינגעהאלטענע אראבער ווערן מיטגעריסן

די קלארע בילד וועלכע אויביעקטיווע און סוביעקטיווע בעאבאכטער האבן געזען, האט אפילו די רואיק און איינגעהאלטענע אראבער מיטגעריסן, כדי ניט צו פארזאמען דער גרויסער געלעגענהייט זיך צו געפינען צווישן די זיגער און ניט פארשריגן ווערן אלס פאררעטער און פחדנים. אפילו פרעזידענט בורגיבה פון טוניס וועלכער האט די לעצטע יארן אפן געפאדערט צו שלום אונטערהאנדלונגען צווישן די אידן און אראבער און געפינען א לעזונג דורך

דירעקטע אונטערהאנדלונגען, ווייל די אראבער זיינען ניט בכוח צו זיגן אין א מלחמה מיט ישראל — האט אויך אנגעהויבן פאדערן קריג מיט ישראל און צוגעזאגט צו שיקן טוניזישע איינהייטן. ער האט כמעט מודה געווען עפנטליך אז ער האט זיך טועה געווען אין זיינע אפשאצונגען.

אין לבנון האט זיך געפירט א שארפער ויכוח צווישן די קריסטן־מאראניטן וועלכע האבן געפאדערט אז לבנון זאל זיך ניט אריינמישן אינ׳ם קאנפליקט צווישן די אראבער און אידן און בלייבן א נייטראלע לאנד אין מיטעלרען מזרח אזוי ווי שווייץ — און די מוסלאמענער וועלכע האבן געטהנעט אז לבנון דארף זיין א אינטעגראלער טייל פון די אראבישע לענדער. אין די לעצטע יארן האט זיך דער ויכוח פארוואנדלט אין א אפענעם קאמף צווישן די צוויי טיילן פון לאנד, און אפילו געווער האט זיך אריינגעמישט, פון ויכוח איז אבער גארניט ארויסגעקומען ווייל קיינער פון די צדדים האט ניט נאכגעגעבן, אבער מען האט באשלאסן אזביידע צדדים זאלן ווייטער מיטזיין צוזאמען. א מין צייטווייליקע פשרה צווישן צוויי גלייכע צדדים.

פאר דער מלחמה, ווען דער אראבישער נאציאנאליזם האט זיך צופלאקערט ביזן הימל זיינען די מאראניטן אויך אריינגעשלעפט געווארן אין דער העצע אויף אידן, אפילו די וועלכע האבן אין הארצן שטענדיק סימפאטיזירט מיט ישראל, און געזען אין איר א צוים געגן דער פארשפרייטונג פון אראביש־מוס־לימענישער נאציאנאליזם האבן מיט געשריגן, מורא האבענדיק אז דאסמאל וועלן זיי בלייבן אויף דרויסן און ניט זיין גלייך מיט אלע „מחותנים״ אויף דער פינסטערער חתונה, זיי האבן מורא געהאט אז נאך דעם נצחון וועלן זיי פארשריגן ווערן אלס פאררעטער און אויפשטעלן געגן זיך אלע אראבישע לענדער. אבער דאס מיליטער אין לבנון האט זיך געגנגעשטעלט דער פאדערונג צו פירן מלחמה געגן די אידן, וויסענדיק אז מיט זייערע 11 טויזנט סאלדאטן וועלן זיי גארניט קענען אויפטאן. נאך לאנגע דעבאטן איז געבליבן אז מען זאל אפלייגן דער החלטה אויף 24 שעה נאכן אויסברוך פון דער מלחמה 12 שעה נאכדעם ווי ירדן איז אריין אין קריג, דיגסטיק אינדערפריה, איז שוין בישט געווען שווער אפצולייגן דעם קריג אויף נאך עטליכע שעה, ביז מען וועט באקומען א גענויעם באריכט פון דער לאגע. אין זעלבן טאג האבען אפילו די ראדיקאלע אראפגעלאזט דעם טאן און די מעסיגע האבן אויפגעהויבן די קעפ. ווייל עס האט זיך ארויסגעוויזן אז עס איז געשען א גוואלטיקער נס און אז די אראבער האבן געליטן זייער ביטערסטער מפלה.

אין דמשק האט מען פארעפענטליכט א בשותפות־דיקע ערקלערונג אונטערגעשריבן דורך דעם עלטסטן פון מצרישן גענעראל־שטאב גענעראל פאווזי און פון סורישן גענעראל־שטאב, דארט איז געזאגט געווארן אז אין אנבליק פון דער מלחמה וואס שטייט ביים טיר, איז באשלאסן געווארן צו

פאראייניקן די ארמייען און אויפלעבן דעם פארטיידונגס פאקט צווישן די צוויי לענדער פארן קאמף געגן ישראל אויף ישראל׳ס טעריטאריע. אינ׳ם זעלבן טאג איז פארעפענטליכט געווארן א מצריש־סאוויעטישע ערקלערונג וועלכע טאדלט מדינת ישראל פאר אירע אנגרייפערישע כוונות.

א אמעריקאנישער שליח איז געקומען ספעציעל קיין קאהיר כדי צו פרווון א ביסל ווייכער מאכן נאצערן און אויסמיידן א קריג, אבער ער איז אוועקגעפארן מיט ליידיקע הענט, די הערשער פון קאהיר האבן זיך באצויגן צו אים מיט גרינגשעצונג. דער אויסערנמיניסטער מחמוד ריאד האט אים אויפגענומען מיט א זויערער מינע אויף גאר א קורצן געשפרעך. נאצער האט אים בכלל ניט געוואלט זען. מצרים האט זיך שוין אליין איינגעארדענט און דארף ניט אנקומען צו אמעריקאנער עצות.

און ישראל האט נאך אלץ געזוכט א לעזונג צום קריזיס, זי האט ערקלערט איר איינשטימונג אויף א סטאטוס־קווא אין דרום׳דיקן גרעניץ און דעם דורכגאנג פון טיראן און מען זאל איר לאזן לעבן. אבער דער מצרישער דיקטאטאר איז ניט גרייט אויף דעם, פארוואס זאל ער נאכגעבן ווען דער נצחון איז שוין ביי אים אין קעשענע „אידישע שיפן וועלן שוין קיינמאל ניט דורכפארן אין טיראן, האט ער ערקלערט, איז צו וואס איז דער גאנצער ויכוח. אונזער פראבלעם איז יעצט באפרייען פאלעסטין״ די פאלעסטינער פליטים האבן געטאנצט פון שמחה, ארומגעלאפן איבער די גאסן פון עזה פול מיט ענטוזיאזם. באמת, עס האט געלוינט זייערע ליידען — האט אויסגערופן ראדיא קאהיר.

אויך אין ערשטן מלחמה־טאג האבן די אראבישע טרומייטערס ניט אויפגע־הערט צו פארקלאפן די קעפ דערציילנדיק וועגן „נצחונות״, דער ראדיא אין דמשק האט דערציילט זיינע צוהערער אז די נצחון־גלאקן קלינגען שוין פאר די אראבער און די באפרייאונגס־האפענונג ווערט פארווירקליכט. זייערע גוואלדיגע פאנטאזיע־פליגלען האבן זיי שוין געטראגן אינ׳ם ברענענדיקען תל־אביב.

און אויך אויסלענדישע פאקטארן

א סאך קארעספאנדענטן אין דער וועלט האבן געזען אין גענעראל מורתג״י וועלכער האט אנגעפירט דעם קריג אין סיני — דעם צוקונפטיקן מיליטערישן הערשער פון ישראל, דער טרוים האט אים פארכשופט, דעם גאוה׳דיקן גענעראל וועלכער האט זיך קיינמאל ניט אויסגעצייכנט אויפן שלאכטפעלד אין תימן, ער האט שטענדיק אויפגעשטעלט זיין שטאב ווייט פון פראנט און פון די הארמאטן פון די תימנישע מאנארכיסטן. און ווי עס פאסט פארן צוקונפטיקן מיליטערישן הערשער פון ישראל, האט ער גערעט וועגן געזעץ און ארדענונג, געבנדיק דערמיט אנצוהערן ווי ער וועט זיך פירן אין איינגענומענעם תל אביב

די מצרים האבן פארשטאנען אז דאס וועט ניט זיין קיין לייכטער שפאציר, אבער זיי זיינען געווען זיכער אין זייער נצחון.

ווען מצרים האט אלע פאלעסטינעזישע גרופן פון שוקיירי אונטערגעשטעלט אירן גענעראל־שטאב, האבן פראנצויזישע צייטונגען עס אויפגענומען גינסטיק, געבענדיק אנצוהערן אז מצרים טוט עס כדי עס זאל זיין ארדענונג אין אלע יענע ערטער וואס וועלן זיך געפינען אונטער נאצרישער הערשאפט. קלארע רייד, מצרים וועט ניט לאזן אז די פאלעסטינעזער גרופן צוזאמענגעשטעלט פון פליטים אנגעשטאפט מיט האס און נקמה — זאלן בושעווען וויפיל זיי ווילן, מצרישע אפיצערן וועלן אכטונג געבן אויף זיי. דער פאקט אז די מצרישע אפיצערן האבן אויך צוגעזאגט זייערע סאלדאטן אויסהרגענען אלע מענער, פארגוואלדיקן די פרויען און רויבן האב און גוטס פון אידן — האט ניט געשפילט קיין ראליע. מיט חוצפ׳דיקער זיכערקייט האבן די אראבישע הערשער גערעט וועגן דעם סוף פון ישראל.

וואלט די ישראל׳דיקע לירה געווען א מטבע עובר לסוחר, רעגיסטרירט אויף דער וועלט־בערזע און איר האנדל ערלויבט דורך ישראל רעגירונג, וואלט איר ווערט געזונקען גוואלדיק. ווייל אין יענער קריטישער צייט האט קיינער ניט געוואלט פירן געשעפטן מיט איר ווייל זי האלט דאך געוויס ביים אונטערגיין, דאגעגן איז די מצרישע לירה געבליבן כמעט אויף איר סטאבילן פרייז, חאטש אלע האבן געוואוסט אין וואס פארא ווירטשאפטליכע שוועריקייטן זי געפינט זיך און אז זי צאלט ניט חובות אין די וועלט בענק. אלע זיינען געווען זיכער אז מצרים וועט ווייטער עקזעסטירן ווי פריער, ווייל איר זיג איז דאך זיכער.

„פירסט נשיונאל סיטי באנק אוף ניו־יארק" רעכנט זיך פאר איינעם פון די גרעסטע און סאלידעסטע וועלט־בענק, א סאך אידן זיינען זיינע קליענטן. מיליאנען דאלארס האט די ישראל רעגירונג דעפאזירט דארט, א קורצע צייט פאר דער מלחמה האט די פארוואלטונג פון באנק געמאכט א דראסטישן שריט, כדי אויסצומיידן שוועריקייטן אין פאל ווען תל־אביב וועט איינגענומען ווערן. און אירע פארשטייער אין ישראל האבן באקומען א באפעל צו פארניכטן אלע טשעקן מיט די חתימות פון באנק. „טראוועלערס טשעקן" וואס זיינען געקומען פון ישראל האבן גלייך פארלארן יעדער ווערט, די פארוואלטונג פון באנק, פאכלייט אין געלט־ענינים האבן געמאכט דעם קאלטן חשבון אז ישראל האט ניט כמעט קיינע אויסזיכטן צו געווינען דעם קריג, זייערע טשעקן אין לבנון, ירדן און אנדערע אראבישע צענטערן האבן זיי ניט מבטל געווען, ווייל זיי זיינען געווען זיכער אז די אראבער וועלן געווינען דעם קריג.

גענעראל אוד־בול דער קאמאנדיר פון די אונא סולדאטן אין ישראל

איז אזוי געווען זיכער אין אראבישן זיג, אז נאכן איינגעמען פון צה״ל דעם פאלאץ פון אמאליקן ענגלישן גאווערנער, דער זיץ ארט פון גענעראל און זיין שטאב — האט ער געבעטן דעם אפיצער ער זאל אים ערלויבן אריבערשיקן די בעאבאכטער מיט זייערע משפחות — אין אלט ירושלים, ער האט „געזען״ אז דארט איז זיכערער ווי אין דאס אידישע טייל פון ירושלים. ווייל ירדן וועט דאך געוויס זיגן.

די אויספיר־באפעלן וואס זיינען געגעבן געווארן די אראבישע ארמייען האבן אנגעוויזן וואס צו מאכן אין די איינגענומענע אידישע ישובים. צה״ל האט אזוינע באפעלן ניט באקומען. ווען א גרופע פאלשירעם שפרינגער אונטער דער קאמאנדא פון מאטע גור איז איבערטראנספארטירט געווארן קיין ירושלים כדי צו העלפן קודם־כל די קליינע ביסל יידישע סאלדאטן וואס האבן סטאציאנירט אויפן הר הצופים, האט דער קאמאנדיר ניט באקומען פון קיינעם וועלכן עס איז באפעל ווי ער דארף זיך פירן אין דער איינגענומענער אלט־שטאט. ווארום ווער האט עס גחלום׳ט איינצונעמען.

די געפאר וואס האט געשוועבט אויף דער אידישער מדינה, האט ארויסגערופן סימפאטיע אין אלע דעמאקראטישע און פרייע לענדער אין דער וועלט. אין פארשיידענע הויפט שטעט אין מערב האבן מאסן דעמאנסטרירט געגן דער סכנה פון חרוב מאכן ישראל. דאס זיינען ניט געווען טעאטראליש אלס פועל יוצא פון ישראל פראפאגאנדע, דאס איז געווען די סימפאטיע מצד אלע ארדענטליכע מענשן אין דער וועלט וועלכע טראכטן מענטשליך צו א פאלק וואס שטייט ביי זיין חורבן אנטקעגן בלוטדורשטיקע אראבישע הארדן. און שוין אפגערעט אז די אידן אין דער דיאספארא זיינען געווען בלב ונפש איבערגעגעבן פאר ישראל אין איר סכנה. זייער הארץ האט געווייטאקט הערנדיק די קאמענטארן פון מיליטערישע עקספערטן וועלכע האבן ניט באהאלטן זייער מיינונג אז ישראל האט ווייניק שאנסן ארויסצוגיין גאנץ פון דעם קריג דאן זיינען נאך די פראנצויזישע צייטונגען געווען סימפאטיקער פון ישראל. פונדעסטוועגן האבן זיי אויך קאלט אויסגערעכנט דאס פארהעלטעניש פון די כוחות פוןביידע זייטן. פארשטייט זיך אז די אראבער האבן, לויט דעם פשוטן חשבון — אלע שאנסן צו געווינען.

מאת ה׳ היתה זאת

די גוואלדיקע ערשיטערונג ביי די אראבער באקומענדיק די ידיעה וועגן דער גרוסער מפלה — האט געווירקט אויף זייערע פריינט אין דער גארער וועלט. מצרישע שפרעכער האבן געזאגט, אז אונזערע פריינט אין מזרח זיינען דערשיטערט ניט ווייניקער פון אונז. די דאזיקע ערשיטערונג האט געבראכט צו דעם אז אלע קאמוניסטישע לענדער האבן איבערגעריסן

די באציאונגען מיט ישראל און צו גאל־שפייענדיקע ארויסטרעטונגען מצד זייערע דיקטאטארן געגן ישראל און איר עקזיסטענץ בארעכטיקייט. סאוויעטישע ספעציאליסטן האבן ניט געפונען, פונ׳ם מיליטערישן שטאנדפונקט, קיין ענטפער אויף דאס וואס איז געשען. די ענטוישונג האט געבראכט צו קריגערייען, אבער די אויגן זייערע ניט געעפנט, דער פארשטייער פון מצרים אין דער אונא אל־קוני האט זיך צוכליפעט ווי א קינד הערנדיק די נייעס, אבער ער האט זיך גיך אויסגעניכטערט. די ענטוישונג פון די אראבער און זייערע פריינט איז געווען נאך שטארקער, ווייל זיי האבן ניט געהאט קיין שום ערקלערונג צו דער מפלה, ניט אז עמיצער האט געהאלפן די אידן ניט אז די ישראלישע אטאקע איז געקומען פלוצלונג, ניט אין מאנגעל פון געווער ביי די אראבער און ניט ווייל זיי זיינען ניט געווען גענוג צוגעגרייט. וואו איז דאס שטארקייט פון מצרים, האט מען געפרעגט, וואו זיינען די ראקעטן און דער ים־פלאט, דער גרעסטער אין מיטלערן מזרח, דער אראבישער פעבל האט בלינדערהייט געגלויבט אז אמעריקאנישע און ענגלישע סאלדאטן האבן געהאלפן ישראל, א ליגן וואס איז אויסגעטראכט געווארן פון מצרישע העכסטע ספערן וועלכע האבן געהאלטן שוין ביים צופאלן. אבער די גאנצע וועלט איז געשטאנען צוטומלט, געזוכט א ענטפער אויף דער גרויסער פראגע: וואו איז פארשוואונדן די גרויסע מצרישע קראפט? פארוואס האט זי אזוי שנעל זיך פונאנדערגעפאלן?

עס איז קלאר, מיט פארנונפט און נאטירליך וועט מען אויף דער דאזיקער פראגע קיינמאל קיין ענטפער ניט באקומען, ווייל: מאת ד׳ היתה זאת, היא נפלאת בעינינו.

פערטער קאפיטל

הן עם לבדד ישכון

ערנסטע זארגן געגנאיבער קאלטקייט און גלייכגילטיקייט

די ישראל רעגירונג האט מיט באזארגעניש געקוקט אויף דער לאגע. עס איז שוין ביי אלעמען קיין ספק ניט געווען, אז דאס קאנצענטרירן פון ריזיקע מצרישע כוחות אין סיני — איז ניט קיין אנשטעל, און זי האט באפוילן צו מאביליזירן אלע רעזערוו סאלדאטן. פארשטייט מען אז אלע זיינען געווען פול מיט דאגה.

די הארבע אפשאצונג פון דער לאגע איז געווען ניט נאר צוליב די גוואלדיקע כוחות און בייסטע געווער פון די אראבער, נאר זעענדיק דאס טרויעריקע בילד אויפן אינטערנאציאנאלן פאליטישן פראנט. רוסלאנד האט זיך אפן געשטעלט אופן זייט פון די אראבער, ניט נאר פאליטיש האט זי זיי געגעבן א פלייצע, ניט נאר די בעסטע געווער, נאר עס האט זיך פון איר פארשטאנען קלאר אז דאסמאל וועט זי ווערן א טעטיקער מיטקעמפער מיט די אראבער. פראנקרייך איז פון א גאר פריינטליכע העלפנדיקע לאנד, געווארן פיינטליך געשטימט און אפן זיך געשטעלט אויפן זייט פון די אראבער. אפילו פון אמעריקא האט מען ניט געקענט ערווארטן ממשות׳דיקע הילף און נאך ווייניקער האט מען געקענט האפן אויף א שטיצע פון ענגלאנד. און אין אונא קאנפערענץ און אין זיכערהייטס־ראט האט געהערשט א געפערליכע גלייכגילטיקייט און קאלט־קייט געגנאיבער דעם בלוטיקן שפיל וואס דארף אויסברעכן יעדן טאג.

דער אנהויב פון דער אוואנטורע

ס׳איז גאר קיין צווייפל אז סאוויעט רוסלאנד האט געשפילט א גרויסע ראלע אין דער געפערליכער אוואנטורע. אנגעהויבן האט זיך עס אין מערץ 1967 דער סאוויעטישער אויסערן מיניסטער גראמיקא איז פלוצלונג שטילערהייט געקומען קיין קאהיר און אזוי אויך אוועקגעפארן צוריק אין דריי טעג ארום. קיינעם איז ניט איינגעפאלן אז דאס ברענגט ער שווארצע וואלקנס אויף די הימלען פון מיטעלערן מזרח.

דער אינהאלט פון די באשפרעכונגען איז געהאלטן געווארן בסוד, אפילו נאך דער מלחמה, ווען נאצער האט זיך, כלומרשט, אפגעזאגט און האט

אראפגערעט זיך פון הארצן פאר זיין פאלק, האט ער גארניט דערציילט וועגן דעם צוזאמענטרעפן צווישן אים און גראמיקא — וואס האט געבראכט צום צוזאמענשטויס און צו זיין מפלה. מיט דער צייט האט מען זיך דערוואוסט פרטים פון דעם פלאן, ער איז געווען קלאר: נייטראליזירן אלע אינטערנאציאנאלע פאקטארן, ניט צולאזן וועלכע עס איז הילף פאר ישראל און לאזן איר פארלאזן פון אלעמען אנטקעגן די אראבישע לענדער וועלכע וועלן איר אטאקירן. עס איז אויך געווען דאסמאל קלאר אז ענגלאנד און פראנקרייך וועלן שטיין פינדערווייטנס, רוסלאנד וועט ערקלערן אפן אז זי וועט זיך אריינמישן אין פאל ווען אמעריקא וועט זיך אריינמישן, אזוי אז לויטן פלאן וועט אמעריקא אויך שטיין פונווייטנס.

ווען די יידן האבן זיך באקלאגט אויף די דראונגען פון די אראבער אז זיי וועלן חרוב מאכן ישראל און אויסהרגעגען אירע איינוואוינער — האט סאוויעט רוסלאנד און אירע פארבינדעטע אפגעווארפן די אנקלאגע מיט פאראיבל, אז די אידן זיינען אליין שולדיק אין דער סכנה, ווייל זיי האבן זיך גערייצט מיט די אראבער און זיינען איבערגעגאנגען די מאס מיטן רייצן זיך מיט סוריע. די אראבער, האבן געטענהעט די רוסן, וואלטן זיך ניט געאיילט צו פארווירקליכן זייערע פּלן און חרוב מאכן ישראל, ווען די אידישע מדינה וואלט ניט געפירט קיין פראוואקאטיווע פאליטיק לגבי די אראבער.

אויך אנדערע קרייזן האבן באשולדיקט ישראל אין דער אנגעצויגענער לאגע. די אראבישע מאסן וועלכע האבן דעמאנסטרירט פאדערענדיק א מלחמה פון פייער און בלוט, זיינען פארגעשטעלט געווארן אין פארשיידענע „דעמאקראטישע" לענדער אלס פארטגעשריטענע מענשן, וואס לעכצן נאך שלום, פרייהייט און גערעכטיקייט, וועלכע מוזן נעבאך מיט געווער אין האנט פארטיידיקן זייער כבוד און זייער לאנד פון די ישראלישע אוואנטוריסטן. די א „שלום זוכער" האבן איינגאנצן פארגעסן אז פון דעם וואפנשטילשטאנד ביז היינט האבן די אראבער געבראכט צו 5000 בלוטיקע צוזאמענשטויסן.

לגבי די אידן איז דאס ווארט „גערעכטיקייט" אויסגעמעקט.

גרומיקאס דריי טאגיקער באזוך אין קאהיר איז געהאלטן געווארן בסוד, ער האט זיך געטראפן מיט די שפּיצן פון דער רעגירונג און אוועקפארענדיק איז ווידער קיין ווארט ניט געזאגט געווארען עפענטליך. דער מיסטעריעזער באזוך פון גראמיקא האט ארויסגערופן פארשיידענע קאמענטארן, באפירכטונגען און פאראויסזאגעכצן. און פאליטי׳שע בעאבאכטער האבן ארויסגעזאגט זייער מיינונג אז די רוסן שפינען א געפערליכע נעץ, פון האס און גיפט אויף ישראל.

אין א וואך נאכדעם ווי גראמיקא האט פארלאזן קאהיר (1 אפריל) — האבן די סיריער אינסטואירט א שווערן צווישנפאל איז צפון וועלכער האט זיך געענדיקט מיטן אריינטרעטן פון ישראל׳דיקע עראפלאנען אינ׳ם בילד, זיי

האָבן אַראָפּגעשאָסן 7 סורישע אַעראָפּלאַנען און האָבן געפלויגן איבער דמשק, די געשעענישן האָבן אָוועקגעשטעלט דער אַראַבישער וועלט פאַרן פאַקט, אַז ישראל וועט ניט פאַרשווייגן דאָס שטענדיקע רייצן זיך פון די סיריער וועלכע ברענגען קרבנות אין מענשן און אינוועטאַר שיסענדיק אויף אידישע קבוצים און דערפער. דער צווישנפאַל איז געווען דער שווערסטער אין פאַרלויף פון די טעראָר — יאָרן מצד די אַראַבער אין ישראל.

און גלייך האָבן זיך צושריגן אַלע פּראָפּאַגאַנדע טרומייטערס פון רוסלאַנד, ניט אויפהערענדיק צו באַשולדיקן ישראל אַלס אַנגרייפערין, שולדיקע אין די געשעענישן כדי צו פאַרכאַפּן סיריע אָדער אַראָפּוואַרפן די סירישע רעגירונג. ס'איז געווען קלאָר אַז די סאָוויעטס האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַזאַ געלעגנהייט, דער קאָמוניזם אין דער גאַנצער וועלט האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער גרויל־פּראָפּאַגאַנדע געגן ישראל אונטערשטיצנדיק די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטישע טעטיקייט. אָבער אויב במשך דעם מאָנאַט אַפּריל איז נאָך געווען צו קאָנסטאַטירן פאַרוואָס טרייבט רוסלאַנד אַזאַ גרויל־פּראָפּאַגאַנדע, איז געקומען די אַטאַקע פון נאַצערן און דאָס מאָביליזירן דער אַרמיי און איר איבערפירן קיין סיני — און האָט קלאָר געמאַכט אַלעמען דעם זין פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק לגבי ישראל און די אַראַבישע לענדער.

די סאָוויעטן האָבן זיך ניט באַנוגענט מיט שיקן געווער, מיט פירן אַ גרויל־פּראָפּאַגאַנדע, מיטן מאָביליזירן אַלע קאָמוניסטישע לענדער און פּאַרטייען, אַנהויבנדיק פון דער א. ג. "שלום" באַוועגונג ביז אַרבייטער פּאַראייניגן וועלכע שטייען אונטער איר השפעה — און זיי אַלע האָבן געשאַפן אַ גוואַלדיקן גרויל־פראָנט צו באַשמוצן און דערנידעריקן ישראל. די סאָוויעטס זיינען נאָך ווייטער געגאַנגען, ווי נאַצער האָט אַליין דערציילט, האָבן עס די רוסן אים פאַרזיכערט אַז ישראל גייט אים אָנגרייפן און אַז די דאַרף מאָביליזירן אַלע אירע כוחות כדי אָפּצושטויסן דעם אָנגריף. נאַצער האָט אויך דערציילט אַז די סאָוויעטן האָבן איבערגעגעבן דער מצרישע פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע וואָס איז געקומען אויף אַ באַזוך אין מאָסקווע, פאַרשיידענע ידיעות, ער האָט אָבער ערקלערט אַז די נאַכריכטן ביוראָס האָט אים איבערצייגט אָן שום ספק, אַז די אידן קאָנצענטרירן אַ ריזיקן כוח ביי די גרענעצן פון מצרים. אָבער וואָס גראָמיקאָ האָט אים געזאָגט — האָט ער פאַרשוויגן, פאַרשטייט מען אַז גראָמיקאָ האָט איבערצייגט די קאַהירער רעגירונג מער ווי די רעגירונגס־בעאַמטע פון מאָסקווע האָבן געקענט איבער־צייגן די מצרישע פּאַרלאַמענט מיטגלידער בעת די רוסן האָבן פאַרבראַכט אין קהיר.

די אַקטיווע אַריינמישונג פון די סאָוויעטס הינטער די קוליסן, איר אינציאַטיוו אַז די אַראַבישע לענדער זאָלן מאָביליזירן זייער מיליטער, די קלאָרע שטעלונג הינטער דעם אַראַבישן נאַציאָנאַליזם, די כמעט אומבאַשריינקטע געווער ליפע־

רונגען אין מצרים און סיריע, דאס שיקן א קריגס פלאטילע אין מיטלערישן ים — דאס אלץ האט זיך צוזאמענגעשלאסן אין איין קייט פון דער סאוויעטישער טעטיקייט אין מיטלערן מזרח, זייער ציל איז געווען גאנץ דורכזיכטיק, זיי האבן געוואלט זיך איינקויפן די סימפאטיע פון די אראבער דורך הילף צו פארניכטן ישראל. ווען נאצער איז ארויסגעטרעטן מיט א אנגרייפערישער רעדע און האט אנגעזאגט אז ער פארמאכט די טיראן־דורכגאנגען און די שפאנונג אין מיטלערן מזרח איז דערגאנגען צום העכסטן פונקט איז עס פאר אלעמען געווארן קלאר אז א צוזאמענשטויס צווישן ישראל און אירע שכנים איז אומפארמיידליך געווארן נאך דעם באזוך פון סאוויעטישן אויסערן מיניסטער אין קאהיר.

יארן לאנג האט רוסלאנד צוגעגרייט די אראבער צו א טאטאלן קריג געגען ישראל, כדי איר אפצומעקן, זי האט אריינגעשטעקט אין דעם עסק מיליארדן, מיליאנען סאוויעטישע ארבייטער האבן געארבעט אין די שווערסטע באדינגונגען, כדי צו ליפערן געווער די אראבישע נאציאנאליסטן. איז דען א ספק אז רוסלאנד האט עס באשלאסן צו געבן נאך א שריט, דערגרייכן איר ציל מיט כוח.

ווי דער פאקט ריבענטראפ—מאלאטאוו

די צווייטע וועלט מלחמה איז אויסגעבראכן נאכן פאקט ריבענטראפ־מאלאטאוו, אונטער סטאלינס הערשאפט איז די וועלט אנגעצונדן געווארן און געבראכט חורבן און פארניכטונג, די גלייכגילטיקייט פון די סאוויעטן לגבי דעם שיקזאל פון אירע אידישע בירגער — האט געבראכט צו דער פארניכטונג פון מיליאנען אידן אין רוסלאנד און אין גאנץ אייראפא. איז גאנץ גוט פארשטענדליך אז די סאוויעטן האבן זייער פעל ניט געביטען, אזוי ווי סטאלין אזוי קענען קאסיגין־ברעזשניעוו אנצינדן א גלייכן פייער אין מיטלערן מזרח כדי דורך זייטיקע וועגן דערפירן צו דער פארניכטונג פון דאס אידישע לאנד.

אלץ איז פאר די אראבער געווען אפן אין רוסלאנד, דער פרעמיער מיניסטער פון סיריע ד״ר זעין האט געזאגט ביי זיין באזוך אין מאסקווע: ״מען האט אונז געגעבן געווער מער ווי מיר האבן געבעטן, און בעסערע ווי מיר וואלטן זיך ערלויבט צו בעטן״, צוזאמען מיטן געווער האט רוסלאנד אויך געשיקט אירע אפיצערן ניט נאר כדי איינצואורבייטן די מצרים און סורייער אין די נייע געווער, נאר אויך לערנען זיי מלחמה־טאקטיק. רוסלאנד האט גוט געוואוסט אז די אידן ווילן ניט קיין מלחמה און אז זיי זיינען גרייט צו יעדער אונטערהאנדלונג, אבער די גרויל־פראפאגאנדע האט ניט אויפגעהערט, דאס אונטערשטיצן די אראבישע נאציאנאליסטן צום קאמף געגן ישראל איז פארשטארקט געווארן פון טאג צו טאג, ס׳קען זיין אז די סאוויעטישע רעגירונג איז געווען פאראינטערעסירט אין אראבישן נצחון אן בלוט־פארגיסונג, פשוט ווייל זי איז דאך ניט געווען זיכער אין די אראבער, אבער אירע דראונגען אז זי וועט זיך אריינמישן אין פאל פון

א קריג, האט געטריבן די אראבער צו צוזאמענשטויסן און אנגרייפערישער פאליטיק, וועלכע האט געבראכט דער מלחמה. צוויי שעה נאכן שליסן דעם טיראנער דורך־גאנג האט די סאוויעטישע פרעסע אגענטור „טאס״ פארעפנטליכט א אפיציעלע מעלדונג, אז אויב ישראל וועט אנגרייפן די ערשטע וועט זי האבן צו טאן ניט נאר מיטן פאראייניקטן אראבישן כוח, נאר וועט זיך צוזאמענשטויסן אויך מיט רוסלאנד און די אנדערע „פארטגעשריטענע״ לענדער אין דער וועלט.

די סאוויעטן האבן אפילו ניט געוואלט אקצעפטירן דעם פרא־אראבישן פארשלאג פון דה־גול, וועלכער האט פארגעלייגט א שפיצן־קאנפערענץ פון די פיר גרויס־מאכטן צו געפינען א לעזונג פון ישראל—אראבישן סכסוך, ווייל זיי האבן פארשטאנען אז אזא קאנפערענץ וועט קודם כל פאדערן אפצוציען דאס מיליטער פון סיני אלס ערשטער שריט צו בארואיקן די געמיטער. און אין דער זעלבער צייט האט מאסקווא זיך געווענדעט צו אמעריקא און ענגלאנד „איינצאמען ישראל״, ווערמענס טעטיקייט האט זיך באגרענעצט מיטן מאביליזירן איר מיליטער אזוי ווי די אראבער האבן עס געטאן.

ווען דער סאוויעטישער באטשאפטער אין ישראל טשובאכין איז געקומען צו אשכול, כדי צו פראטעסטירן געגן די מיליטער קאנצענטראציע ביים סירישן גרענעץ ווערמענס צאל די רוסן האבן געשאצט אין די צענדליקער טויזנטער, האט אשכול פארגעלייגט דעם באטשאפטער גלייך אין דעם מאמענט ארויספארן צוזאמען מיט אים און אינספעקטירן דער גאנצער לענג פון גרענעץ, כדי אים צו באווייזן אז דאס איז א ליגן, האט טשובאכין אפגעזאגט און איז שווייגענדיק אוועק־געגאנגען און זיינע שלוחים האבן נאך מער פארשטארקט דעם גערייד און אן א טראפן בושה דערציילט אז די אידן קאנצענטרירן גרויסע און שטארקע מיליטערישע קרעפטן און אז זיי האבן איבערצייגענדע באווייזן פאר דעם.

אין דער זעלבער צייט ווען די רוסישע פראפאגאנדע האט פלייסיק פארשפרייט די פאלשע ידיעות און דערמונטערט די אראבער צו מאביליזירען אלע זייערע רעזערוון מיט א קלארער אנצוהערניש אז רוסלאנד וועט זיי ביישטיין און אפילו מיטקעמפן, ווען א רוסישע קריגס־פלאטילע איז אנגעקומען אין מיטלענדישן ים און נאך מער צוהיצט די אראבישע געמיטער — האט דער רוסישער פארשטייער אין אונא געפאדערט אויסצומעקן פון טאג־ארדענונג דעם דעניש־קאנאדישן פארשלאג אין זיכערהייטס־ראט, וועלכער האט פארגע־שלאגן אז דער זיכערהייטס־ראט זאל אנהויבן א דעבאטע וועגן דער אנגעשט־רענגטער לאגע אין מיטלערן מזרח, טענהענדיק אז די לאגע איז בכלל ניט אנגעשטרענגט און עס איז ניטא וועגן וואס צו דעבאטירן.

אבער נאכדעם ווי די אראבער האבן געזיגט אויפן פאליטישן פראנט און האבן געפייערט דאס שליסן די טיראן־דורכגאנגען, דאס אפציען פון די אונא מיליטער, האבן זיי זיך ניט געאיילט כאפן זיך צום געווער און האבן געפרווט

צו כאפן נאך עפעס אן בלוטפארגיסונג, אזויווי היטלער אין זיין צייט. דער רוסישער פרעמיער מיניסטער קאסיגין האט אויפגעפאדערט ישראל זי זאל זיך שטיל האלטן, און ניט געפרווט אפילו צו ערקלערן מיט וואס פארא רעכט מישט ער זיך אריין אין די פארטיידיקונגס מאסנאמען, אויב ער האט זיך אפן אוועקגעשטעלט ביי דער אראבישער זייט און מיט זיינע אייגענע הענט אנגעצונדן דאס פייער אין מיטלערן מזרח.

פראנקרייך ווערט א שונא

רוסלאנד האט דעם גרעסטן און וויכטיקסטן טייל אין צופירן צו דער מלחמה אבער זייער געפערליך איז געווען דער נידעריקער שפיל פון דער פראנצויזישער פאליטיק אין שפיץ מיט דע־גאל, וועלכער האט דורך אומוועגן ניט וויניק צוגעהאלפן דער אראבישער פאליטישער אפענסיווע פאר דער מלחמה.

אין 19 יום העצמאות, איז געזעסן דער גענעראל דירעקטאר פון פראנצויזישן אויסערן מיניסטעריום ה׳ אלפאן אין דעם שיינעם ביורא פון עבדול נאצער, אלפאן איז געשיקט געווארן פון דע־גאל. און ער האט דערציילט אז דאס געשפרעך איז געפירט געווארן אין א זייער פריינטליכער אטמאספערע, און עס איז געקומען צום אויסדרוק די איינשטימונג און גלייכן צוגאנג צווישן קאהיר און פאריז בנוגע אלע פראבלעמען וואס ווירבלען אין מיטלערן מזרח. און דער מצרישער אויסערן מיניסטער האט ערקלערט: „מיר האבן זיך געגנזייטיק אויסגעצייכנט פארשטאנען" „היינט איז ניטא צווישן אונז און פאריז קיין שום מיינונגס־פארשיידענהייטן" — האט פון זיין זייט ערקלערט דע־גאל׳ס שליח קומענדיק צוריק קיין פריז.

ה׳ אלפאן האט כלל ניט דערמאנט אז די אנגעשטרענגטע לאגע, לאזט זיך שוין מערקן. אבער זיין פרעזידענט גענעראל דע־גאל האט געהאט א קלארע שטעלונג אינ׳ם סכסוך, ער האט ניט געטאדלט מצרים פארוואס זי האט ארויסגעטריבן די אונא סאלדאטן, ער האט זיך אפילו ניט דיסטאנצירט פון די אנגרייפערישע ערקלערונגען פון די אראבישע הערשער, פון די לאזונגען: אויסשעכטן די אידן ווי זיין שטייגער האט ער געהאט א פארשלאג וועלכן ער האט געהאלטן פארן בעסטן, אז די 4 גרויסמאכטן זאלן זיך טרעפן, און געפינען א אויסוועג וואס זאל אנגענומען ווערן פון זיי, און דאס וועט ברענגען צו א ענטשפאנונג אין מיטלערן מזרח.

ענגלאנד האט גלייך מסכים געווען אויפן פארשלאג, אונטערשטרייכנדיק אז זי גלויבט ניט אז עס מעגליך צוזאמענצוטרעפן די 4 גרויסמאכטן. אמעריקא האט אויך אנגענומען דעם פארשלאג, נאך עטליכע טעג שטיל שוויגן האט רוסלאנד אפגעווארפן דעם פארשלאג און זיך פולקאם אידענטיפיצירט מיט

דעם אַראַבישן נאַציאָנאַליזם און דער העצע געגן ישׂראל „דער אַנגרייפערין״, דאָס אָפּוואַרפן מצד די רוסן דע־גאָל׳ס פאָרשלאָג האָט דעם פראַנצויזישן פּרעזידענט כלל ניט געשטערט צו האַלטן זיך ווייטער ביי זיין דאָן־קישאָטישן וועג, און טענה׳ן אַז נאָר זיין פאָרשלאָג האָט געקענט אָפּשאַפן די שפּאַנונג. חאָטש אין דער זעלבער צייט האָט אַ אָפיציעלער שפּרעכער פון דער פראַנצויזישער רעגירונג ערקלערט אַז די גאַראַנטיעס וואָס ישׂראל האָט באַקומען אין יאָר 1950 פון אַמעריקאַ, ענגלאַנד און פראַנקרייך — פאַרפליכטן ניט פראַנקרייך פון היינט. אויך ענגלאַנד האָט זיך געאיילט צו פאַרעפנטלעכן די זעלבע ערקלערונג.

נאָך דעם סיני־קריג האָט די זעלבע פראַנקרייך ערקלערט אַז דאָס ניט אַדורכלאָזן געוויסע שיפן דורך טיראַן, איז געגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, אַלע אונאָ מיטגלידער האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס דאַזיין פון אונאָ מיליטער ביי טיראַן, איז אַ פולקאָם לעגיטימער אַקט, און יעצט פּלוצלונג האָט דער גענעראַל חרטה געהאַט, און אַ אָפיציעלער שפּרעכער אין פּאַריז האָט ערקלערט אַז דאָס פרייע אַדורכפאָרן פון שיפן אין טיראַן איז זייער אַ קאָמפּליצירטע יורידישע פראַגע. ער האָט זיך אָבער ניט מטריח געווען צו ערקלערן וואָס ער מיינט מיט דעם, אָבער פראַנקרייך האָט ניט ווי געטאָן דאָס הארץ וואָס מצרים צינדט אָן אַ מלחמה, דאַגעגן האָט איס גענומען ביים האַרצן דער פּראָבלעם פון די פּליטים. אין אַ פּאָר טעג אַרום דער פראַנצויזישער אינפאָרמאַציע מיניסטער ה׳ גורס ערקלערט, אַז פראַנקרייך איז פולקאָם נייטראַל אינעם ישׂראל־אַראַבישן סכסוך און דער מצרישער אויסערן מיניסטער האָט גלייך אויסגעדריקט זיין עפנטלעכן דאַנק פראַנקרייך וואָס זי האָט פּלוצלונג זיך איבערגעדרייט און האָט ערקלערט די פּרעסע־לייט: „די הערצער פון די אַראַבער בלייבן שטענדיק אָפן פאַר יעדן פאָרשלאָג אָדער עצה מצד פראַנקרייך״, דער פראַנצויזישער אויסערן מיניסטער קוב־דע־מערוויל האָט ניט אויפגעהערט צו פירן אהובי־ידידי געשפּרעכן מיט קאַהיר. און זיין שפּרעכער האָט געפונען פאַר נויטיק דווקא אין די געפערליכסטע טעג צו ערקלערן, אַז פראַנקרייך האָט מיט פולער צופרידנהייט פאַרצייכנט דעם פאַקט, אַז די מצרישע פּאָליטיק איז געוואָרן זייער פאָרזיכטיק איינגעהאַלטן און דורכגעטראַכט און דאָס וועט געוויס אַסאַך ביישטייערן צו געפינען „אַ גערעכטן אויסוועג״ אין די פּראָבלעמען פון מיטעלערן מזרח. ישׂראל האָט מאָביליזירט איר אַרמיי נאָכדעם ווי מצרים האָט עס געטאָן, אָבער וואָס פאַר מצרים האָט געהייסן לעגיטים איז ישׂראל געווען פאַרבאָטן. די זעלבע טאַקטיק האָט געפירט נאַצי־דייטשלאַנד, וועלכע האָט באַרעכטיקט דאָס באַפאַלן און עראָבערן פרעמדע לענדער מיט דער טענה אַז דער באַפאַלענער צד האָט ניט קיין רעכט זיך צו פאַרטיידיקן. אָט אַ די דאָקטרינע האָט נאַצער אויסגענוצט און געבעטן צוזאַמענרופן דעם זיכערהייטס

ראט פון דער אונא דעם 28טן מאי, כדי ארויפצוברענגען אויפן סדר־היום אז ישראל קאנצענטרירט מיליטער פאר אנגרייפערישע צוועקן. רוסלאנד האט אונטערשטיצט דעם מצרישן פארשלאג און דער פראנצויזישער פארשטייער האט זיך דיסטאנצירט פונ׳ם ענגליש־אמעריקאנישן פארשלאג וועלכע האבין ארויפגעלייגט די פאראנטווארטליכקייט פאר דער לאגע אויף סוריע און מצרים.

אילוזיעס פון די ישראל פאליטיקער

די גאנצע וועלט האט געוואוסט פון דער ראדיקאלער ווענדונג פון פראנקרייך, נאר די פאראנטווארטליכע קרייזן אין ישראל האבן עס ניט געוואלט וויסן, און זיך נאך אלץ געהאלטן ביי זייערע אילוזיעס אז פראנקרייך איז נאך אלץ אונז׳ער גוטער פריינט. פאליטישע בעאבאכטער האבן געזאגט, אז גענעראל דע־גאל איז געקומען צו דער איבערצייגונג אז די באציאונגען צווישן די אראבער און אמעריקא און אפשר אויך ענגלאנד — וועלן זייער פארשארפט ווערן, וואשינגטאן וועט ניט קענען זיך מאכן ניט וויסענדיק פון אירע התחייבות׳ן צו ישראל ווי אויך פון דעם פאקט אז רוסלאנד הויבט אן, א דאנק דעם שווערן מצב, ארייננדרינגען אלץ מער אין מיטעלערן מזרח, אלס ענטפער וועלן די אראבער פון זייער זייט זוכן וועגן ווי זיך צו נוקם זיין, צונעמען ביי די אמעריקאנער און ענגלענדער די פארשיידענע ליצענצן א.א.וו. און א פרא־אראבישע פאליטיק וועט ערמעגליכן פראנקרייך צו פארנעמען דעם פלאץ פון אמעריקא און אפשר פון ענגלאנד אין אראבישן לעוואנט.

מיט פרייד איז געלאפן אבא אבן אין עליזיי פאלאץ כדי אויפצוכאפן חאטש א קוים־זעעבארן וואונק פון דע־גאל׳ן אז ער לאדט אים איין אויף א געשפרעך. וועגן וואס מען האט אינ׳ם פאלאץ גערעט — זיינען דא מיינונגס — פארשיידענהייטן. ארויסגייענדיק פון דע־גאלן האט אבא אבן ערקלערט אז דע־גאל איז א גרויסער פריינט פון ישראל, אבער גלייכצייטיק האט א הויכער בעאמטער אין פראנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום געזאגט צו א ישראל׳דיקן זשורנאליסט, אז ס׳איז כדאי אז אבא אבן זאל זיין פארזיכטיק מערער וואס איז נוגע דע־גאלן. אבער ווייזט אויס אז דער ישראל אויסערן־מיניסטער האט נאך ניט באמערקט דעם נייעם גענעראל וועלכער איז גאנץ אנדערש פון פריערדיקן ווי אלע קענען אים, ניט דער וועלכער האט אזוי ליב צוגעזאגט אשכול׳ן אז ביי יעדער געלעגענהייט וועט ער בלייבן א ערליכער און שטארקער גוטער פריינט פון ישראל, ער האט ניט באמערקט, האט געזאגט א אמעריקאנישער זשורנאליסט אז דע־גאל איז יעצט גרייט צו פארקויפן ישראל זייער ביליג, ער האט אבער געפאדערט און באקומען א שיינעם פרייז, זיין גוטע־פריינטשאפט צו ישראל האט געבראכט דערצו אז די אראבער האבן זייער טייער באצאלט אים פאר דעם.

דער דורכפאל פון אבן איז ניט געווען דער איינציקער, דער ישראל באטשאפטער אין פאריז וואלטער איתן האט ערקלערט דעם ישראל זשורנאליסט ישעיהו־בן־פורת פון „ידיעות אחרונות" אין פאריז „מען קען זיך פארלאזן אויף דאס פראנצויזישע פריינטשאפט אפילו אין א עת־צרה, עס איז ניטא אפילו דער קלענסטער צווייפל אין דער דאזיקער פריינטשאפט, און איך קען ניט פארשטיין די איבערגעטריבענע נערוועזיטעט פון ישראל ביי יעדער צייטווייליקער ענדערונג אין אונזערע באציאונגען".

אין זעלבן טאג ווען בן־פורת האט פארעפנטליכט אין זיין צייטונג דעם געשפרעך מיט איתן, האט די פראנצויזישע רעגירונג פארעפנטליכט א קורצע ערקלערונג פון 37 ווערטער אין וועלכער עס ווערט געזאגט: „פראנקרייך האט ניט קיין שום איינזייטיקע פארבינדונג מיט וועלכן עס איז צד אין מיטלערן מזרח, אלע פראבלעמען וועלכע זיינען פארבונדן מיטן שיף דורכפאר אין שארם־א־שייך וועלן געלעזט ווערן גלייכצייטיק מיטן פראבלעם פון די פליטים. ביי דער געלעגנהייט ווארנט פראנקרייך אז יענער צד וועלכער וועט דער ערשטער אנהויבן א קריג, וועט עס זיין געגן איר ווילן און וועט פארלירן איר אונטערשטיצונג".

אין יענע טעג האט נאך דער גענעראל ניט געזאגט זיין מיינונג אז די אידן זיינען א אנגרייפערישער און הערשנדיקער פאלק, אז פון זינט 1956 איז ישראל געווארן אנגרייפעריש, חאטש דאן האט דאך פראנקרייך אליין אנטייל גענומען אינם קריג און ער אליין האט אויסגעדריקט זיין געגנערשאפט אז ישראל זאל אפטרעטן פון סיני. דער אמת איז, אז דער גרויסער דורכפאל פון ישראל׳ס פאליטיק האט ניט געענדערט דעם באוואוסטזיין פון די אידן אין ישראל, וועלכע האבן געזען בחוש אז אין שווערע צייטן קען זיך שוין ישראל ניט פארלאזן אפילו אויף א האר אויף פראנקרייך פונקט ווי יעדער ישראלי האט געוואוסט אז פון ענגלאנד וועלן מיר גארניט האבן, חאטש פארשיידענע לייבאר פארלאמענט מיטגלידער האבן א סאך מאל אפגעגעבן אזוינע ערקלערונגען איידער זיי אליין האבן איבערגענומען די מאכט...

פון זיין ניט געראטענער טרעפונג מיט דע־גאל איז אבא אבן געלאפן צום ענגלישן פרעמיער מיניסטער ווילסאן, אבער אפילו א געשפרעך פון 45 מינוט האט ניט געענדערט די שטעלונג פון ענגלאנד, אז די ערקלערונג פון די דריי גרויס־מאכטן אז זיי פארזיכערן די גרענעצן פון ישראל — איז מער ניט ווערט קיין גראשן. ווילסאן האט מסכים געווען אז די אונא זאל זיך פארנעמען מיטן צוריקעפענען די טיראן־דורכגאנגען, און ער איז אפילו גרייט אז די ים גרויס־מאכטן זאלן הייסן עפענען טיראן און אויך עפעס טאן דירעקט וועגן דעם. אזא איינדרוק האט געהאט אבן נאך דעם געשפרעך, אבער ווי נאר ער האט פארלאזן לאנדאן, האט א אפיציעלער שפרעכער פון דער לאנדאנער

רעגירונג ערקלערט, אז די רעגירונג צווייפלט צו אזא ערקלערונג וועט עפעס העלפן און צו זי איז טאקע נויטיק. דער שפרעכער פון ענגלישן אויסערן מיניסטעריום האט געוואוסט צו דערציילן די פרעסע־לייט. אז אבן „האט צוגעזאגט אויסצומיידן יעדער צוזאמענשטויס כל זמן די דיפלאמאטישע קאנטאקטן ציען זיך נאך". „קאנטאקטן" וועגן וועלכע א שפרעכער אין ענגלאנד האט אפן איבערגעגעבן דער מיינונג פון דער לאנדאנער רעגירונג אז די רעגירונג פון איר מאיעסטעט, האט ניט בדעה אריינצומישן זיך דירעקט אין מיטעלרן מזרח. אפן געזאגט הייסט עס: אז די דראונגען פון די אראבער צו פארניכטן ישראל — זיינען ניט אנגעגאנגען ענגלאנד.

אמעריקא קאלט און דיסטאנצירט

רוסלאנד גייט זייט ביי זייט מיט די אראבער, פראנקרייך שטיצט זיי און אין אמעריקא האט אבא אבן געפילט א קאלטקייט און צוריקגעצויגנקייט און זייער ווייניק גרייטקייט צו העלפן ממש'דיק.

געשפאנט און ניט ווייניק דענערווירט האט אבן געווארט אויף א אודיעגץ מיט ג'אנסאן דעם 26טן מאי. אין זעלבן אוונט איז ג'אנסאן אפגעפלויגן קיין מאנטרעאל ביי זיין די ערעפענונג פון דער אלוועלטליכער אויסשטעלונג, מען האט טאקע באשטימט א אודיענץ אויף מארגן 12 בייטאג, אבער דער פרעזידענט האט אפגעלייגט, אבן האט אויסגענוצט אלע זיינע באציאונגען און געדריקט אז ער זאל ווערן אויפגענומען וואס פריער, אבער דזשאנסאן האט זיך געהאלטן ביי דאס זייניקע, זאגענדיק צו איינעם פון זיינע מיטארבייטער: „אויב דער דזשענטלמען פון תל־אביב האט ניט קיין צייט, זאל ער אזוי גוט זיין און פארן צוריק". צוזאמען מיטן ישראל אמבאסאדאר ה' הערמאן איז אבן געזעסן אומגעדולדיק און געווארט אויף דער טרעפונג, עס איז שוין געווארן אוונט און פון ווייסן הויז איז נאך ניט געקומען אפילו א וואונק וועגן דעם. ג'אנסאן האט דעמאנסטרירט זיין אומווילן זיך צו טרעפן מיט אבן.

צופעליק האט דער קאנסול אין דער ישראל באטשאפט ה' אפרים עברון זיך געדארפט טרעפן דעם זעלבן אוונט מיטן ראטגעבערביים ווייסן הויז ה' וואלטער ראסטאוו, ווען ה' עברון האט זיך געקליבן צו גיין צום ה' ראסטאוו א זייגער 6, האט מען אים געזאגט אז דער פרעזידענט וועט אויפנעמען אבא אבן זיבן א זייגער. זיי האבן געשמועסט ביז א קורצע צייט פאר זיבן און דאן איז ער איינגעלאדן געווארן אינ'ם צימער פון פרעזידענט. עברון האט געוואוסט אז אבן ווארט מיט אומגעדולד אויף דעם אודיענץ מיטן פרעזידענט און לויטן פראטאקאל האט אבן געדארפט זיצן אין דעם צימער וואו עברון זיצט יעצט, אבער דער פרעזידענט איילט זיך ניט און ער דערמאנט אפילו ניט וועגן דער אודיענץ מיט אבא אבן וועלכער איז צוליב דעם געקומען ספעציעל

קיין וואשינגטאן. ג׳אנסאן האט גערעט רואיק און לאנגזאם און דוקא וועגן די פראבלעמען וואס מאטערן אזוי שטארק דער ישראל רעגירונג.

מיר, האט ער געזאגט, וועלן גארניט קענען מאכן אן דער צושטימונג פון סענאט און ער צווייפלט צו דער סענאט וועט מסכים זיין מיר זאלן זיך דירעקט אריינמישן. עס איז שוין נאך זיבן און ניט קענענדיק זיך דערוואַרטן איז אבא אבן אין באגלייטונג פון הערמאנען געקומען אין ווייסן הויז.

ביים צוזאמענטרעף מיט אבא אבן און הערמאן האט דער פרעזידענט ניט געקארגט מיט פריינטליכע ווערטער פאר ישראל און געגן מצרים. דער פרעזידענט פון אמעריקא האט ניט אזוי גערן דעם מצרישן דיקטאטאר, דעם אראבישן נאציאנאליזום, אבער ער האט איבערגעחזר׳ט דאס וואס ער האט געזאגט פריער עברונ׳ען, אז ער מוז באקומען די צושטימונג פון סענאט פאר יעדער אקציע אויסער די גרענעצן פון אמעריקא און ממילא אויך וועגן דעם פרייען דורכפאר פון שיפן אין טיראן. מען קען אפשר טראכטן, זאגט ווייטער דער פרעזידענט, וועגן אויפשטעלן א אינטערנאציאנאלן כוח אין די ראמען פון דער אונא, וועלכער זאל אכטונג געבן אויף דעם, אבער אבן האט פארשטאנען אז יעדער אזא אקציע לטובת ישראל וועט ווערן אפגעווארפן דורך א רוסישן וועטא. מען קען אויך, האט ג׳אנסאן פארגעלייגט, צוזאמענשטעלן א ימיש׳ן אינטערנאציאנאלן כוח אבער דאס איז שוין א זאך וואס דארף נעמען צייט און דעריבער לייגט ער פאר אז ישראל זאל זיין געדולדיק און אפווארטן.

עס איז שווער געווען פאראויסצוזען צו די פארשלאגן און פלענער פון ג׳אנסאן לאזן זיך דורכפירן, פונדעסטוועגן איז אבא אבן צוריקגעקומען אפטימיסטיש פון אמעריקא מיט דער זעלבער עצה: האבן געדולד און אפווארטן, דער עצם געדאנק אז א אינטערנאציאנאלער כוח פון די ים־גרויסמאכטן זאל זיך געפינען אין טיראן און אזוי ארום ערמעגליכן דעם פרייען דורכפאר פאר די ישראל שיפן — איז אים זייער געפעלן, אבער ער האט ניט גוט געזען די באקעטעווירקליכקייט ווי שווער און כמעט אוממעגליך איז דאס דורכצופירן.

א אליארם — טעלעגראמע פון אשכול׳ן האט אנגעיאגט אבא אבן אין וואשינגטאן, אין וועלכער דער פרעמיער מיניסטער פון ישראל האט געבעטן אבן אנרירן ביים געשפרעך מיט ג׳אנסאן ווי גרויס איז די געפאר פון טאטאלער פארניכטונג וואס הענגט יעצט איבער ישראל. אשכול איז גראד יעצט צוריקגע־קומען פון א אינספעקציע ביי פארשיידענע מיליטערישע אייגהייטן אין נגב, און ער איז שוין אויך געווען אנגעשטעקט מיטן פחד וואס האט ארומגענומען דאס גאנצע לאנד, אין דער לאגע איז די פראגע פון טיראן שוין געשטאנען אויפן צווייטן פלאץ, דער עצם קיום פון ישראל איז געשטאנען אין געפאר. די טעלעגראמע האט אבן באקומען נאכין טרעפן זיך מיט דזשאנסאן, דאגעגן האט דער פארטיידיקונגס מיניסטער מאק־נאמארא געשמועסט זייער פריינטליך

מיט אבן און האט גלייך געזאגט אז אמעריקא קען מיט גארניט העלפן ישראל אין דעם מאמענט.

דער פארזיצער פון גענעראל־שטאב, גענעראל ווילער האט געזאגט מאק־נאמאראן קאטעגאריש אז מצרים טראכט בכלל ניט אנצוגרייפן ישראל, די ספעציאליסטן פון פענטאגאן זיינען געווען אפטימיסטיש און אבן האט מער ניט גערעט וועגן דעם. די פוסטע רייד וועגן א ימיש'ן כוח האט אבן אנגענומען ערנסט. און די ישראל רעגירונג האט אויסהערנדיק אבא אבנ'ס באריכט ניט געקענט באשליסן. נאך א לאנגער און שווערער זיצונג האבן 9 מיניסטארן געשטימט פאר אבנ'ס פארשלאג מען זאל אפווארטן און 9־געגן, טענה'נדיק אז די פעטליע פארוויקלט זיך אלץ ענגער ארום האלדז און ערלויבט ניט גארניט צו טאן, די סכנה ווערט פון שעה צו שעה שטארקער און מען מוז עפעס טאן אפילו נעמענדיק אין חשבון די גרויסע סכנה אין א מיליטערישן צוזאמענשטויס, אבער עס איז שוין ניטא כמעט וואס צו פארלירן און מען טאר ניט איבערלאזן די אינציאטיוו אין אראבישע הענט אז זיי זאלן זיין די ערשטע. די ענטשיידונג איז געלעגן יעצט אין אשכול'ס הענט און חאטש ער פערזענליך איז געווען פאר א מיליטערישער אקציע ניט זעענדיק קיין אנדער אויסוועג, האט ער ניט געוואלט נעמען אויף זיך די ענטשיידונג אין אזא לעבנס־וויכטיקע פראגע און ער האט געשלאסן די זיצונג ניט אננעמענדיק קיין באשלוס. פארשטייט מען אז דאס האט ארויסגערופן א זייער אונאנגענעמען געפיל אין לאנד, ס'האט אויסגעזען ווי א שיף אן א רודער אין ברויזענדיקן ים. אין צוויי טעג ארום זיינען אנגעקו־מען בריוו פון דזשאנסאן און קאסיגין אין וועלכע ישראל איז אויפגעפאדערט געווארן אויסצומיידן יעדן צוזאמענשטויס. עס איז שוין קיין ספק ניט געווען אז ישראל וועט נאכגעבן. נאר איין מיניסטער האט געשטימט געגן.

ווען די ישראל מיליטער האט אין יאר 1956 אפגעטרעטן פון טיראן, האט דאן אמעריקא צוגעזאגט אז זי איז פאראנטווארטליך פארן פרייען דורכפאר פון אידישע שיפן דורך טיראן. פרעזידענט אייזנהאור און זיין אויסערנמיניסטער פוסטער דאלעס האבן זיך געטראפן מיט אבא אבן און זייער געשפרעך איז פראטאקאלירט געווארן. אבער ווען אבא אבן איז געקומען אין ווייסן הויז האט זיך ארויסגעוויזן אז עס איז ניטא קיין שום פראטאקאל, חאטש אפילו די מיטארבייטער אין ווייסן הויז לאזן ניט דורך קיין שום מער וויכטיקע זיצונג אן א גענויען פראטאקאל. מען האט געשיקט א ספעציעלן קוריער צו אייזענהאורן אין הויז כדי צו ברענגען פון זיין פערזענליכן ארכיוו דעם אריגינאל, אויף וועלכן דאלעס האט געמאכט זיינע באמערקונגען, דער דאזיקער פאקט ווייזט אן שום ספק אז אויך צווישן די מיטארבייטער אין ווייסן הויז געפינען זיך מענשן וועלכע זינדיקן ניט מיט איבערטריבענע ליבע צו ישראל.

פאקטיש איז די פארפליכטונג מצד אמעריקא געגעבן געווארן פאר דעם וואס ישראל איז אפגעטרעטן, און אייזענהאואער איז געווען פערזענליך פאראנטווארטליך פאר דעם פרייען דורכפאר פון ישראל שיפן דורך טיראן, די אונא סאלדאטן וועלכע האבן געהיט דעם טיראן דורכגאנג זיינען דא געשטאנען לויט דעם פארשלאג פון אמעריקא מיטן קלארן בעדינג, אז זיי וועלן ניט פארלאזן זייער פלאץ איידער זיי וועלן באקומען די צושטימונג פון זיכערהייטס ראט און פוןביידע צדדים. פונדעסטוועגן האט או־טאנט אפגערופן זיינע סאלדאטן ניט פרעגענדיק קיינעם. און ווען או־טאנט האט זיך פארענטפערט אז די פארפליכטונג איז געגעבן געווארן דורך זיין פארגענגער, האמערשילד בעת דער סטאציאנירונג פונ׳ם אונא מיליטער, איז אייזענהאואער געזעסן גאנץ רואיק אין זיין הויז אין געטעסבורג און זיין געוויסן האט אים ערלויבט צו פארעפענטליכן א ערקלערונג אז אמעריקא מוז היטן איר נייטראליטעט און זיך ניט אריינמישן אין סכסוך. דער זעלבער אייזנהאואער וועלכער האט במשך זיין פרעזידענטשאפט געשענקט מצרים העכער א מיליארד דולאר מזומנים און פאר נאך 850 מיליאן דולאר שפייז פראדוקטן. דער זעלבער אייזנהאואר וועלכער האט ארויפגעלייגט אויף אמעריקא דעם שווערן פאק פון אויסהאלטן כמעט אליין די אראבישע פליטים, וועלכע די אראבישע נאציאנאליסטן האבן זיי אויסגענוצט פאר זייערע צוועקן, אזוי ארום האט זיך באקומען אז פון די 558 מיליאן דולאר וואס די אונר׳א האט אויסגעגעבן פאר די פליטים, האט אמעריקא געגעבן 387 מיליאן, און דאס אין דער צייט ווען א אונא קאמיסיע האט אפגעשאצט דעם גאנצן פארמעגן פון די אראבישע פליטים וואס געפינט זיך אין ישראל — אין 336 מיליאן דולאר, און די סומע איז געווען שטארק איבערטריבן.

דער אמת איז אז די פריינטליכע אמעריקאנישע רעגירונג איז ניט אוועק ווייט פון אייזנהאוערס דאקטרינע. די שפרעכער פון וואשינגטאנער אויסערן מיניסטעריום, האבן פיל מאל איבערגעחזר׳ט זייער ערקלערונג אז אמעריקא וועט טאן נאר דורך דער אונא אין אירע ראמען און קיין איין האר מערער ניט. פון אבא אבנ׳ס האפענונג אז אין משך פון א פאר טעג וועלן פארקומען איבערראשענדע געשעענישן אין טיראן — איז גארניט געווארן. פון באגלויבטע קוועלן אין וואשינגטאן האט מען איבערגעגעבן אז עס איז ניטא קיין אויסזיכט עס זאל צוזאמענגעשטעלט ווערן א אינטערנאציאנאלער ימיש׳ער כוח, נאך מער, א שפרעכער פון ווייסן הויז האט דעמענטירט די קלאנגען אז אמעריקא האט פארגעלייגט אזא זאך, אמעריקא האט נאר ערקלערט אז עס דארף בלייבן פריי דער דורכגאנג פון טיראן פאר אלע שיפן. דער וויצע פרעזידענט ה׳ האמפרי דער אויסערנמיניסטער ה׳ ראסק און דער פארטיידיקונגס מיניסטער ה׳ מאק נאמארא האבן ערקלערט פאר דער זיכערהייטס קאמיסיע פון אמעריקאנער

סענאַט, אַז אַמעריקאַ האָט ניט קיין שום פּלענער וועגן עפּענען די טיראַן דורכגאַנגען מיט כּוח אָדער עפּעס טאָן פאַר איין צד אינ׳ם סכסוך. דאָס ווייסע הויז באַמיט זיך צו געפינען אַ צופרידנשטעלענדיקן אויסוועג אין די ראַמען פון דער אונאָ־און ניט מער. דער פּרוו איבערצולאָזן דעם גורל פון ישׂראל אין די הענט פון אַמעריקאַ אָדער די ימי׳שע מאַכטן — איז פולשטענדיק דורכגעפאַלן.

אַבאַ אבן און מיט אים כמעט אַ העלפט פון די רעגירונגס מיטגלידער אין ישׂראל האָבן אַלץ געטאָן וואָס זיי האָבן געקענט כּדי אויסצומיידן אַ צוזאַמענשטויס מיט די אַראַבער, אָבער זיי זיינען דורכגעפאַלן, זיי האָבן עס נאָר אָפּגעשטופּט אויף אַ פּאָר וואָכן, ניט וויסענדיק אַליין אַז דאָס איז גראָדע די בעסטע און פּאַסיקסטע צייט. אבן איז געווען זיכער אַז אים וועט זיך איינגעבן צו איבערצייגן די מערב לענדער און ספּעציעל אַמעריקאַ זיי זאָלן עפּעס טאָן אַנשטאָט ישׂראל, ווייל אויב ניט וועט זיך עפּענען פאַר רוסלאַנד אַ ברייטע טיר צו הערשן אין גאַנצן מיטלערן מזרח, ער האָט געזאָגט: „די מערב לענדער מוזן טאָן, ווייל אויב ניט פאַרלירן זיי זייער גאַנצער השפּעה אין מיטעלערן מזרח״. דער אָפּטימיזם פון אבן איז גלייך צורונען געוואָרן ווען עס זיינען אָנגעקומען באַגלויבטע ידיעות אַז אויסער פאַרנעפּעלטע ערקלערונגען, וועלן די מערב־מאַכטן גאָרניט טאָן לטובת ישׂראל. און די אַראַבער האָבן זיך ווייניק געשראָקן פון אַזוינע סאָרטן ערקלערונגען...

פייערלעשער וואָס ווילן ניט לעשן דער שריפה

נאָך טרויעריקער איז געווען די בילד אין דער אונאָ. די קאַלטע פּאָליטיקער אין אונאָ האָבן געמאַכט אַ פּשוט׳ן חשבון. די אַראַבער וועלן געוויס חרוב מאַכן ישׂראל און ישׂראל וועט פאַרשווינדן, לויט זיך טאַקע ניט איינצורייסן זיך מיט מצרים און די אַראַבישע לענדער. די 73 שטעלן פון די אונאָ סאָלדאַטן אין דרום זיינען אין דער קורצסטער צייט עוואַקואירט געוואָרן נאָר כּדי זיך ניט איינרייסן מיט מצרים. דער גענעראַל סעקרעטאַר או־טאַנט האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיק פון די צוויי שראַפּנעלן וואָס מען האָט געשאָסן אויף זיינע סאָלדאַטן, סתם אַזוי, פון פאַנטאַזיע וועגן. די אונאָ אָפיצערן האָבן געשוויגן ווען דער מיצרישער קאָמאַנדאַנט האָט געפאָדערט אַז די אונאָ איינהייט אין טיראַן זאָל פאַרלאָזן דעם אָרט אין פאַרלויף פון 5 מינוטן. זיי האָבן אפילו ניט געפּרוווט איינצוהאַלטן די אינדישע סאָלדאַטן וועלכע האָבן מיט ענטוזיאַזם זיך אָנגעשלאָסן אָן די יובלדיקע אַראַבער און געשאָסן אויף ישׂראל סאָלדאַטן ביי חאַן־יאָנעס. דאַגעגן האָבן זיי שאַרף פּראָטעסטירט ווייל אַ פּאָר אינדישע סאָלדאַטן זיינען על פּי טעות פאַרוואונדעט געוואָרן, און זיי אַליין זיינען געווען שולדיק אין דעם צווישנפאַל, ווייל זיי האָבן אַרומגעשפּאַצירט בעתן קאַמף אויפן שאָסעע עזה־רפיח און האָבן ניט געוואָלט אַראָפּגיין פון

שאסעע ווען די ישראל ארטילעריסטן האבן זיי געבעטן. דער אונא סעקרעטאר האט, ווייזט אויס, פארגעסן אויף א ווײלע אז זיין אמט פאדערט שטרענגע נייטראליטעט. ווען דער זיכערהייטס־ראט, האט לויט דער ביטע פון קאנאדע און בעלגיע, זיך צוזאמענגעקומען כדי צו דעבאטירן וועגן דער קריטישער לאגע אין מיטלערן מזרח האבן די אראבער און די פארשטייער פון קאמוניסטישן בלאק געפאדערט אראפצונעמען דעם פארשלאג פון דעם טאג־ארדענונג. „דאס איז געמאכטע היסטעריע פון ישראל און דער זיכערהייטס־ראט האט ניט קיין גרונט צו פירן א דעבאטע איבער דעם" האט געטענה׳ט דער פארשטייער פון רוסלאנד אין דער אונא ה׳ פעדארענקא. און אלקוני, דער מצרישער פארשטייער האט געטענה׳ט אויף דער זיצונג פון זיכערהייטס־ראט אז די אידן רופן ארויס א אומזיסטע פאניק, ווי עס וואלט טאקע געהאנגען א געפאר פון א מלחמה אין מיטלערן מזרח. „עס איז ניטא קיין שום געפאר און די לאגע איז כלל ניט אנגעשטרענגט", אין זעקס לאנגע זיצונגען האט דער זיכערהייטס־ראט, וועלכער דארף כלומרשט דאגה׳נען פארן שלום אין דער וועלט, ארויסגעוויזן זיין שרעקליכע אומבאהאלפענקייט און שוואכקייט, און ניט ארויסגעוויזן דעם מינדסטן ווילן אויסצומיידן א בלוט באד און העלפן די אנגעגריפענע ישראל.

נאך מער: עס איז געווען א גוטער גרונט צו מורא האבן אז דער זיכערהייטס־ראט וועט פארוואנדלט ווערן אין א בלינדן ווערקצייג אין די אראביש סאוויעטישע הענט און וועט זיך פאקטיש שטעלן הינטער דעם טייוולאנישן פלאן אפצומעקן ישראל. דער קאמוניסטישער בלאק, די אראבער די א.ג. „נייטראלע לענדער" און די פארשיידענע דיקטאטארן האלטן מערער מיטן שטארקן אידער מיטן גערעכטן און האבן ניט געוואלט קוקן דערווירקליכקייט אין די אויגן. זיי אלע זיינען געווען גרייט צו האלטן מיטן אנגרייפער אן שום געוויסנסביסן, מיט שוידער האבן די אידן אין ישראל געמאכט זייער חשבון הנפש, זעענדיק דעם נאקעטן גרויל אין דער גאנצער וועלט, א סאך פעלקער וועמענס הענט זיינען נאך געווען פארבלוטיקט מיט אידישן בלוט אין דער לעצטער וועלט־מלחמה וועלן זיך ניט שרעקן אז זייערע הענט וועלן פארבלוטיקט ווערן נאך א ביסל. און אבא אבן האט זיך געבייזערט: „וואס האט מען פון א שירעם וועלכער עפענט זיך שוין נאכן רעגן, וואס פארא ווערדע האבן פייערלעשער וועלכע ווילן ניט זען דער שריפה"?

— אבער ווער האט אים דען געהערט?

פינפ־טער קאפיטל

ג־טס הילף אויף די הימלען פון ישראל
דער לופט — פלאַט אטאקירט

„ווען מיר וואלטן א וואך פאר דער מלחמה ערקלערט עפענטליך אז עס וועט געשען דאס וואס עס איז געשען, וואלטן מיר פארלארן דאס לעצטע ביסל צוטרוי וואס דער פאלק האט צו אונז, און מען וואלט געקוקט אויף אונז ווי אויף מענשן וואס שוועבן אויף די פליגלען פון פאנטאזיע אין די הימלען — האט געזאגט א הויכער פליה אפיצער פון דער ישראל ארמיי. ער איז געווען גערעכט, קיינער האט אפילו ניט געקענט חלומ׳ען וועגן אזא גוואלדיקן זיג אין אזא גוואלדיק קורצער צייט.

עס איז געווען א ריזיקאנטער פלאן צו לייגן אויפן וואג־שאל די גאנצע לופט־ארמאדע מיט איינמאל, מיט א פרוו צו פארניכטן דעם מצרישן לופט־פלאַט נאך איידער ער וועט צייט האבן אפרייסן זיך פון פליה־פעלד און איבערלאזן דאס פארטיידיקונג פון דעם גאנצן ישוב אויף ג־טס הילף. און די ישראל אוויאציע האט טאקע געשפילט „וואַ־באנק״, שיקענדיק אלע בעסטע עראפלאנען קיין מצרים, מיט אירע גוטע ראקעטן, גרויסע מענגען לופט־שוץ ארטילעריע און ראדאר איינריכטונגען, קיינער האט ניט געקענט גאראנטירן אז די עראפלאנען וועלן בשלום צוריק קומען און מען וועט זיי ניט ארונטערשיסן אז זיי וועלן דערגרייכן זייער ציל, די קריגסגעשיכטע ווייס ניט צו דערציילן וועגן נאך א סאך אזוינע ביישפילן, אבער די עראפלאנען זיינען צוריקגעקומען, זיי האבן זייער ציל דערגרייכט, דאס איז געווען א סאך מער ווי א נצחון, דאס איז געווען — א נס!

גענעראל עזר ווייצמאן, וועלכער איז לאנגע יארן געווען דער קאמאנדאנט פון דער ישראל אוויאציע, איז געווען איינער פון די וועלכע האבן קאטעגאריש געפאדערט אנצונעמען דעם געוואגטן פלאן „אבער וואס ביי מיר אין הארצן האט זיך געטאן אין דער ערשטער שעה פון קריג, איידער די עראפלאנען האבן צוריקגעקערט און איידער מיר האבן געוואוסט פון די רעזולטאטן — ווייס נאר איך אליין״ — האט ער דערציילט נאכדעם. ביז א זייגער פיר פארטאג, מאנטיג, האבן מצרישע עראפלאנען פאטרולירט איבער מצרים, דאן האבן זיי צוריקגעקומען צו זייערע באזיסן און די פליער זיינען געגאנגען זיך אפרוען.

ניין, עס איז ניט געווען קיין שום פאררעט אינ׳ם מיצרישן מיליטער, ניט

קיין אפגעלאזענקייט אדער דעפעטישטישע שטימונג. די מצרישע פליער זיינען געווען גרייט צום קאמף. דאס איז פשוט געווען א נס מן השמים, ג־טס וואנדער, אין אכציק מינוט איז פון מצרישן לופט פלאט גארניט געבליבען, א מאכט וואס איז אויסגעשטעלט געווארן במשך לאנגע יאהרען דורכאנאנד — איז צוריבן געווארן אין בליץ־שנעלקייט. די מצרים האבן פשוט ניט געוואוסט וואס ס׳איז געשען און זיי וויסן עס נאך ניט ביזן היינטיקן טאג. די אפיצערן פון דער פאראייניקטער אראבישער רעפובליק האט מען אוועקגעזעצט אויפן באשולדיקונגס באנק אין א קריגס־געריכט, אבער די ריכטער אליין האבן וואַרשיינליך ניט געקענט דערגרונטעווען דאס גרויסע רעטעניש, דעם סוד פון ישראל׳ס גוואלדיקן נצחון, וועלכן מען קען בשום אופן ניט ערקלערן מיט נאטירליכע קאטעגאריעס פארשטענדליך דעם מענשליכן מוח.

נאצער האט געטענה׳ט אז אמעריקאנישע עראפלאנען האבן געהאלפן ישראל, אז די עראפלאנען פון דער זעקסטער אמעריקאנישער פלאטילע האבן אנטייל גענומען אין דער אפענסיווע, ווייל ער האט בשום אופן ניט געקענט גלויבן אז די באגרענעצטע ישראל אוויאציע זאל זיין בכוח דורכצופירן דאס וואס עס איז געשען, ער איז געווען זיכער אז ישראל האט ניט אזויפיל עראפלאנען כדי מיט איינמאל אטאקירן 25 מצרישע און סורישע פליהפלעצער.

אכציק מינוט נאכן אנהויב פון קריג האט דער קאמאנדאנט פון דער אוויאציע, גענעראל מרדכי האד, ראפארטירט דעם שעף פון גענעראל־שטאב, גענעראל ראבין „סיני איז ליידיק״. אלע פיר מצרישע פליה פלעצער אין סיני: אל־עאריש, ביר־גאפגאפא, ביר־תאמדה און ג׳בל ליבני — זיינען פארניכטעט געווארן און די דארט שטאציאנירטע עראפלאנען־פארברענט. די דירעקטע געפאר אויף דעם אידישן ישוב איז אראפגעגאנגען, אין א קורצער צייט ארום האט ער ראפארטירט דעם פרעמיער מיניסטער: „די אויפגאבע איז דערפילט״. דער געפערליכסטער געגנער האט אויפגעהערט צו עקזעסטירן.

כמעט קיין איין עראפלאן איז ניט צוריקגעקומען א ניט באשעדיקטער מער אדער ווייניקער, די יונגע און עלטערע פילאטן האבן ניט אויפגעהערט צו דערציילן די וואנדער וואס זיי איז געשען, ווי ראקעטן וואס זיינען געשאסן געווארן אויף זיי — האבן ניט אויסגעריסן, ווי דאס גיהינום פייער פון הונדערטער פליה־אפווער הארמאטן — האט זיי אויסגעמיטן, ווי יעדער יידישער עראפלאן איז אין פארלויף פון מינוטן דורכגעגאנגען אלע פייערן און ארויסגעקומען כמעט גאנץ. אין א שעה ארום זיינען אלע עראפלאנען געווען ווידער קאמפס גרייט.

ווייניק געגן א סאך

די ישראל אוויאציע איז ארויס אין קאמף געגן א כוח וואס האט איר איבערגעשטיגן אין צאל אין פארנעם און אין דער מעכטיקייט פון פייער. לויט

קאנטראלירטע ידיעות האבן די אראבישע לענדער געהאט מער ווי 800 עראפלאנען אנטקעגן 350 אידישע, צווישן זיי נאר 170 אין דער ערשטער פראנט־ליניע. דער מענשן מאטעריאל וואס איז געשטאנען צום דינסט פון דער אוויאציע ביי די אראבער האט געציילט 45 טויזנט אנטקעגן זיי האט ישראל געהאט בכוח צו שטעלן צווישן 8 ביז 14 טויזנט מענשן, ס'רוב רעזערוויסטן.

אפיציעל האט מצרים געהאט א מערדערישן ראקעטן ארסענאל. דאס זיינען געווען 100 ראקעטן פון דריי סארטן. „אל קאהיר" (דער עראבערער) וועלכער איז דעם ערשטן מאל אויסגעפרווט געווארן אין יאר 1962, מיט א מאקסימום ווייטקייט ביז 600 קילאמעטער; „אל זאפער" (דער זיגער) מיט א מאקסימום ווייטקייט פון 370 ק"מ און „אל ארד" (דער פיאנער) א צווייטער סטדיום פון דער „אל קאהיר" ראקעטע מיט א ווייטקייט ביז 1500 ק"מ יעדע איינע פון זיי מיט א טראגקראפט פון 500 ביז 800 ק"ג אויפרייס מאטעריאל.

די מצרים זיינען געווען פולשטענדיק צוגעגרייט צו אטאקירן ישראל גלייך ביים אנהויב פון דער געשפאנטער לאגע. די פילאטן האבן געהאט גענויע באפעלן ווי און ווען צו אטאקירן די ישראלדיקע פליה־פלעצער, אין די הענט פון צה"ל איז אריינגעפאלן א מענגע מאטעריאל וועלכע ווייזט געגוי די באפעלן ווי און וואו זיי זאלן פליען. דער קאד וועלכער איז באשטימט געווארן דורך ליוואַ איבראהים זייעד האט געהייסן „אסאד". ד.ה. „דער לייב", אבער דער מצרישער לייב האט ניט אוספעיעט צו א ברום צו טאן.

מיטאמאל האבן די ישראל'דיקע עראפלאנען באפאלן אלע 17 פליה פעלדער פון מצרים פון אנהויב סיני ביזן סודאנישן גרענעץ און שוין אין די ערשטע מארגן שעה'ן פון ערשטן מלחמה טאג, האבן זיי פארניכטעט מער ווי דריי הונדערט עראפלאנען אויף פיר פליה־פלעצער אין סיני (אל־עאריש, ביר־תמדה, ביר־גפגפה און דשזעבל־ליבני), דריי פליה־פלעצער אין געגנט פון סועץ (פאיד, כברית און אבו־סווייער), פינף פליה־פלעצער אין געגנט פון קאהיר (מערב־קאהיר, קאהיר־אינטערנאציאנאל, אל־מאזה, בילבייס און אינשאס), דעם פליה פלאץ מאנצורא אין דער מיצרישער דעלטא, צוויי אויפן ברעג פון ים־סוף (גראדקא און ראש־באנאס ביי דער סודאנער גרענעץ) און צוויי אין נילוס־טאל (בני־סוויף און לוקסאר). ערשט יעצט האט מען געזען ווי גוואלדיק איז געווען דער מצרישער פליה־פלאט וועלכער האט געדארפט באמבארדירן ישראל'דיקע שטעט און ישובים. אין'ם ערשטן קריגס־טאג איז געווארן קלאר אז ישראל וועט דארפן קעמפן געגן דריי אראבישע לענדער אויסער מצרים, סוריע, ירדן און עיראק און די ישראל אוויאציע האט זיך יעצט גענומען צו זיי און זיי האבן עס טאקע געטאן מיט דער זעלבער צושמעטערדיקער ווירקונג ווי מיט דעם מצרישן פליה־פלאט פארניכטעט די אוויאציע און פליה פעלדער אין סוריע (דמשק, דמאייר, סייקאל, מראהזש, רויאל און טי־4), אין עיראק (ה־3), און אין

ירדן (רבת עמון און מיפראק) די פליה־פלאטן פון ירדן און עיראק האבן פאקטיש אויפגעהערט צו עקזעסטירן און ישראל איז געווארן די הערשערין אין דער לופט. אין לופט־קאמפן וואס זיינען שפעטער פארגעקומען, האט ישראל פארניכטעט נאך 61 אעראפלאנען. די פארלוסטן פון די אראבער אין אעראפלאנען זיינען געווען זייער הויך פון די 500 קאמפס־אעראפלאנען האט מען פארניכטעט 330, (232 מצרישע, 56 סירישע, 21 ירדנ׳ישע, 20 עיראקישע און איינעם פון לבנון) פון 80 באמבער שווערע און מיטעלערע וואס די אראבער האבן געהאט זיינען אראפגעשאסן געווארן 62 (59 מצרישע, 2 סירישע און איין עיראקישער וועלכער איז אראפגעפאלן אין ישראל) ווי אויך 56 אנדערע אעראפלאנען און העליקאפטערס. ארום און ארום האבן די אראבער פארלארן 452 אעראפלאנען פון אלע סארטן (מצרים: 338, סיריע: 61, ירדן־29, עיראק־23 און לבנון־1). די עטליכע אעראפלאנען וואס זיינען נאך געבליבן אין מצרים און סיריע האט מען שנעל באהאלטן אין ווייטע ערטער. עטליכע אעראפלאנען האבן נאך געפרווט פארצווייפלט צו קעמפן, אבער אן ערפאלג.

די ערשטע אין קאמף

די ערשטע וואס זיינען אריינגעגאנגען אין קאמף געגן דעם עגיפטישן שונא, זיינען געווען די שווערע און שטארקע „וואטור" באמבערס. זיי האבן געהאט פאר זיך די לענגסטע שטרעקע: באמבארדירן דעם באזיס פון די מצרישע באמבארדירער אין לוקסארביים נילוס וואס איז דאפעלט אזוי ווייט ווי ביז קאהיר. זיי זיינען געפלויגן די ערשטע און באמבארדירט מיט איינמאל אלע 17 פלי־פלעצער פון מצרים. די לעצטע זיינען ארויסגעפלויגן די מיראז׳ן וועלכע האבן געדארפט פארניכטן די מיליטערישע אעראפלאנען אין אל־עאריש, דער נאענטסטער פונקט צום ישראל גרענעץ.

א פאר מינוט נאך אכט האט שוין דער גרעסטער טייל פון די ישראל אעראפלאנען אריבערגעפלויגן דעם מצרישן גרענעץ, זיי זיינען געפלויגן זייער נידעריק, כדי ניט אויפגעדעקט צו ווערן פון מיצרישן ראדאר און ניט געטראפן ווערן דורך די ערד־ערד ראקעטן און דער ארטילעריע געגן אעראפלאנען, אבער פליענדיק איבער מצרים גופא, איז שוין געווען ניט מעגליך ניט צו באמערקן אז דאס זיינען ישראל׳דיקע אעראפלאנען, אבער עס איז גארניט געשען, די אעראפלאנען זיינען ווייטער געפלויגן צו זייערע צילן ניט ווערנדיק געשטערט אדער באשאסן. פארוואס האבן די מצרים ניט געשאסן, פארוואס זיינען זיי געזעסן מיט פארלייגטע הענט און געווארט ביז זייער לופט־פלאט וועט פארניכטעט ווערן אינגאנצן, זיי האבן דאך געהאט אזויפיל מיטלען זיך קעגנצושטעלן ? אויף דעם איז עד היום ניטא קיין ענטפער.

ווידער זיינען דורך 80 מינוט און ווידער האבן די ישראל׳דיקע אעראפ־לאנען באמבארדירט 7 פליה־פלעצער אין דער לענג פון סועץ־קאנאל און נילוס, זיינען די פליגערס צוריקגעקומען און די פליה־טעכניקער זיינען באפאלן די אעראפלאנען און אין בליץ־שנעלקייט פארריכט די שאדן, דאס איז געמאכט אין אזא רעקארד שנעלקייט וואס די וועלט האט עס נאך אזוינס ניט געזען. אין דער קורצסטער צייט זיינען די אעראפלאנען שוין געווען פליה־גרייט.

דער מאיאר רן דערציילט:

די פאנאראמע איז געווען הערליך, פון סועץ ביז קאהיר ציט זיך א גרינע דעלטא, א גוואלדיקער שטח פול מיט טייכלעך און פאלמען וועלדלעך, די מצרישע פויערן האבן געארבייט אויף די פעלדער און אזוי ווי זיי האבן אפילו ניט געחלומ׳ט אז מיר זיינען ישראלים, האבן זיי צו אונז געפאכעט אין באגריסונג. מיר זיינען געפלויגן זייער נידעריק אז מאנכעסמאל האט זיך אונז געדאכט אט רירן מיר אן די בוימער. מיר זיינען אנגעקומען קיין אינשאס און צושטערט 10 מיג־21 און צוריקגעפלויגן. באלד זיינען מיר ווידער ארויסגעפלויגן, דאסמאל האבן מיר באקומען א באפעל צו באמבארדירן א פליה־פלאץ אין גראדקה, מיר האבן דארט ענטדעקט נאך א מיג־19, א באמבער איליושין און עטליכע העליקאפטערס מיל־6 וועלכע זיינען געבליבן גאנץ פון אונזער פריערדיקער באמבארדירונג. פלוצלונג האבן זיך אויפגעהויבן געגן אונז 4 מיג׳ן, 3 האבן מיר ארונטערגעשאסן פאר די אויגן פון הונדערטער אפיצערן און סאלדאטן, דער פערטער האט פארלארן די הערשאפט, האט שנעל א זינק געטאן צו דער ערד און זיך צופלאקערט אראפפאלענדיק...

א פליער פון א „מיסטער״ דערציילט:

מיר זיינען ארויסגעפלויגן, א שטאפל אעראפלאנען, קיין ביר־גאפגאפא, פלוצלונג האבן מיר געזען ווי צוויי „עלעקטרישע סלופעס״ פליען צו אונז נידעריק און רייסן אויף ביי א 5 קילאמעטער פאר אונז, דאס זיינען געווען ראקעטן וואס זיינען ניט דערפלויגן מיר זיינען אריינגעפלויגן אין א שורה איינער נאכן צווייטן אינ׳ם פליה־פלאץ און דאן האט זיך געעפנט אויף אונז א גיהינום־פייער, מיינע חברים ס. און ג. זיינען פארוואנדעט געווארן אבער דאס האט אונז ניט געשטערט אויסצולייזדיקן די באמבעס, צוריק האט דער אעראפלאן פון ג. געמוזט בלינד פליען און דער אעראפלאן פון ס. איז געווען זייער שווער באשעדיקט, ער איז געווען דורכגעלעכערט אויף פיל פלעצער און אין די פליגלען, פונדעסטוועגן זיינען מיר בשלום אנגעקומען אין אונזער באזיס.

די פליערס האבן געמאכט יעדן טאג געשיכטע, אויספירענדיק אויסערגע־וויינליכע זאכן, צוריקקומענדיק האבן זיי ניט אויפגעהערט צו דערציילן ממש

אומגלויבליכע געשיכטן. אט דערציילט קאפיטאן ר. א פליער פון א סופער־מיסטער (חיל־אויר נומער 74/75) :

„מיר זיינען געפלויגן צום פליה־פלאץ אינשאס, דאס איז געווען א פליה־פלאץ וואס אונזער עסקאדראן האט אים שטארק „בעארבייט". מיר זיינען געפלויגן נידעריק, ווי נאר עס איז מעגליך זיך פארצושטעלן. ממש צען מעטער פון דער ערד און אנדערע נאך נידעריקער, איינער פון די פליער איז געפלויגן אזוי נידעריק אז הינטער אים האט זיך אויפגעהויבן א וואסער־מויער פון דעם טרייב־קראפט פון די מאטארן. פליען מיר אזוי ערשט איך הער געשפרעכן אין ראדיא: „נומער 3 היט זיך" אדער: „האפ, יעצט האט מען געשאסן א ראקעטע". דו הערסט שוין באשיינפערליך די מלחמה: „א מיג האט ביי מיר ארייגעכאפט — יעצט גייסטו" „מיר גייען צוריק". מיר האבן ערליידיקט די איבעריקע מיג׳ן וואס זיינען געבליבן גאנץ. די ערשטע עסקאדראנען האבן נאך ניט געהאט קיין שטארקע באשיסונג, אבער אויף אונז האט זיך שוין געשאטן פייער פון אלע זייטן, צווייגן האבן זיך אפגעריסן און געפלויגן אויף אונז, מיר זיינען געפלויגן ממש אין א רעגן פון גראנאטן. צו מיין שלימזל האט זיך געמאכט א דעפעקט אינ׳ם ברען מאטעריאל און איך האב געמוזט צוריקפליען אליין. ביי די בראדווילס זע איך פלוצלונג א איינציקן מיראזש, פארשטייט זיך אז איך האב געוואלט צוזאמען פליען, האב איך אנגעפרעגט דורך ראדיא ווער איז עס דער איינזאמער מיראז׳ש וואס פליט אזוי נידעריק איבער בראדווילס, און אט הער איך א באקאנטע שטימע פון קאפיטאן מ. אז ער פליט עס אבער ער זעט מיר ניט, איך האב אים געזאגט וואו איך געפין זיך און ער האט מיר ווייטער געענטפערט אז ער זעט מיר ניט, האב איך ווידער ארונטערגעקוקט און ערשט יעצט האב איך דערזען נאך צוויי עראפלאנען, איך האב אנגעהויבן צו דאגה׳ן ווייל די עראפלאנען זיינען געווען נאר עטליכע קילאמעטער פון אונז אבער אין אזא זייט וואס האט מיר ניט ערלויבט זיי צו אידענטיפיצירן, ווייסטו וואס, האב איך געזאגט צו מ. איך וועל זיך אויסדרייען צו דיר און אויפהויבן מיין פלייצע כדי דו זאלסט מיר זען, ערשט יעצט האב איך באמערקט אז איינער פון די צוויי עראפלאנען דרייט זיך הינטער מיר כדי צו אטאקירן, אבער ער האט מיר דערקענט איידער ער האט אנגעהויבן שיסן, דאס איז געווען א אונזעריקער, עס האט זיך ארויסגעוויזן אז מ. איז טאקע געפלויגן איבער די בראדווילס אבער אין א גאנץ אנדער ארט". נאך א נס..

קאפיטאן י. איז ניט געווען דער איינציקער וועלכער איז דורכגעפלויגן דורך א רעגן פון שראפנעלן און איז בשלום צוריק געקומען און ווידער געפלויגן. דער גרעסטער טייל פליער האבן דורכגעמאכט אזא פייער־פראבע און מיט נסים יעדער מאל פונדאסניי געקומען בשלום צוריק.

אומגלויבליכע דערציילונגען

לופט שלאכטן פול מיט וואנדערליכע געשעענישן ווערן דערציילט פון זייער א סאך פליער. אזוי צ.ב.ש. האט א אלטער ישראל'דיקער אוראגאן אראפגעשאסן א מיג 21, איינעם פון די נייסטע און בעסטע רוסישע אעראפ־לאנען דער שנעלער אעראפלאן האנטער איז אראפגעשאסן געווארן פון דעם לאנגזאמען וואטור, אט דערציילט יאלו, א פליער פון א סופער־מיסטער אין אויבנדערמאנטן זשורנאל:

— איך בין געפלויגן אין דער ריכטונג פון אינשאס וועלכע ליגט ביי דעם זומער פאלאץ פון פארוקן, דעם געוועזענעם מצרישן קייסער. מען האט אונז דארט מקבל פנים געווען מיט א גוואלדיקן פייער, איינער פון אונזערע אעראפלאנען האט אויסגעריסן אין דער לופט, מיין אעראפלאן האט באקומען א שראפנעל אין בויך, איך בין געווען זיכער אז איך וועל ניט קענען צוריקפליען און האב געזאגט דעם 2טן אעראפלאן אין מיין עסקאדראן אז איך וועל באלד ארויסשפרינגען כדי מען זאל וויסן וואו מיר צו זוכן, וואלט מען מיר דארט נאך אטאקירט וואלט איך גארניט געקענט טאן, פונדעסטוועגן האט זיך מיר איינגעגעבן זיך צושלעפן צו אונזער באזיס און נאך דעמזעלבן נאכמיטאק בין איך מיטן זעלבן אעראפלאן געפלויגן באמבארדירן סיריע. אונזערע חברה טעכניקער זיינען וואנדערבארע מענשן אז זיי האבן געקענט אזא גרויסן שאדן צורעכט מאכן אין אזא קורצער צייט. איך בין ארויסגעפלויגן מיט א עסקאדראן פון 4 סופער־מיסטערס אטאקירן א לופט־פעלד וואס הייסט סייקל א באזיס פון מיג 21, וועלכער געפינט זיך הינטער די הרי חושך ערגיץ אין צפון מזרח פון סיריע, א פליה פון העכער א האלבע שעה אין שווערע באדינגונגען. מיר זיינען געפלויגן שנעל און נידעריק און ווען מיר זיינען אנגעקומען האבן מיר באמערקט אז צוויי מיג'ס פאטרולירן איבערן פליה־פלאץ, מיר זיינען געווען גרייט צו אטאקירט ווערן פון דער ערד, אבער מיר האבן גלייך געביטן די טאקטיק און איך האב באפעלט דעם נומער 4 ער זאל מאנעווירירן אזוי אז דער מיג זאל זיך געפינען אין שווערער לאגע דאן האב איך צוגעפלויגן נאענט צו אים, ער האט זיך א דריי געטאן כדי צו אטאקירן דעם נומער 4 און האט מיר דערזען, ער איז געווארן נערוועז דאס האט שלעכט געמאכט זיין לאגע ווייל ער האט געשאסן ווי א משוגענער סתם אין דער לופט, איך האב זיך דערנעענטערט ביז 150־200 מעטער און ארייגעשאסן דריי סאלוון, איך האב אים געטראפן מיט דער ערשטער סאלווע אינ'ם פליגל און האט אנגעהויבן צו פאלן, דער פליער איז ארויסגעשפרונגען פון א הויך פון 150 מעטער אבער איך בין כמעט זיכער אז דער פאראשיוט האט זיך ניט געעפנט אין דעם הויך, אין צווישנצייט האבן מיינע אנדערע חברים זיך פארנומען מיטן צווייטן מיג און אים צורעכט געמאכט, ער האט זיך אנגעהויבן

קייקלען שנעל, ווייזט אויס אז דער סירישער פליער האט פארלארן די שליטה און דער אעראפלאן איז אראפגעפאלן. נאכדעם האבן מיר געפונען א מיג וואס איז געשטאנען אויף דער ערד און האבן אים שנעל ערליידיקט ער איז געווארן א שטיק פייער.

ווי איז דאס אלץ געשען? ווי האבן עס די סופער־מיסטערס געשלאגן די מיג׳ס וועלכע שטייגן זיי איבער אין אלץ, אזוינע און נאך הונדערטער פאלן וועט מען קיינמאל ניט פארשטיין. אט דערציילט ק.כ. אז ער האט באקומען א באפעל צו אטאקירן די סירישע ארטילעריע, פלוצלונג האט א שראפנעל אויפגעריסן די העראינסטרומענטאציע, „כ׳האב פארלארן די שליטה אויפן אעראפלאן, איך וויל פליען קיין מזרח און ער דרייט זיך אין מערב.. אפשר וועל איך מוזן ארויסשפרינגען.. א גרויסער לאך אינ׳ם ברענענדיקן פליגל, אבער א מינוט איידער איך האב באשלאסן צו שפרינגען האט מען אויפגעהערט שיסן״, ער איז צוריקגעקומען צום באזיס זיך שלעפענדיק אויפן בויך, אבער געזונט און גאנץ.

און קאפיטאן ר. א מיראז׳ש פליער דערציילט: א שראפנעל האט געפלאצט איבער אים, אויפגעריסן דעם טאנק פונ׳ם בענזין, עס איז ביי אים ניט געווען קיין ספק אז ער איז פארלארן, אבער ער האט דאך געקומען צוריק צו איינעם פון די באזיס׳ס מיט א נויט לאנדונג אבער געזונט.

חיים פראוויזאר פון פתח־תקוה געהערט צו דעם טעכנישן פערסאנאל פון לופט־פלאט און ביז היינט קען ער עס ניט פארשטיין און פרעגט זיך אליין איבער: פון וואנען האבן עס די פליער אונזערע גענומען אזא גוואלדיקן ווילענסקראפט און גבורה, צו יאגן זיך אין קאמף, צוריקקומען און מיטן זעלבן ברען גלייך נאכאמאל פליען, דאס איז נאך אין דער היסטאריע ניט באקאנט, ניין, איך וועל עס קיינמאל ניט פארשטיין.

די ישראל פליער האבן אין דער זעקס־טאג מלחמה א סאך מאל איבערגע־שטיגן דעם שנעלקייט רעקארד וואס איז ווען עס איז דערגרייכט געווארן איז פליען, אעראפלאנען זיינען באשעדיקט געווארן, אין קורצע מינוטן פארריכט געווארן, צוזאמען מיט זיי זיינען די פליער פארוואונדעט געווארן אבער זיי האבן ניט אפגעלאזן און מען האט זיי געמוזט, פארוואנדעטערהייט ווידער שיקן, ביזן סוף, ערשט דאן האבן זיי אפגערוהט.

דער אפיצער מ. דערציילט:

מיטוואך אינדערפריה בין איך ארויסגעפלויגן צו אטאקירן א קאנצענטראציע פון ירדנישע טאנקן און אנדערע געווער ביים ירדן, די ירדנער האבן זיך גוט פארטיידיקט און באשעדיקט מיין אעראפלאן, איך האב דערפילט א אויפרייס און א שטארקן שליידער, איך האב א געשריי געטאן: איך בין פארוואנדעט אבער די הערשאפט אויפן אעראפלאן האב איך ניט פארלארן.

א שראַפּנעל האָט געטראָפן אין דער ראַקעטע אָבער ניט אין איר אויפרייס מאַטעריאַל, א צווייטער שראַפּנעל האָט דורכגעלעכערט דער לאַנד קאַרטע און דורכגעהאַקט מיין אַקסל, די ערשטע ערשטיטערונג איז פאַרביי, כ׳האָב זיך געשטאַרקט און אויסגעפּירט מיין אויפגאַבע ביזן סוף, איך האָב אויסגעליידיקט מיין גאַנצן אַרסענאַל אויף די טאַנקן און צוריקגעקומען צו אונזער באַזיס, די חברים האָבן געוואָלט זען דער ראַקעטע און דער מאַפּע און דער אַפּיצער מ. האָט עס אַלעמען געוויזן. די ראַקעטע מיטן לאָך און דער מאַפּע האָט ער באַקומען אַלס אַנדענקונג. „פון דער ראַקעטע וועל איך מאַכן א לאָמפּ און פון דער מאַפּע וועל איך מאַכן א אַבאַזשור״...

דערציילט ד״ר יזהר חרוזי:

איך בין 32 יאָר אַלט, געענדיקט מעדעצין אין ירושלימער אוניווערסיטעט און פון 1960 בין איך א דאָקטאָר אין דער ישראל אַוויאַציע.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה בין איך צוגעטיילט געוואָרן אין א העליקאָפּטער עסקאַדראָן, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו זיין א רעטונגס־מאַנשאַפט ווען עס וועט זיין נויטיק. אונזער עסקאַדראָן האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע רעטונגס־אַקציעס און אויסגעפינען פליער וועלכע האָבן געמוזט אַרויסשפּרינגען פון זייערע עראָפּלאַנען שוין מאַנטיק אינדערפרי.

מיר האָבן באַקומען א באַפעל צו פליען טיף אין מצרישן געביט כדי צו זוכן א פליער מיטן נאָמען יהונתן וועלכער האָט מאַנטיק אינדערפריה אַראָפּגע־שפּרונגען, נאָכדעם ווי זיין עראָפּלאַן איז געטראָפן געוואָרן איבער א מצרישן פליה־פּלאַץ פון טיילן פון א אויפגעריסענעם מיצרישן מיג־21.

מיר האָבן געהאַט ווייניק פּרטים, מיר האָבן נאָר געוואוסט אַז ער איז געשפּרונגען אָבער נאָכדעם האָט אים קיינער ניט געזען, קיינער האָט ניט געוואוסט צו ער לעבט אָדער די מצרים האָבן אים געפאַנגען, דאָס האָט אויף אונז זייער שווער געדריקט, עס איז שווער איבערצוטראַגן דעם געדאַנק אַז הונדערטער קילאָמעטער ווייט פון דיר געפינט זיך דיין חבר און זיין לעבן הענגט אָן דיר, ווען מיר קומען צו דער צייט, לעבט ער נאָך?

איר ווייסט, אַז מען קען א מענשן פּערזענליך איז עס פיל שווערער, אודאי וואָלטן מיר געטאָן, דאָס זעלבע פאַר יעדן פליער, מיט אַלע קרעפטן און אַלע חושים כדי אים צו ראַטעווען, אָבער דאָך איז עס אַנדערש ווען דו ווייסט אַז דער געזוכטער איז דיינער א חבר.

מיר פליען איבערן ים, עס איז חושך מצרים, קיין טראָפּן ליכט, מיר פליען נידעריק צוויי פליער און צוויי מאַשיניסטן און דער אַרצט־פּערסאַנאַל. מיר פליען איבער סיני, מזרח׳דיק פון סועץ און ניט ווייט פון דעם קאַנאַל. מיר דרייען זיך צו דרום און פלוצלונג פילסטו ווי דאָס האַרץ הויבט אָן שנעלער קלאַפּן, א האָפענונג לויכט אויף אין דיר, מיר וועלן אָנקומען! מיר

וועלן אים ראטעווען! און אין מינוטן ארום גנבעט זיך ווידער אריין א ביטערער צווייפל, אפשר איז עס סתם א פארפלאנטעניש, אפשר איז ער שוין ביי די מצרים אין די הענט? אבער דער העליקאפטער פליט מיט דיר צוזאמען, צו ראטעווען, געפינען אים פאר יעדן פרייז. עס איז שוין צען מינוט פאר צען ביינאכט. מיר פליען איבער מצרישע עשאלאנען, זיי פארן מיט פולער ליכט און זייערע פראזשעקטארן בישטערן אויפן וועג, ווער ווייס, אפשר זוכן זיי אים?

די שפאנונג און די שרעק זיינען ניט צו באשרייבן, מען זעט גארניט, אונטען איז די ערד א שטיק שווארצע שרעקענדיקע מאסע. דער העליקאפטער לאזט זיך ארונטער, ציינדט אן דאס ליכט, די מדבר־פינסטערניש צולויפט איןביידע זייטן און אט זעען מיר א 50 מעטער פון אונז אונזער פליער. די אויפרעגונג פארשטאפט אונז דעם אטעם, א הויכער מאן אנגעטאן אין א פליער־אנצוג לויפט צו אונז ווי שנעל ער קען, ער לויפט שנעל צו דער אויפגעעפנטער טיר, מיר לאזן ארונטער א מעטאלענעם לייטער, אט טרעט ער ארויף, נאך א טריט, נאך א טריט, אט שלעפן מיר אים ארויף, מיר זיינען אן אטעם, מיט געפילן פון גרויס גליק, מיר האבן ניט קיין ווערטער, קוקן מיר אויף אים און ווייסן ניט וואס דארף מען יעצט טאן, אין אזא צוזאמענטרעף הונדערטער קילאמעטער פון אונזער באזיס. מיר באפאלן אים און קושן און קושן אן אויפהער.

א ווארטעניש פון 14 שעה

מיר זיינען אפגעפלויגן, איך האב אים אונטערזוכט, דאס וואס ער איז געלאפן צו אונז אזוי גיך איז ניט קיין פאקט אז ער איז טאקע אין ארדענונג, אין מדבר זיינען פאראן פארשיידענע דערשיינונגען וועלכע מערקן זיך ניט גלייך. א מענש וואס זעט אז מען קומט אים ראטעווען, קען ארויסווייזן אויסערגעוויינליכע כוחות אפילו ער איז גוט קראנק. אבער ער איז געווען געזונט.

מיר האבן פריער געהערט זיין שפאנענדע געשיכטע: ער האט אויף אונז געווארט באלד 14 שעה. 8.30 אינדערפריה האט ער באמבארדירט א פליה־פעלד ביי דעם סועץ קאנאל, ער איז טיף געפלויגן און אויפגעריסן א מיג 21 וואס איז געשטאנען אויפן פעלד און די שטיקער פון דעם אויפגעריסענעם עראפלאן זיינען דערפלויגן ביז אים און ער האט זיך ניט געקענט ארויסדרייען, דער עראפלאן איז שווער געשעדיקט געווארן, פונדעסטוועגן האט ער נאך געקענט זיך צוריקאויפהויבן פון דעם קאנאל אבער ער האט גלייך איינגעזען אז ער האט ניט קיין אויסזיכטן צו פליען ווייטער, ער האט ארויסגעשפרונגען מיט זיין פאראשיוט און האט נאך באמערקט ווי זיין עראפלאן פלאמט אויף. ער האט זיך דאן געפונען א ערך פון 10 קילאמעטער פונ׳ם קאנאל אין דער געגנט פון דעם ביטערן אזיערע. גלייך ווי ער איז ארונטערגעפאלן נאך איידער

ער האט צייט געהאט אפצורייסן זיך פון דעם פאראשיוט האט ער באמערקט גאנץ נאענט פון דעם ארט א פאסטוך מיט זיינע שאף, ער האט גלייך געלאזט אלץ ליגן, אפילו די וואסער־פלאש און איז אוועקגעלאפן וואס שנעלער פון דעם בעדואינער, פון ווייטנס האט ער באמערקט אז דער בעדואינער לויפט שנעל צו זיין פאראשיוט און נישטערט אים אויס, דער פליער האט זיך געפירט ווי מען האט אים אנגעזאגט: ניט לויפן כדי ניט צו פארלירן כוחות, ער איז געגאנגען ווי מען דארף.

נאך א 15 ק"מ'דיקן מארש האט דער פליער געפונען א באהעלטעניש אונטער א קליינעם מדבר־קוסט, וועלכער האט אים געגעבן א ביסל שאטן, כדי צו זאמלען כוחות האט ער ס'רוב פון טאג געדרעמלט אבער אכטונג געגעבן צו ליגן דארט וואו דער שאטן דרייט זיך. אין די שעה'ן האט ער געהאט א אינטערעסאנטע ארבייט וואס איז געווען פארבונדן מיט ניט וויניק שרעק. פון אונטער דעם קוסט האט ער געזען ווי אונזערע אעראפלאנען פליען כוואליעס־ווייז ממש איבער אים כדי צו באמבארדירן ניט ווייטע פליה־פלעצער, ווען ער האט געזען א עסקאדראן פון 4 אעראפלאנען וואס איז געפלויגן אהין און זיי אלע פליען צוריק — האט ער דורכגעלעבט גרויסע גליקליכע שעה'ן.

אין אוונט האט ער פארלאזן זיין פלאץ און זיך דערווייטערט בערך א 5 ק"מ צו א ארט וואס האט אים אויסגעזען לייכטער צו געפינען. דער דאזיקער שריט באשטעטיקט זיינע רייד אז ער איז געווען פולקאם זיכער אז מען וועט אים ארויסראטעווען, ער האט נאר געדאפט זוכן דעם בעסטן ארט פאר דעם אוןווארטן.

ער האט געווארט אז מיר וועלן אנקומען צו אים אין אוונט און ארום צען איז געקומען דער גרויסער מאמענט. צוליב דער פינסטערניש האט דער פליער ניט באמערקט דעם העליקאפטער, ער האט נאר געהערט דעם גערויש פון דעם מאטאר און וואס מער דער רעש איז געווארן שטארקער אלץ מער האט ער געגלויבט אז זיין רעטונג איז נעבטער.

אזוי האט ער אונז דערציילט און מיר פון אונזער זייט האבן אים דערציילט דעם גרויסן און שנעלן נצחון.

ערשט דאן האט דער פליער איבערגעהאקט דעם שמועס, אריינגעשטעקט אין מיר צוויי פארוואנדערטע אויגן ארויפגעפאלן מיר קושן און געשריגן: יזהר, יזהר, איך האב דיר בכלל ניט דערקענט. און מיר האבן אלע געלאכט.

די ראקעטן האבן ניט געטראפן

אבער מיר האבן צו פריה געלאכט. פליענדיק האבן מיר פלוצלונג באמערקט א גרויסן לויכטענדן געגנשטאנד וועלכער פליט משוגענערווייז גלייך צו אונז. די פינסטערניש איז מיטאמאל פארשוואונדן און עס איז געווארן העלער טאג,

די גאנצע געגעגט איז געווארן העל באלויכטן. דער העליקאפטער האט זיך צוטרייסלט ווי אין קדחת און די פליער האבן פארלארן די הערשאפט אויף אים, אונזערע הערצער האבן געהאמערט און א גרויסער פראגע צייכן האט זיך געשטעלט אויף אונזער לעבן. עס איז ביי אונז קיין ספק ניט געווען אז די ראקעטע וועט אונז טרעפן, נאך א פאר סעקונדן האבן מיר געהערט א שרעקליכן דונער, ווי וויט האבן מיר ניט געקענט אפשאצן, האבן מיר געזען א מין ריזיקן פאקעל ווי א ריזיקער פייער שפייענדיקער קוימען פון א קאלך־אויוון. מיר האבן נאר געטראכט ווי קומט מען ארויס פון דאנען.

אבער עס האט זיך ארויסגעוויזן אז אונזער רעטונגס־רייזע וועט זיך גוט ענדיקן. די ראקעטן האבן אויפגעריסן זייער נאענט פון העליקאפטער אבער אונז ניט אנגערירט.

מיר האבן געפרווט פליען איבער וויסטע געגנטן, נאר א היים, א היים — האט געקלאפט אין די שלייפן. לינקס פון אונז האבן מיר געזען פארט־סאעיד און מיר זיינען געפלויגן לענג אויס דעם ברעג פון ים, אין עזה־שטרייפן האבן מיר געהערט די הארמאטן דונערן און גאנץ עזה איז געווען באלויכטן פון שראפנעלן. מיר האבן ווידער אונטערזוכט יהונתן, ער האט פארלארן 8 קילא אין די לעצטע 14 שעה.

און נאך א ביישפיל:

קאפיטאן יעקב. א רעזערוו פליער א טאטע פון פיר קינדער איז געווען דער איינציקער פליער וועלכער האט געמוזט ארונטערשפרינגען אין סיני־קריג. אלע זיינע באמיאונגען דאן צו ראטעווען זיין „מוסטאנג" האבן ניט געהאלפן. נאך א לאנגן, שרעקליכן וועג אינ׳ם ברענענדיקן מדבר — האט ער זיך דערשלאגן צו אונזער מיליטער. און ער האט דאן באשלאסן פעסט אז אזא זאך וועט מיט אים מערניט געשען.

מען קען זיך פארשטעלן זיין ביטערע ענטוישונג, ווען ער האט באמערקט אין איינעם פון זיינע באמבארדירונגען אויף סוריע אז זיין „וואטור" איז שטארק באשעדיקט אינ׳ם רעכטן פליגל און אז דער עראפלאן ברענט. ער האט באקומען א קורצן און שטרענגן באפעל: פארלאז דעם עראפלאן! אבער קאפיטאן יעקב האט ניט געהאט קיין גרויסן חשק צו פארלאזן נאכמאל זיין עראפלאן און ארייגפאלן אין די „גאסטפיינטליכע" הענט פון די סוריער. „איך האב באשלאסן צו טאן דאס כמעט אוממעגליכע", דערציילט ער „ראטעווען דעם עראפלאן און מיין לעבן אויך, איך האב דעריבער אנגעהויבן פליען אין דער ריכטונג פון אונזער באזיס, דאס פייער האט זיך אלץ מער און מער צושפרייט און עס איז געווען א סכנה אז דער עראפלאן וועט זיך אויפרייסן אין דער לופט, איך האב דערזען אונזער באזיס איז מיר געווארן לייכטער,

אבער די סכנה איז נאך ניט פארביי ווייל איך האב ניט געהאט קיין מעגליכ־קייט צו לאנדן אויף די רעדער..."

אז א באמבארדירער פון טיפ „וואטור" זאל לאנדן אן רעדער — אפילו א בויט־לאנדונג, איז נאך ניט געשען, אבער קאפיטאן יעקב האט עס דורכגע־פירט ניט שלעכט.

אזוינע אפענע נסים האבן באגלייט דעם גרויסן נצחון פון דער ישראל אוויאציע.

זעקסטער קאפיטל

דער מארש אין דרום
ד׳ עמכם גבורי החיל!

דאס איז געווען כ״ו אייר תשכ״ח. אכט א זייגער אינדערפריה.

צווישן די סאלדאטן פון די דריי דיוויזיעס און הילפס־קרעפטן וואס זיינען געווען צושפרייט אויפן דרום׳דיקן גרענעץ פון ישראל געגנאיבער די מער ווי הונדערט טויזנט מיצרישע סאלדאטן, האבן ווייניק געלייגט אכט אויפן טאג־באפעל פון גענעראל ישעי־ה גביש, דער קאמאנדיר פון דעם דרום־פראנט, ער האט געזאגט:

ג־ט זאל זיין מיט אייך, איהר העלדן!

היינט שטייט איר פאר דער העכסטער אויפגאבע אין אונזער לעבן פארטיידיקן אונזער לאנד. דער מצרישער שונא האט צוגעגרייט זיינע כוחות און גייט אטאקירן אונזערע גרענעצן. זיינע סאלדאטן באוועגן זיך און שפרייטן זיך אויס איבער סיני, זיינע הערשער האבן געשלאסן די טיראן דורכגאנגען, דעם אינטערנאציאנאלן וואסער וועג — פאר אונז און דער מצרישער דיקטאטאר בארימט זיך מיט זיין קראפט און די קאמפס מעגליכקייטן פון זיין מיליטער.

אפיצערן, סאלדאטן!

מיר וועלן גיין אינ׳ם דאזיקן קאמף און וועלן בייקומען דעם פיינט וואס לויערט אויף אונז.

לאמיר מארשירן איבער זיינע ווייטקייטן, פארניכטן זיין מיליטער און ברענגען א נצחון מדינת ישראל. אין דעם גורל׳דיקן מאמענט קוקן די אויגן פון גאנצן פאלק אויף אייך און זיינען מתפלל פאר אייער געזונט און נצחון. מיר האבן גענוג כוח און מאכט צו באזיגן דעם פיינט און פארזיכערן דעם נצחון. צה״ל וועט קעמפן און וועט צורייבן דעם פארברעכערישן פיינט. גייט און זייט מצליח און ג־ט זאל זיין מיט אייך.

ישעי־ה גביש — גענעראל
קאמאנדאנט פון דרום־שטאב.

דעם מארש פון די צענדליקער טויזנטער ישראל סאלדאטן וואס האבן אריבער דעם גרענעץ צופוס אדער אויף טאנקן, האט ניט באגלייט די האפענונג אז דאס וועט אנקומען לייכט, צורייבן דעם פיינט און ראטעווען זייער לאנד

מיט די צוויי און האלב מיליאן מענשן פון אונטערגאנג. דער גענעראל שטאב פון צה״ל איז טאקע געווען זיכער אין נצחון, ער האט דאך קיין אויסוועג ניט געהאט. נאר די נויט און ניט קיין אנדערע אויסרעכענונגען האבן זיי געבראכט צו דער איבערצייגונג. אבער אויך איבערצייגט אז דאס וועט קאסטן זייער א סאך בלוט. דער חשבון איז געווען פשוט און קלאר: די אונאויפהערליכע מיליטערישע איבונגען פון מיצרישן מיליטער, זיינען געוויס ניט געבליבן אן א רושם אויף די מצרישע סאלדאטן, דאס מצרישע מיליטער האט געמאכט פארטשריט און מען קען אים ניט פארגלייכן מיט דעם פון יאר 1956, בייע און גוטע געווער און אויסריכטונג, דער אמאליקער שווערלייביקער פאמעליכער שטאב איז אויסגעביטן געווארן אין א יונגען שטאב פון אנגרייפערישע אפיצערן וועלכע זיינען דערצויגן געווארן דורך דער מצרישער איבערקערעניש און געאיבט געווארן פון ערשטקלאסיקע רוסישע אפיצערן און דערציער. יעצט זיינען די מצרים ניט אליין אינם קאמף, מיט זיי קעמפן אלע אראבישע מדינות, אומגעקערט, ישראל איז יעצט איינע אליין. און אין אזוינע אומשטענדן צו דערגרייכן א נצחון איז גארניט לייכט.

די אפיצערן פון צה״ל האבן אפילו ניט געחלומט אז אין 72 שעה וועלן זיי דערגרייכן ביזן סועץ, אז ריזיקע שטאל און אייזן־בונקערס וועלן פאלן אין א קורצן, עטליכע שעה׳דיקן קאמף אן גרעסערע פארלוסטן, אז צה״ל וועט ניט האבן קיין איין דורכפאל, קיין איין טעות אינ׳ם דאזיקן געלאף. גענעראל גביש האט מודה געווען אפענהארציק: „אפילו אין מיינע שענסטע חלומות האב איך זיך ניט פארגעשטעלט אז מיר וועלן פארניכטן דעם פיינט מיט אזא גוואלדיקער קראפט״.

אפילו די גרעסטע אפטימיסטן פון צה״ל האבן ניט געוואגט פאראויסצוזאגן אזוינע איבעראשענדיקע נצחונות, אזא שנעלן געלאף ביזן סועץ און דאס פולקאמע פארניכטונג פון גאנצן מצרישן מיליטערישן כוח, אלעקסאנדריע און קאהיר זיינען יעצט געווארן א פאליטישער פראבלעם אבער שוין ניט קיין מיליטערישער ביז רוסלאנד וועט ווידער באוואפענען מצרים. די הערשער פון מצרים זיינען געווען צוטומלט פון דער גוואלדיקער מפלה זיי האבן עס ניט געקענט איבערקאכן, דערשיטערט ביזן סוף האבן זיי ניט געגלויבט אז אזא זאך קען בכלל פארקומען.

געגענאיבער מער ווי הונדערט טויזנט

אין אלגעמיין האט דאס מיצרישע מיליטער אין סיני געציילט ארום 30.000. יעצט זיינען צוגעקומען נאך 70.000. גאנצע זיבן דיוויזיעס, א שלל מיט געווער דאס בעסטע וואס מצרים האט געקויפט פאר מיליארדן דאלאר — האט געשטראמט אן אויפהער קיין סיני צום גרענעץ מיט ישראל. אין

דעם פאַרהעלטניסמעסיק קליינעם שטח פון דעם עזה־פּאַס האָבן זיך באַפעסטיקט צוויי דיוויזיעס, די 20־טע דיוויזיע פון די פּאַלעסטינעזער האָבען זיך פאַרגראָבן אין סטראַטעגישע פּונקטן ביים אריינגאַנג פון עזה און די זיבעטע מצרישע דיוויזיע האָט זיך פאַרגראָבן צווישן רפיח און אל־עאַריש.

נאָך 5 דיוויזיעס האָבן זיך פונדערגעשפּרייט איבער מדבר סיני. די 2־טע דיוויזיע ביי אַבו־אַגיילא און קוסיימאַ, דרום־מיזרחיקער פון איר — די דריטע מצרישע דיוויזיע, ביי איר האָט איר באַשיצט די 4 מצרישע געפּאַנצערטע אויסגעוויילטע דיוויזיע, ווייטער צו דרום — די זעקסטע געפּאַנצערטע דיוויזיע וועלכע איז געשטאַנען ניט ווייט פון אילת מיטן פּנים צו מצפּה רמון, דעם ישראל־שטאַב איז געווען קלאָר וואָס זי וויל: אָפּרייסן אילת און דעם דרום־דיקן נגב פון ישראל און אַזוי אַרום שאַפן אַ יבשה קאָמוניקאַציע מיט ירדן.

דאָס מצרישע מיליטער איז געווען אויסגעריכט און באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט דאָס בעסטע וואָס מיליטער קען און דאַרף האָבן, 800 טאַנקען, הונדערטער האַרמאַטן און אַנדערע סאָרטן געווער, דאָס אַלץ האָט פאַרשטאַרקט דעם קאַמפס־גייסט פון די מצרישע סאָלדאַטן, צו דעם — די געפּאַנצערטע שוצן־גראָבן, געבויט לויט די אַנווייזונגען און דער נייסטער סאָוויעטישער טעכניק, נייע פליה־פעלצער מיט נייע אַעראָפּלאַנען מער ווי מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלן. ניט אומזיסט האָט גענעראַל גביש געזאָגט: „דאַסמאָל איז דער מצרישער פיינט געווען אויסגעריכט און באַוואָפנט מיט ערשטקלאַסיקן און נייעם געווער און ער האָט זיך גוט פאַרטיידיקט". נאָך דער מלחמה האָט משה דיין ערקלערט: „דאַסמאָל האָבן די מצרים אַ סאַך בעסער געקעמפט ווי אין יאָר 1956". גענעראַל אַריק שרון, דער קאָמאַנדאַנט פון איינער פון די דיוויזיעס וואָס האָט איינגענומען סיני, האָט ערקלערט אין אַ פּרעסע קאָנפערענץ פאַר הונדערטער פּרעסע־לייט אין תל־אביב: „ווי דאָס איז געשען ווייס איך ניט, אָבער אַ פאַקט אַז עס איז געשען, ס'איז געווען זייער אַ שווערער קאַמף, אונטער שווערן אַרטילעריע פייער האָט זיך אונז איינגעגעבן פונאַנדערצוטרייבן דעם פיינט און אים פאַרניכטן, אָבער אַפילו נאָך די קאַמפן האָבן מיר נאָך געקענט זיך אַנשליסן אַן אונזערע קרעפטן אין צפון און קעמפן ווייטער געגן די סיריער", און ער האָט ווייטער דערציילט: „מיר זיינען געווען פיל ווייניקער פון די מצרים, פון איין זייט איז געשטאַנען דער שונא מיטן בעסטן און מאָדערנסטן געווער, טאַנקן און האַרמאַטן פון די נייסטע און בעסטע און פון צווייטן זייט —אונזערע סאָלדאַטען, איך מוז מודה זיין אַז ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אונזערע סאָלדאַטן האָבן זיי מיר אויסגעזען ווי אַ ערב־רב, זיי זענען זייער גוטע סאָלדאַטן און האָבן אויסגעצייכנטע אָפיצערן אָבער זייער אָנטועכץ איז ניט געווען אַזוי גלענצענד און אויטאָס האָבן זיי געהאַט פון הונדערטער מינים, פון „תנובה" און „אַרטיק" א.א.ו. איך האָב געטראַכט דאָן,

וואס וועלן זאגן די געפאנגענע ווען זיי וועלן זען אונזערע סאלדאטן און אונזערע אויטאס. דער אמת איז אז שוין ביים אנהייב פון אונזער קאמף אין יאר 1948 ווען איך בין נאך געווען א יונגער אפיצער, שפעטער אין יאר 1956 ווען איך בין שוין געווען א קאמאנדאנט פון א פאלק און יעצט ווען איך בין א קאמאנדאנט פון א דיוויזיע — האב איך געוואוסט אז ניט מיט אונזערע טאנקן און ארטילעריע האבן מיר געוואונען, ווייל כלים האט דער שונא אונזערער שטענדיק געהאט מערער און בעסערע פון אונז, ווי אזוי זשע האבען מיר דאך געוואונען די מלחמות, פארשטיי איך ניט. איך האב געשמועסט מיט געפאנגענע און זיי זיינען ביטער ענטוישט, מען האט זיי צוגעזאגט אז אין א פאר טעג ארום וועלן זיי זיין אין תל אביב, אויסהרגענען אלע מענער און פארגוואלדיקן אלע פרויען. אבער נאך אלעמען מוז איך זאגן אז דער מצרי איז א גוטער סאלדאט, זיי זיינען גוט ארגאניזירט און גוטע שיסער״.

וואס זשע איז דאך געווען די סיבה פון דעם אזוי פלא׳דיקן נצחון וואס האט ניט זיין גלייכעניש אין דער היסטאריע פון מלחמה? די צה״ל אפיצערן האבן געזוכט מיט ליכט א פשוט׳ן שכל׳דיקן ענטפער אז די מיליטערישע קאנצעפציע זאל עס קענען איבערקאכן, אז אפילו די פרייע זאלן עס קענען פארשטיין, אבער ס׳איז ניטא קיין לאגישער ענטפער אויף אלע וואונדערליכע וועגן פון דער השגחה וואס באגלייטן אונזער פאלק אין זיין לאנגן גלות־וועג און זיין נאך לענגערן קיום, ניט דאס ערשטע מאל אז מיר קעמפען א הייפל געגן אפילפאכן שונא, שוואכע געגן פילפאך שטארקערער שונאים, און יעצט איז ווידער אמאל געשען אזא זאך. די אפטימיסטן צווישן די צה״ל אפיצערן האבן געהאפט אויף א זיג ווייל עס איז פשוט קיין אנדער אויסוועג ניט געווען, אבער זיי האבן זיך פארגעשטעלט בלוטיקע שווערע קאמפן מיט א סאך קרבנות, א נצחון נאך א גוואלדיק שווערן קאמף און אנשטרענגונג, אבער אויף אזא גלענצענדן נצחון מיט, פארהעלטניסמעסיק אזוי ווייניק קרבנות, אויף איינצונעמען גאנץ סיני ביזן סועץ קאנאל, פארניכטן דעם דראענדן כח אין 90 מינוט — אויף דעם האט זיך קיינער ניט געריכט.

דאס מאל, האבן געזאגט די צה״ל אפיצערן, איז דער פארמארש געווען דאפלט שנעלער ווי אין יאר 1956 און איינגעגעבענער ווי דאן, עס איז געווען דער גרעסטער טאנקען־געראנגל וואס די געשיכטע ווייס צו דערציילן, דער שלאכט האט איבערגעשטיגן אפילו די בארימטע שלאכט צווישן דעם טאנקען־קאמפוס פון מארשאל מאנטגאמערי און דעם אפריקאנישן קארפוס פון מארשאל ראמל אין אל־אלמיין, אין דעם ענטשיידענדן שלאכט אינ׳ם דריטן קריגס־טאג האבן א־טייל גענומען מער ווי טויזנט טאנקען פוןביידע זייטן, אויסער ארטילעריע פון אלע מינים, דער גיגאנטישער קאמף פון אייזן און שטאל האט זיך געענדיקט אין עטליכע שעה, די בעסטע געווער, דער שפיץ פון

סאָוויעטישער אויסאַרבייטונג איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך אַ ערגערן און שוואַכערן געווער.

אודאי, מען האָט באַצאָלט אַ גאַנץ שיינעם פּרייז פאַרן אָפּהאַקן דעם מצרישן אייזערנעם קולאַק פון אונז, 275 הרוגים און 807, ס׳רוב שווער, פאַרוואונדעטע האָט צה״ל מקריב געווען אין דרום׳דיקן פראָנט. 61 טאַנקען האָט ישראל פאַרלאָרן און עטליכע הונדערט לאַקאַמאַציע מיטלען — איינגערעכנט הארמאַטן. אָבער דאָס איז געווען אַ איבעראַשענדער סך הכל רעכענדיק זיך מיט דעם פאַרנעם און דער שטאַרקייט פון די קאַמפן און דעם גוואַלדיקן פייער פון ביידע זייטן. די מצרים האָבן פאַרלאָרן אין די קאַמפן מער ווי צען טויזנט אָפיצערן און סאָלדאַטן, מער ווי 600 טאַנקן זיינען פאַרבערנט אָדער צושטערט געוואָרן און מער ווי הונדערט אַריינגעפאַלן אין צה״ל׳ס הענט, טויזנטער האַרמאַטן, לייכטע און שווערע מאַשינען געווער, שווערע און לייכטע אויטאָס און טאַנקעטן און נאָך זייער ווערטפולע מיליטערישע איינריכטונגען און מאַשינען האָט צה״ל פאַרכאַפּט, איינגערעכנט ריזיקע ראַקעטן.

דער מצרישער סאָלדאַט האָט געקעמפט בעסער, פאַרעקשנטער ער איז געווען גרייט צו אַ שווערן קאַמף, די פּאַלעסטינעזישע דיוויזיע האָט געקעמפט אויסגעצייכנט, מיט אַ אויסערגווינליכער עקשנות, אפילו ווען צה״ל האָט שוין דורכגעבראָכן די ערשטע פאַרטיידיקונגס ליניעס און אַריין אין די ישובים פון עזה־פּאַס האָבן אירע סאָלדאַטן נאָך ווייטער געקעמפט, זיי האָבן באַשאָסן די ישראל סאָלדאַטן שוין נאָכדעם ווי דער גאַנצער עזה־פּאַס איז שוין געווען איינגענומען, דאַסמאָל זיינען זיי ניט אַנטלאָפן ווי אין יאָר 1956, אָבער דער קאַמפס־גייסט האָט די אַראַבער ניט געהאָלפן, די פאַרטיידיקונגס ליניעס זיינען שנעל צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן, דער מערדערישער פייער פון די אַראַבער האָט ניט געקענט אָפּהאַלטן די ישראל סאָלדאַטן וועלכע זיינען געלאָפן אין פייער אָפּגעדעקט.

אין אומאָפּהענגיקייטס קריג אין יאָר תש״ח האָבן צה״ל סאָלדאַטן אַרומגע־רינגלט די מצרים אין פאַלודזשע, אָן אויפהער אַטאַקירט און ניט געקענט איינעמען, די מצרים האָבן העלדיש פאַרטיידיקט זייערע פּאָזיציעס און זיך ניט אונטערגעגעבן אָבער זע! יעצט זיינען די כוחות פון מצרים איבערגעשטיגן פיל מאָל די ישראל׳דיקע, סיי אין מענשן און סיי אין געווער און סיי אין קאַמפס־גייסט און פונדעסטוועגן האָבן די מצרים ניט געקענט ביישטיין די אַטאַקע און צובראָכן געוואָרן, האָטש אפילו אין ס׳רוב פאַלן זיינען די אַטאַקירנדע געווען פיל ווייניקער ווי די אַטאַקירטע. אודאי, דאַסמאָל האָבן די ישראלים געקעמפט ווי לייבן, זיי האָבן איבערגעשטיגן זיך אליין אין גערוואַנגל, אָבער ווער האָט עס דאַסמאָל אַריינגעגעבן אַזאַ ניט דערהערטע גבורה? וועלכע באַהאַלטענע האַנט האָט עס געצילט די ישראל׳דיקע הענט זיי זאָלן שטענדיק

טרעפן אין ציל, אזוי שנעל און אזוי פינקטליך, קיינמאל קיין טעות ניט האבן, ניט שיסן אן א זייט. די גרויסע און נידעריקערע אפיצערן פון צה״ל, די וואס האבן די קאמפן געפירט און אנגעפירט, זיי קענען עס ניט ערקלערן בשום אופן, און מוזן מודה זיין אז די האנט פון דער השגחה העליונה האט עס געמאכט און ניט קיין אנדערער.

דער אנהויב פון קאמף

לאמיר אקארשט הערן וואס דערציילן די אפיצערן, וועלכע האבן דעם נס אדורכגעלעבט, געווען אין אים, אין סאמע וואונדער.

אט זיצט ער, דער קאמאנדאנט פון א קאמפאניע וואס איז געקומען ביזן סועץ אין א מארש פון 96 שעה אן אויפהער. ער איז שווארץ פארברענט, פול מיט קנייטשן, דורכגעגעסן מיט זאמד און בלוט, פייער און שטאל, איז ער אזוי געלאפן מיט זיינע סאלדאטן פון מאנטיק אינדערפריה ביז פרייטיק אינדערפריה, זיך געשלאגן אין חאן יונעס און רפיח, אין אל־עאריש און ביי ג׳יראדי, אין ביר תאמאדא און ביר חאסנע, אין ג׳עבל ליבני און אין דער מיטלע און נאך און נאך, יעצט זיצט ער צווישן זיינע סאלדאטן אויפן ברעג פון סועץ קאנאל, ער רוט אפ און די סאלדאטן דערציילן איבערלעבענישן, די וואונדער וואס איז זיי געשען אויף יעדען טריט און ער, דער קאמאנדאנט זיצט און הערט צו, זאגט ער צום מיליטערישן קארעספאנדענט דן מיריקן וואס שווימט דערביי: „אט די סאלדאטן וואס דו זעסט, אט די 18 יעריקע אינגלעך האבן אויפגעטאן א סאך מער ווי איך האב זיך געקענט פארשטעלן און חלומען, די 18 יעריקע קינדער זיינען געשטאנען אין ברענענדיקע טאנקען, ארומגערינגלט פון א צוויושעטן המון אין חאן יונעס און אל עאריש און זיך פארטיידיקט מיט האנט־גראנאטן. איך שעם זיך פשוט ווען איך דארף זיי געבן באפעלן, ווער בין איך אז איך זאל זיי געבן באפעלן ?, א יא, די א קינדער האבן וואס צו דערציילן, עס וועט זיי זיין גענוג און זיי וועלן זיך ניט איינמאטערן דעם גאנצן לעבן זייערן צו דערציילן וועגן די שווערע, זייער שווערע קאמפן. מיר האבן געדארפט באוועלטיקן גאנצע אונטערערדישע פעסטונגען, געבויט לויט די בייסטע סאוויעטישע אנווייזונגען, אין די פעסטונגען האבן זיך געפונען גוטע סאלדאטן, מען קען זיי בכלל ניט מאכן אונטערן האנט, אבער די באפעסטיקונגען זיינען איינגענומען געווארן אין א ממש אומגלויבליכער שנעלקייט, טעארעטיש איז כמעט ניט געווען מעגליך דורכצושיסן די ריזיקע טאנקן פון די מצרים, גיגאנטן וואס שיטן פייער און שטאל, דאס איז אפשר דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע אז לייכטע טאנקעטן זיינען בייגעקומען ריזיקע טאנקן. דאס אונגלויבליכע איז געשען, קליינע טאנקן פון טיפ אמ. אי. איקס האבן צוקלאפט אזוינע קאלאסן ווי סטאלין ט־55. די נידעריקע מיט די ברייטע טורעמס וואס זיינען כמעט

ניט דורכשיסבאר. נו, קענסטו עס פארשטיין! איך וועל עס קיינמאל ניט פארשטיין !".

רמי, א אפיצער פון די נח"ל פאראשיוטיסטטן, איז אויך צוגעקומען ביזן קאנאל, איך בין ניט רעליגיעז, זאגט ער אויף זיך, אבער איך האב געזען א וואנדערבארע זאך: „מיר זיינען אנגעקומען קיין רפיח און ארייגעפאלן אין א גיהינום, אונזער טאנקעט איז געבליבן שטיין נאך איידער מיר האבן צייט געהאט צו פארכאפן א שוץ־גראבן, פריער האב איך געטראכט דא צו בלייבן, אבער איך האב באלד געקומען צו זיך און געהייסן דעם שאפער זיך אפדרייען אין א זייט, און אט ממש אין א פאר סעקונדן ווי מיר האבן זיך אפגערוקט האט געטראפן א שראפנעל אויפן ארט וואו מיר זיינען פריער געשטאנען, פון אונז וואלט ניט געבליבן קיין זכר ווען מיר בלייבן דארטן".

אהוד האט אפגערוהט נעבן זיין טאנק, ער איז געווען לייכט פארוואנדעט און ער דערציילט ווי דאס וואלט ממש יעצט געשען: „מיר זיינען ארויסגעפארן מאנטיק אינדערפריה מיט א טאנקן עשאלאן צו אטאקירן דעם עזה־פאס, אונזער אפטיילונג האט שוין אטאקירט רפיח פון די ערשטע פרימארגען שעה'ן, מיר האבן געזען פונוויטנס טאנקן און געשאסן אויף זיי, און מיר האבן גאנץ פיין געטראפן, נאכדעם זיינען מיר אריבער צו א אטאקע, א קליינער ערד אויבערפלאך האט מיר פלוצלינג פארשטעלט מיין אפטיילונג איך האב נאר געזען דעם שאסטע און פון יענעם זייט 4 מצרישע טאנקן טי־34 דריי פון זיי געצילט אויף מיר. אין ערשטן מאמענט האב איך זיך דערשראקן, ווייל איך בין דאך געווען אין סאמע מיטן פון דער אטאקע אן א שום שוץ, אליין ניט וויסענדיק וואס איך טוה האב איך געצילט אויף איינעם פון די טאנקן, אינ'ם רער פון טאנק איז געווען א שראפנעל און דער דערבייאיקער קוילנווארפער האט געשאסן, די מצרישע טאנקיסטן זיינען פון שרעק ארויסגעשפרונגען פון טאנק און דער שראפנעל האט אנגעצונדן דעם טאנק און אלע סאלדאטן זיינען אויפגעריסן געווארן נאכדעם האב איך געשאסן אן אויפהער און צושמעטערט איין טאנק באכן צווייטן, איינער פון זיי וואס האט געפרווט אנטלויפן אדער אפשר מיר ארומקרייזן, איז געטראפן געווארן מאנעווורירענדיק, דאס וואס מיר האט געוואונדערט איז געווען דער פאקט אז די גאנצע צייט בין איך גיווען אפגעדעקט און וואס זיי האבן ניט אויסגעשאסן קיין איין מאל" (פארעפענטליכט אין „על המשמר".)

אין זעלבען „מפ"ם" צייטונג דערציילט דער אפיצער א.:

— ארויסגייענדיק פון רפיח האט אונז באגעגענט א פייער פון טאנקן פון א בונקער אין צפון זייט פון וועג. פאקטיש האט זיך אויך דער פייער געעפנט פון הינטן, און שוין ביים אנהייב פון קאמף האבן מיר געהאט פארלוסטן. דער פאלק האט זיך פונאנדערגעטיילט. איין טייל האט אויפגענומען דעם קאמף

מיטן פּנים צום שונא און דער אַנדערער טייל האָט געפּרוווט אַרומצוגיין טיף אין האַרצן פון מצרישן כּוח דורך די זאַמדן פאַרכאַפּט שטעלונגען און פאַרניכטעט מצרישע קאָמפּאַניעס סאָלדאַטן אַזוי אַרום האָבן מיר איינגענומען דעם צענטראַלן שאָסע פון רפיח און די צפון׳דיקע שטעלונגען. מיר האָבן געהאַט אין דעם קאַמף געהרגעטע און פאַרוואונדעטע, דער טאַנק פון דעם קאָמאַנדאַנט האָט געכאַפּט צוויי שראַפּנעלן און דער קאָמאַנדאַנט אהוד איז לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן אין האַנט. דער שטאַבּס אָפיצער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין געזיכט. צוויי אונזערע טאַנקען זיינען געטראָפן געוואָרן ממש אויפן צענטראַלן שאָסע פון טי־34 טאַנקען און אָנגעהויבן ברענען. איין טאַנק איז געפירט געוואָרן פון אָפיצער א. און דער צווייטער פון געפרייטער נעים. פון די ברענענדיקע טאַנקען האָבן די טאַנקיסטן פאַרניכטעט די מצרישע טאַנקען וועלכע האָבן אויף זיי געשאָסן, ערשט נאָכדעם ווי די אַמוניציע האָט אָנגעהויבן אויפצורייסן אין אונזערע טאַנקען, האָבן די סאָלדאַטן זיי פאַרלאָזן. מען דאַרף באַמערקן אַז אַ ברענענדיקער טאַנק קען יעדער מינוט אויפרייסן צוליב די פיל אַמוניציע וואָס איז אין אים. די טאַנקיסטן ווייסן עס גאַנץ גוט״.

און קאַפּיטאַן דני האָט אויך וואָס צו דערציילן: „ער איז אַ קאָמאַנדאַנט פון אַ טאַנקן קאָמפּאַניע פון טיפּ „פּאַטאַן״. אַ האַלבע שעה נאָכן אויסברעכן פון קריג האָבן מיר שוין פאַרניכטעט 6 טאַנקען, ווי אַזוי? ניט ער און ניט אהוד האָבן געהאַט אַ ענטפער אויף אַזעלכע און ענליכע פראַגן. און אַזוי דערציילט ווייטער א. אין „על המשמר״: „דאָס איז געווען אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה מיר זיינען געגאַנגען ווייטער פון אל־עאַריש צו דרום אינ׳ם מאַרש האָבן אונזערע טאַנקען אָנגעטראָפן אין אַ גרעסערע צאָל טאַנקען פון שונא, וועלכע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַטאַקע־שטעלונג, אונזער לאַגע איז געווען זייער שלעכט, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט טאָמער דער שונא וועט פאַרכאַפּן בעסערע שטעלונגען, און דאַן האָט איין אונזער טאַנק אָנגעזאָגט אַז ער איז גרייט אָנטקעגנצוגיין דעם מצרישן פייער כּדי צו קאָנצענטרירן דאָס פייער אויף זיך און אונז צו ערמעגליכן צו פאַרכאַפּן בעסערע שטעלונגען. דער טאַנק האָט טאַקע אַזוי געטאָן און דער שונא האָט אים גלייך באַהאָגלט מיט פייער, און פונדעסטוועגן האָט ער זיין פּלאַץ ניט פאַרלאָזן און האָט פאַרניכטעט פינף מצרישע טאַנקען, דער קאָמאַנדאַנט פון טאַנק איז פאַרוואונדעט געוואָרן דורך אַ שפּליטער פון אַ שראַפּנעל אָבער ער האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם טאַנק און איז געשטאַנען די גאַנצע צייט פון קאַמף אינם טורעם פון טאַנק און אָנגעפירט מיטן קאַמף. אין ווייטערדיקן קאַמף אין אל־גושיראַדי האָבן די טאַנקיסטן ראַפּאָרטירט אַז זיי האָבן פאַרניכטעט נאָך דריי טאַנקען און צוויי האַרמאַטן געגן טאַנקען איידער 2 שראַפּנעלן האָבן אים געטראָפן און ער איז געבליבן שטיין. דער שאָפער האָט נאָך צייט געהאַט אַראָפּצופירן דעם טאַנק

אינ'ם זייט, און ווען די טאַנקיסטן האָבן אַרויסגעשפּרונגען האָט דער טאַנק אָנגעהויבן ברענען, אָבער דער האַרמאַטלער האָט נאָך צייט געהאַט אָפּצומאָנטירן די פאַרבינדונגס־איינריכטונג און אַרויסנעמען די שיס־נאָדל פון טאַנק. אַרויס־שפּרינגענדיק זיינען געהרגעט געוואָרן דער קאָמאַנדאַנט און דער האַרמאַטלער, אָבער איינער פון די טאַנקיסטן איז נאָך ווייטער אַריינגעשפּרונגען אין טאַנק און האָט געשאָסן פון דעם קוילנוואַרפער, כאָטש ער האָט געהאַט שווערע אָפּבריאונגען איבערן גאַנצן קערפּער, אין אָוונט איז ער אַליין געקומען קיין אל־עאַריש, ערשט דאַן, ער איז שוין געווען אינגאַנצן פאַרחלשט, האָט ער באַקומען די ערשטע סאַניטאַרע הילף. אין דעם טאַנק האָבן זיך געפונען: בני ענבר ז״ל, חנני־ה אַלפּרט ז״ל יוסף פּריינטה און ישראל ישורין.

סגן־אַלוף אורי האָט דערציילט דעם פאַרשטייער פון דער פּרעסע:

— איך האָב קאָמאַנדירט אויף אַ טאַנקן קאָמפּאַניע פון טיפּ „פּאַטאָן״, די 7טע מצרישע דעוויזיע איז געשטאַנען אין קאַמפּס־גרייטקייט צווישן רפיח ביז אל־עאַריש צוזאַמען מיט אַ פאָלק אַנדערע סאָלדאַטן. די דיוויזיע פון אַלוף משנה שמואל האָט איר אַטאַקירט פון צפון זייט, דער עיקר'דיקער כוח וואָס האַלט איין דעם פראָנט איז די אַרטילעריע, און די מצרים האָבן דאָ געהאַט בערך 70 קאַנאָנען וועלכע האָבן געקענט אויסשפּייען ביז 5 טאָן שראַפּנעלן אין אַ מינוט, דער דיוויזיע קאָמאַנדאַנט האָט מיר געזאָגט ניט איינמאָל „זאָלסט וויסן אורי די אַרטילעריע קען אונז פאַרניכטן״ איך אַליין האָב עס אויך פאַרשטאַנען און איך האָב מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געלייגט אויף אַרטילע־ריע, איך האָב דורכגעשניטן מיט מיינע טאַנקען די טיפע זאַמדן, די טאַנקען האָבן זיך אַ יאָג געטאָן איבער די זאַמדן, מיר האָבן אַרומגערינגלט די פיינטליכע דיוויזיע און איר פּשוט צוטרעטן. מען רעדט דאָ וועגן טאַנקען, מיר האָבן געקעמפט געגן „סטאַלין״ טאַנקען, איר קענט זיך ניט פאַרשטעלן וואָס דאָס איז פאַר אַ טאַנק, פּשוט אַ קאַשמאַר, אַ שטיק שטאָל וואָס איז 22 ס״מ דיק אין פראָנט, דאָרט איז געשטאַנען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע פון „סטאַלין״ טאַנקען און מיר האָבן זיי פאַרניכטעט. איך וועל דערציילן נאָר וועגן איין אַקציע אונזערע: מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל אַרויסצוהעלפן אַ קאָמפּאַניע פּאַראַשיוטיסטן וועלכע זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן, די אַקציע האָט זיך געצויגן פון האַלבע נאַכט ביז אויף מאָרגן בייטאָג, סך הכל איז מיר געבליבן נאָר 12 באַוועגליכע טאַנקען און אויך זיי כמעט אָן ברענמאַטעריאַל, מיר האָבן געוואוסט אַז די לאַגע איז שווער, אַלוף משנה רפול, דער קאָמאַנדאַנט פון דער פּאַראַשיוטיסטן קאָמפּאַניע איז געזעסן אין מיין טאַנק און איך האָב באַפעלט אויף דעם כוח, מיר האָבן אַטאַקירט אַ גאַנצע מצרישע דעוויזיע און וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אַזוינע בילדער זעט מען אַפילו ניט אין פילם אָדער

אין חלום, מיר זיינען געקומען און באפרייט די פאראשיוטיסטן וועלכע האבן אונז באפאלן און געקושט אין גוואלדיקן ענטוזיאזם..

ווי אזוי זיינען טאנקן פון טיפ „סענטוריאן" בייגעקומען אזוינע שטאלענע ריזן ווי „סטאלין"? ווי האבן 12 טאנקן וועלכע האבן זיך קוים געשלעפט — צוטרעטן א גאנצע מצרישע טאנקן־קאמפאניע, ווי האט עס א קליינע טאנקן קאמפאניע פארניכטעט א גאנצן ארטילעריע פאלק און אוועקמארשירט ווייטער ווי עס וואלט גארניט געשען?, ווי האבן עס געשען אזוינע וואנדערליכע פאלן וואס לאזט זיך פשוט ניט גלויבן? ווי זיינען עס די ישראל סאלדאטן, פארמאטערט ביזן טויט, געגאנגען פון קאמף צו קאמף און איינגענומען מצרישע סאלדאטן אין די טויזנטער אזוי שנעל און אזוי אומגעריכט? ווי אזוי זיינען עס איינגענומען געווארן מצרישע שטאל און בעטאן פעסטונגען ממש אין מינוטן. אויף דעם האט אלוף משנה שמואל ניט געהאט קיין ענטפער, ניט ער און ניט סגן אלוף אורי, אדער אלוף משנה רפול, אלוף משנה ישכה און אלוף משנה קותי, די וואס האבן אנגעפירט מיט די אויסדערווייילטע כוחות וואס האבן געפירט דעם קאמף מיט די מצרים, עס איז קיין ספק ניט אז די השגחה איז דערביי געווען, די האט געבראכט דעם גרויסן נס, א נס וואס קוקט ארויס פון יעדן ווארט פון די אפיצערן.

אלוף משנה שמואל, א געוועזענער תלמיד פון ישיבת „עץ חיים" פון ירושלים, דערציילט:

„איך האב אנגעפירט מיטן כוח וואס האט דורכגעבראכן די פארפעסטיקונגען פון חאן יונעס, רפיח און ווייטער אין דרום ביז דעם סועץ קאנאל דורך שייך שווייד, דעם גזשיראדי א.א.וו. אונזערע טאנקן האבן אטאקירט, זיי האבן אטאקירט אפילו ווען זיי האבן זיך אנגעצונדן, אפילו נאכדעם ווען זיי זיינען ארויף אויף א מינע. מיר זיינען ארויף אויפן ערשטן פונקט גלייך ביים אנהויב פון מלחמה און גלייך איז געטראפן געווארן דער ערשטער טאנק דירעקט, דער צווייטער האט אויפגעפלאמט, א טעכנישע אפטיילונג איז געקומען צום ערשטן טאנק אים צו פאררעכטן, אבער די גאנצע אפטיילונג איז געהרגעט געווארן פונ'ם פיינטליכן פייער איז גלייך געקומען א צווייטע, פלוצלונג האב איך דערפילט אז דער געפיל פון טויט, פון זיכערן טויט איז פארשוואונדן פארוואס און פארוועו ווייס איך ניט.

אויפן רפיח פראנט איז געווען דער שטארקסטער קאמף. מיר האבן דארט געלאזן א היפש ביסל געהרגעטע חברים און ברענענדיקע טאנקן, און נאכדעם ווי מיר האבן ווי עס איז צובראכן דער מצרישער געגנערשאפט האבן מיר געלאזן די אפרייניקונגס ארבייט פאר א אנדערע אפטיילונג וואס איז געקומען נאך אונז און מיר זיינען געלאפן ווייטער. מיר זיינען געקומען צו דער פעסטונג „שייך שווייד" מיט דריי קאלאנען צוויי פון מיין אפטיילונג און די דריטע פון א

אנדערע, דארט איז אויך געווען א שווערער קאמף. חאטש מיר האבן דא ניט געהאט אזויפיל פארלוסטן ווי ביים קאמף אין רפיח, די פעסטונג פון „גזשיראדי״ איז איינגענומען געווארן שנעל דורך א קאמפאניע טאנקן פון טיפ „סענטוריאן״ פון מיין דיוויזיע. מיר זיינען געקומען ביזן פארשטאט פון אל־עאריש, דאן האב איך באקומען א באפעל צוריקצוציין, איך בין צוריקגעפארן מיט א ג׳יפ און פארן גזשיראדי האט מיר אפגעהאלטן א סמל פון דער אויסשפיר אפטיילונג און האט מיר פארבאטן צו פארן ווייטער, ער האט מיר דערציילט אז די פעסטונג איז ווידער איינגענומען געווארן דורכן פיינט, זיי זיינען טאקע אנטלאפן ווען אונזערע טאנקן זיינען געקומען, אבער געקומען צוריק מיט א גרויסער צאל טאנקן און הארמאטן, פארניכטענדיק א טייל פון אונזערע אויסשפיר אפטיילו־נגען, ווידער איז דער גזשיראדי געווען פאר אונז געשלאסן, מיר זיינען פאקטיש געווען אפגעשניטן מיר האבן אנגעהויבן ווידער א קאמף וואס איז דאסמאל געווען פיל הארטער און סכנות׳דיקער ווי דער פריערדיקער, דער קאמאנדאנט פון דעם כוח וואס האט געפירט דעם קאמף, אהוד איז געפאלן גלייך ביים אנהויב פונ׳ם קאמף, אונזערע טאנקן זיינען געטראפן געווארן און אנגעהויבן ברענען אבער מיר האבן ווייטער געקעמפט און ווידער איינגענומען די געפאנצערטע שטעלונג.

לויט א באפעל זיינען מיר ווייטער געגאנגען, מען האט מיר געזאגט אז די נאכט וועלן מיר קענען א ביסל רוהען, דאס איז געווען די נאכט צווישן דינסטיק און מיטוואך, נאך קרוב צו 40 שעה אומאויפהערליכן קאמף, אבער אין א פערטל שעה ארום האבן מיר געמוזט ווייטער מארשירן, גענעראל ישראל טל אונטער וועמענס פירונג מיר האבן געקעמפט, האט באפעלט מיר זאלן גיין אויף ביר לאכפאן, נאכדעם ווי מיר האבן נאך לאנגע און שווערע קאמפן איינגענומען אל־עאריש. דער מצרישער פראנט האט זיך ניט געוואלט אונטערגעבן און האט געקעמפט עקשנותדיק און מיט פייער, מיר האבן ארו־מגעפארן דעם מצרישן כוח מיט אונזערע סענטוריאנען און פאטאנען דורך די טיפע זאמדן, מיר זיינען געפארן אין א שטח וואס האט געהייסן א ניט דורכפאר־בארער און מיט רעכט, מיר האבן שנעל בייגעקומען דעם מצרישן כוח און מארשירט ווייטער.

און נאך איידער עס האט זיך געענדיקט די נאכט, וואס איז געווען פול מיט שווערע בלוטיקע קאמפן, האב איך באקומען א באפעל צו מארשירן ווייטער אן אויפהער, שטורמען פאראויס קיין ביר־חאמא, דאס איז א גרויסער פליה־פלאץ און ארום אים א סאך מיליטערישע לאגערן. דארטן איז געזעסן א מצרישע בריגאדע און א פאלק טאנקן, ביים זונאויפגאנג האבן מיר אטאקירט דעם ארט און אן פארלוסטן פארניכטעט דעם מצרישן כוח און געלאפן ווייטער. אזוי זיינען מיר ווייטער געלאפן דעם פערטן טאג און אנגעקומען ביז ביר־גאפגאפא,

דאס איז א גרויסער פליה־פלאץ ארומגערינגלט מיט מיליטערישע לאגערן, ממש א באפעסטיקטע שטאט, דארט האט זיך איינגעגראבן א מצרישע טאנקן בריגאדע אויף א לענג פון זיבן קילאמעטער. איך האב געזען אז אזוי וועט עס ניט גיין, ווייל אנטקעגן מיין טאנקן אפטיילונג איז געשטאנען א גאנצע בריגאדע מצרישע טאנקן, מיר האבן זיך פארמירט צום שלאכט מיט א צוקאפירטן כוח, דערווייל איז געהרגעט געווארן שמאי, דער קאמאנדאנט פון דער סענטוריאן אפטיילונג פון מיין בריגאדע צוזאמען מיט זיין שאפער און דאס, נאכדעם ווי זיי האבן פארניכטעט זעקס טאנקן טי־54, זיין שטעלפאר־טרעטער האט איבער גענומען דאס קאמאנדא איבער דעם פאלק, אין משך פון זעקס שעה האב איך דורכגעגאנגען די זיבן קילאמעטער, אבער נאך די זעקס שעה האט אלץ ארום געברענט, טאנקן, געפאנצערטע אויטאס, און א שיעור אויטאס, א גאנצע געפאנצערטע בריגאדע איז פארניכטעט געווארן. א מצרישער כוח פארזען מיט שווערע ניט דורכלעכערענדיקע טאנקן, האט געוואלט קומען צוהילף דער מצרישער בריגאדע, און עטליכע אונזערע לייכטע טאנקן אם. א. איקס האט אים אפגעהאלטן. אונזערע לייכטע טאנקן האבן געהאט פארלוסטן און געטראפן געווארן, אבער ווי עס איז האבן זיי דורכגעהאלטן, ניט דערלאזט אז דער מצרישער נייער כוח זאל זיך צוזאמענטרעפן מיטן אטאקירטן, מיר האבן ווייטער געגאנגען אין אן אומאויפהערדיקן קאמף און אינמיטן נאכט זיינען געקומען צום ברעג פון סועץ קאנאל, דאס איז געווען די ענדע פון אונזער מארש.

מען דערציילט און דערציילט

א ענליכע דערציילונג האט אלוף משנה ישכה, ווען ער האט רעזומירט דעם קאמף:

דער ערשטער סטאדיום פונ׳ם קאמף איז געווען מיטן פיינט וואס הייסט „זאמד״, מיר האבן געדארפט דורכגיין ביזן שאסעע וואס פארבינדט אבו עגיילה מיט אל־עאריש, 50 קילאמעטער מיט זאמד. מיר האבן דאס בייגעקומען מיר האבן ניט באצאלט מיט קיין בלוט, אבער דאס האט אונז געקאסט ניין טייערע שעה׳ן. דער צווייטער עטאפ איז געווען דער קאמף מיט א שונא וואס איז געווען פיל שטארקער פון אונז. א פיינט וועלכער האט אונז און מיר אים — אטאקירט. די שטעלונג געגן אונז איז געווען פארפאנצערט און שווער, דעריבער האב איך באקומען א באפעל ניט אטאקירן נאר פארשטעלן דעם שאסעע, דאס הייסט — בלייבן זיצן אויף אים, אויף דער קרייצונג וועלכער געפינט זיך 1200 מעטער פון די טאנקן און הארמאטן פון די מצרים. מיר זיינען ארויף אויפן שאסעע, האבן אים איינגענומען און דא האט אנגעהויבן די ארטילעריע צו שפילן אירע לידער, א קאמפאניע קאמאנדאנט איז גלייך געהרגעט געווארן

און זיין טאַנק איז געטראָפן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ גרויזאַמער און ביטערער קאַמף, ביינאַכט, די פינסטערניש האָט אונז איינגעהילט און די פיינטליכע אַרטילעריע קלאַפּט אויף אונז אָן אויפהער. איך האָב זיך געהאַלטן אינמיטן איבערגרופירן און אינמיטן קאַמף מיט די אַטאַקירנדע מצרים פון ביר־לאַכפן, האָב איך באַקומען אַנגעזאָגט אַז עס גייען אויף אונז צוויי געפּאַנצערטע בריגאַדעס פון ג׳עבל־ליבני, איינע האַלט ביי אַטאַקירן אונז און די צווייטע איז געשיקט געוואָרן צופאַרשטאַרקן דעם מצרישן כוח וועלכער קעמפט אין אל־עאַריש. איך האָב באַקומען אַ באַפעל איינצוהאַלטן די מצרים מיט דעם כוח וואָס איך האָב נאָך געהאַט און מיט נאָך אַ אָפּטיילונג וואָס איז מיר געשיקט געוואָרן פון הינטן. דאָס איז געווען צווישן 9 און 11 ביינאַכט, איך האָב ערשט יעצט אַרויסגעגעבן די באַפעלן און שוין האָט זיך אויפן שאַסע געזען פייערן פון אַ עשאַלאָן, איך האָב גלייך באַפוילן אַראָפּצולאָזן אַ קאָמפּאַניע צו דער קרייצונג און דער איבעריקער כוח איז געבליבן אין דער שטעלונג.

עס איז געווען פינסטער מיר האָבן נאָר געזען ליכט — פונקטן. די מצרים האָבן פאַרלאָשן די גרויסע פייערן און געפאָרן נאָר פאַר די פייערן פון דעם עשאַלאָן. איינער פון מיינע אָפיצערן האָט מיר געזאָגט: „איך זע זיי ניט״, „שיס אויף בלינד״ האָב איך אים געענטפערט, אינ׳ם ערשטן פייער פון מיינע מענטשן האָבן זיך אָנגעצונדן 7 מצרישע מאַשינען און עס איז שוין געוואָרן ליכטיק. דאָס אינגאַנצן האָט געדויערט 10 מינוט און זייערער אַ פאַלק האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט כדי אונז אַרומצוזינגלען, דער מצרישער כוח וואָס איז געקומען אין דער ריכטונג פון עבו־עגיילאַ, האָט אונז דערזען און אָנגעהויבן רעגענען אויף אונז מיט שראַפּנעלן, אין ערשטן מאָמענט האָבן מיר געהאַט די אויבערהאַנט אָבער באַלד האָבן די מצרים זיך פונאַנדער געשפּרייט אַנטקעגן אונז מיט אַ פיל שטאַרקען געפּאַנצערטן כוח און מיר האָבן געמוזט אָנהויבן מאַנעווורירן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף וואָס האָט זיך געצויגן פון אַ זייגער 10 ביינאַכט ביז מאָרגן אינדערפרי. די פאַלגן זיינען געווען קלאָר: 32 מצרישע טאַנקן זיינען פאַרניכטעט געוואָרן און דער גאַנצער טאָל איז געווען פאַרזייט מיט פאַרברענטע מצרישע מאַשינען. מיר האָבן ניט געהאַט קיין צייט צו בלייבן דאָ ווייל גלייך נאָכן פאַרענדיקן דעם קאַמף האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל צו לויפן קיין ג׳עבל ליבני, אַ נעץ פון מיליטערישע לאַגערן און אַ פליה־פּלאַץ, איינער פון די גרעסטע פעסטונגען וואָס די מצרים האָבן אין סיני. מיר זיינען געלאָפן אַהין און אויפן וועג נאָך „אַריינגעכאַפּט״ 10 ־ 12 מצרישע טאַנקן וועלכע מיר האָבן געטראָפן אויפן וועג.

אין זעקס שעה אַרום, נאָכדעם ווי מיר זיינען אָנגעקומען קיין ג׳עבל ליבני, 4 ביי־טאָג האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט די מצרים, דאָרט

האט זיך שוין געפונען א ישראל׳דיקע בריגאדע, זי איז אבער געווארן „פארשטאפט״ דורך מצרישע מיליטער, כדי דער בריגאדע ארויסצופלאנטערן האבן מיר געמוזט אריבערגיין אלע מצרישע מיליטערישע לאגערן פון ג׳עבל ליבני, מיר האבן גלייך אטאקירט מיט אלע כוחות וואס מיר האבן געהאט און נאך צוויי און א האלבע שעה האבן מיר פארניכטעט מער ווי דרייסיק מצרישע טאנקן, אדורכגעגאנגען די גאנצע זעקס קילאמעטרדיקע לענג פון ג׳עבל ליבני, אבער דאך ניט געקענט מיטאמאל אפראמען אלע מיליטערישע לאגערן, דא און דארט האבן זיך נאך געהערט אויפרייסן פון שראפנעלן, מיר האבן געוואלט אריינגיין אין קאמף ווייטער כדי אפצורייניקן די איבעריקע מיליטערישע לאגערן אבער מיר האבן באקומען א באפעל צו גיין אויף ביר חאסנע, מיר האבן געהאט א שלעכטע נאכט, מיר זיינען געווען די גאנצע נאכט אונטער פייער און מיר האבן געהאט פארלוסטן. האלב פיר אינדערפריה האט זיך אונזער אפטיילונג פונאנדערגעטיילט, איין טייל איז אוועק קיין ביר־חאסנע, א גוואלדיקער דורכגאנגס־פונקט פון די מצרים אין סיני און דער צווייטער טייל איז געבליבן אויפן ארט כדי אים אפצורייניקן.

די מצרים זיינען שוין געווען צוטומלטע און זיך אריינגעדרייט צווישן אונזערע סאלדאטן, אזוי אז מיר האבן לייכט געקענט פארניכטן ביי א דרייסיק לאסט־אויטאס און געפאנצערטע אויטאס. נאך א האלבע שעה האט מיין פאלק פארניכטעט 8 טאנקן און 35 מצרישע הארמאטן, ווייל דאס איז אגלייכער שטח און עס איז ניטא קיין מעגליכקייט זיך אויסצובאהאלטן פון פייער.

אויפן וועג קיין ביר חאסנע האבן מיר נאך פארניכטעט 2 טאנקן, איך אליין האב געהאט דעם כבוד צו קעמפן געגן א רוסישן טי־54 וועלכער האט אונז אטאקירט. אין דער זעלבער צייט האט זיך געענדיקט דער קאמף אין ג׳עבל ליבני. לויפענדיק קיין ביר חאסנע האבן מיר ניט געהאט קיין פראנט און קיין הינטער־לאנד, עס האט אויסגעזען אז מיר לויפן כדי אנצוקומען וואס גיכער אהין און מיר האבן דעם ארט איינגענומען זייער שנעל, שוין ניין א זייגער אינדערפריה. א סאך מצרישע געפאנגענע זיינען געקומען זיך בעטן מיר זאלן זיי נעמען, מיר האבן געלאזן א קליינעם כוח זיך צו פארנעמען מיט די געפאנגענע און מיר זיינען געלאפן ווייטער. און דא האט זיך אנגעהויבן א נייער סארט קאמף, א קאמף מיט א פיינט וואס אנטלויפט, וואס טוט אלץ כדי צו אנטלויפן פון אונז און צוקומען וואס שנעלער צו דעם סועץ קאנאל. זיי האבן זיך באנוצט מיט פארשיידענע טריקס כדי צוצוקומען צום סועץ, אמאל פלעגן זיי זיך אריינדרייען אין אונזערע קאלאנען און פארן מיט אונז. די טאנקן זיינען געפארן מיטן שאסע און איך מיטן שטאב אויף א טאנקעטקע ערשט איך זע דריי געפאנצערטע אויטאס פול מיט מיצרישע סאלדאן פארן מיט אונז. א נייע אויפגאבע איז אונז צוגעפאלן, אפצורייניקן אונזערע קאלאנען

פון מצרישע סאלדאטן. פון ביר חאסנע און ווייטער איז דאס געווען א שטענדיקע דערשיינונג. מיר זיינען געפלויגן משוגענערווייז און יעדער מאל פלעגט בלייבן א טאנק אדער צוויי אן בענזין, און די טאנקן האבן געמוזט פירן פריוואטע קאמפן מיט מחנות אנטלאפענע מצרישע סאלדאטן, מיט שוועריקייטן האבן מיר באקומען בענזין פאר די טאנקן, ווייל ווער האט זיך עס גערעכט אז מיר וועלן דורכגיין אזא לאנגע וועג אין אזא קורצער צייט און אז מיר וועלן שטיין ביי א שווערן פראבלעם פון בענזין פאר די טאנקן וואס וועט ניט קענען דערגיין מיט טאנקן צום גורל. ווען מיר זיינען געקומען מיטאגצייט און מיר האבן געזען אז מיר טוען גארניט פאזיטיוועס, דער מצרישע שונא איז אנטלאפן פון אונז, א קאמאנדאנט פון א פאלק האט באקומען א באפעל צו יאגן די מצרים מיט זיינע טאנקן, ער האט געהאט 9 טאנקן אבער נאר פינף האבן באקומען בענזין די אנדערע פיר האט מען נאכגעשלעפט מיט שטריק, אינטערעסאנט איז אז דאס צושעפען פון די טאנקן איז געמאכט געווארן אין אנווזענהייט פון די מצרים, ניט זיי האבן געשאסן אויף אונז און ניט מיר אויף זיי, פארוואס שווער צו זאגן. אזוי האבן מיר געקענט שנעל אנקומען ביז דעם דענקמאל פארן גענעראל פארקער וואס ביי דעם מיטלע דורכגאנג. דער איינציקער דורכגאנג אין דעם געגנט צום סועץ קאנאל, לוב און מצרים — און דארט פארמאכט אינגאנצן דעם וועג פאר די אנטלויפענדע מצרים מיט זייער געווער. אונזער אפטיילונג האט זיך פארפעסטיקט אויפן ארט, אנגעצונדן צוויי מצרישע לאסט־אויטאס און אזוי ארום האט זיך געשאפן די ערשטע פארשטאפונג און גלייך נאכדעם האבן זיך צונויפגעזאמלט א ריזיקער בארג פון מאשינען און טאנקען, ערשט יעצט האבן די מצרים אנגעהויבן א קאמף געגן אונזער קליינער אפטיילונג וועלכע האט זיי פארשטעלט דעם וועג צוריק. מיר זיינען אזוי געשטאנען אין קאמף מיט פיל גרעסערע כוחות פון אונז פון 4 א זייגער בייטאג ביז אויף מארגן 10 אינדערפריה, מיר האבן נאר צוגעשיקט די קעמפענדע פון צייט צו צייט בענזין, לאסט אויטאס און אנדערע געווער, דאס אלץ וואס מיר האבן פארכאפט ביי די אנטלאפענע מצרים. די קאלאנען וואס האבן זיך באוועגט צו דער מיטלע זיינען געווען געמישט, ס׳רוב זיינען עס געווען מצרישע וואס האבן געלאפן אין איין געלאף צום סועץ א קלייניקייט אויך אונזערע, און יעדעס מאל ווען עס האבן זיך צוזאמענגעקליבן א ביסל מצרישע טאנקן האבן זיי געפרווט ווידער און ווידער אדורכצוהאקן פאר זיך א וועג צום מיטלע און אטאקירן אונזערע אפטיילונגען. א מאל האט זיך זיי אפילו איינגעגעבן אריינצופארן אין אונזערע אפטיילונגען. איינמאל איז דאס געווען 22 טאנקן יו.ס.100 וועלכע זיינען ארויף אויף אונזער אפטיילונג וואס האט זיי פארמאכט דעם וועג, איין טאנק האט זיך איינגעגעבן אדורכצורייסן און די איבעריקע זיינען פארניכטעט געווארן דורך אונזערע טאנקן. לאסט

אויטאס מיט מצרישן בענזין זיינען געפארן ממש אונטער א האגל פון פייער און איג׳ם פייער אנגעפילט די טאנקן מיט בענזין, צוטיילנדיק יעדן טאנק א פאס מיט בענזין כדי זיי זאלן קענען אויסהאלטן. אזוי האבן מיר געקעמפט א גאנצן טאג ביז שפעט ביינאכט דאן האבן מיר באקומען א באפעל צו פארן ווייטער צום סועץ קאנאל. ערשט דאן, צום ערשטן מאל, און איך האף אז אויך צום לעצטן מאל, האב איך אויפגעהויבן די הענט און געזאגט: דער דאזיקער כוח איז א געענדיקטער מער קענען מיר פון אים ניט פאדערן, ער קעמפט שוין אזוי מער ווי אכציק שעה אין איין קאמף און אין איין געלאף. איך האב ראפארטירט דורכן ראדיא: מיינע סאלדאטן זיינען אינגאנצן ערשעפט, עס איז אוממעגליך ווייטער צו גיין מיט זיי. אבער דער באפעל איז געבליבן דער זעלבער און מיר האבן דעם באפעל אויסגעפירט פינקטליך. מיר זיינען ארויס צום סועץ און צוגעקומען צו אונזער ציל נאך א שווערן קאמף אינ׳ם וועג, אין ג׳עבל ג׳ידי. א פאלק פון מיין בריגאדע מיט 20 טאנקן האט געהאט א שווערן קאמף מיט א צוויי פאכן מצרישן כוח פון טאנקן טי־54 און טי־55 פארגראבן אין פארפעסטיקטע שטעלונגען, א ניט גלייכר קאמף וועלכער האט זיך געצויגן 3 שעה. מיר זיינען אנגעקומען צו אונזער לעצטן ציל, דעם סועץ קאנאל 1 א זייגער ביינאכט און די קאמפן האבן זיך נאך געצויגן ביז אינדערפריה, די פאלגן פון די קאמפן זיינען באוואוסט.

ווען איך פרעג זיך אליין היינט: ווי איז דאס געשען! ווי האב איך עס געקעמפט מיטן מצרישן מיליטער וואס איז געווען מערער און שטארקער פון מיינעם, פארניכטענדיק 157 טאנקן און דערביי האבן מינימאלע פארלוסטן, ווי אזוי האבן עס די 157 מצרישע טאנקן ניט געמאכט קיין ערנסטן שאדן? די פארהעלטעניס צווישן אונזערע און זייערע פארלוסטן איז דאך אומפארגלייכליך און האט ניט קיין ביישפיל אין אנדערע מלחמות ווי האבן מיר עס געקענט דורכפירן אין עטליכע טעג? ניט נאר אלוף משנה ישכה קען עס ניט ערקלערן ניט זיך און ניט אנדערע וואס עס איז געשען אין די דאזיקע וואונדערפולע טעג, ווי זיינען עס א הייפל בייגעשטאנען א פיל גרעסערן כוח, לייכטע קליינע טאנקן — בייגעקומען ריזיקע שטאל־קאלאסן, אזוינע גוואלדיקע פראגן וואס קיינער האט נאך ניט געגעבן קיין ענטפער אויף זיי, און וועלכע קענען ניט פארענטפערט ווערן מיט מיליטערישע קאטעגאריען, מיט נאטירליכע וועגן. ווייל דאס זיינען געווען אפענע אדער אמאל אויך פארשטעלטע נסים, אבער אן שום ספק איז עס למעלה מדרך הטבע.

אלוף משנה יקותיאל דערציילט

אין צה״ל רופט מען אים קותי, ער איז דער קאמאנדאנט פון א פיעכאטע בריגאדע אין דרום, נאכן קריג האט ער דערציילט:

באמת האבן מיר זיך זייער געשראקן פאר דאס נייע געווער פון די מצרים און נאך מער — פאר זיי אליין. מיר זיינען געווען זיכער אז פון יאר 1956 האבן זיי זיך אויסגעלערנט, פארבעסערט זיך און א סאך פארקלענערט דעם אונטע־רשייד צווישן זיי און אונז. ווען מען האט אינ׳ם שטאב פון גענעראל אריק שרון אויסגעארבייט דעם פלאן פון דער אטאקע פון דער דיוויזיע אויף אום־כתף, און אין פלאן איז געווען אז די אטאקע וועט עפענען די פיעכאטע — איז געווארן שווער אויפן הארצן. מיר האבן מורא געהאט פאר זייער שווערע פארלוסטן. אויף מארגן נאך דער אטאקע ווען מיר האבן ראפארטירט דעם פארזיצער פון גענעראל שטאב אונזערע פארלוסטן, האט ער נית געוואלט גלויבן, ער און אלע אין גענעראל־שטאב האבן געהאלטן אז עס וועלן זיין פיל מערער קרבנות. אין עטליכע וואכן ארום ווען קותי איז געווארן אינטערוויר־ירט דורכן פראנצויזישן זשורנאליסט בעזנסון, וועלכער האט אנטייל גענומען אין דער מלחמה פון אינדאנעזיע און אלג׳יר, האט דער זשורנאליסט נית געוואלט גלויבן: „דו ווילסט מיר איינריידן אז דיינע מענשן האבן פארנומען די מצרישע בונקערס, געקעמפט פנים אל פנים און נאר אזויפיל קרבנות געהאט?”

קותי איז מודה, „איך ווייס נית וואס צו ענטפערן אויף אזוינע רייד, אודאי פריי איך זיך וואס עס זיינען נית געווען קיין פארלוסטן, אבער וואס הייסט עס „קליינע פארלוסטן”, אונזער פאלק האט פארלארן א סאך בלוט און יעדער פארלוסט איז פאר אונז גרויס”.

די אטאקע אויף אום־כתף האט אנגעהויבן די פאנצער דיוויזיע וועלכע האט אין העלן טאג אטאקירט און פארנומען אום־טארפא, איינער פון די אויסערליכע פעסטיקונגען פון אום־כתף, 2 אזייגער בייטאג האט מיין בריגאדע אנגעהויבן מארשירן, די מענשן האט מען געפירט מיט אויטאבוסן און אזוי ווי איך האב נאך נית געוואוסט ווי די לאגע זעט אויס, האב איך מורא געהאט אז די אויטאבוסן וועלן פארוואנדלט ווערן אין „טויטנ־קאסטנס” האבן מיר געהייסן די מענשן ארונטערגיין און מיר זיינען געגאנגען צופוס. מיר האבן נאך געהאט פאר אונז א וועג פון 14 קילאמעטער איידער זיי וועלן צוקומען צום אטאקע־פונקט, עס איז געווען הייס און די מענשן זיינען געווען אנגעלייגט מיט געווער און אמוניציע ווייל מיר האבן נית געוואוסט ווי לאנג וועט זיך ציען דער קאמף.

אין אום־טארפא האט זיך די בריגאדע אפגעהאלטן. מיר האבן געווארט ביז עס וועט פינסטער ווערן, דאן האבן די מצרים אנגעהויבן אונז באמבארדירן דער איינגענומענער שטעלונג, גענעראל שרון האט געשריגן אין ראדיא צו אונז: שפרייט פונאנדער די מענשן, שנעל! וויפיל קען מען דען צושפרייטן א גאנצע בריגאדע וואס איז פארמירט געווארן צו א אטאקע? אבער עס איז געשען א נס קיינער איז נית פארוואנדעט געווארן. מיט נאכט האבן

מיר מארשירט ווייטער, די צרה איז געווען וואס מיר האבן ניט געקענט זען דעם ציל. איך האב גענומען די קאמאנדאנטן פון די פאלקן פאראויס אבער מיר האבן ווייטער גארניט געזען, האב איך געבעטן מען זאלווארפן באלויכטונגס־באמבעס אויפן ציל און כדי צו זיין זיכערער האב איך באפוילן די קאמאנדאנטן פון די פאלקן זיי זאלן פירן זייערע סאלדאטן מיט קאמפאסן. די שטעלונג פון דעד בריגאדע איז געווען אינטערעסאנט, פריער איז געגאנגען די שפיץ אפטיילונג, נאכדעם דער שטאב פון דעם פירונגס־פאלק, נאכדעם דער שטאב פון דער בריגאדע, דאס איז געווען א שרעקליכער וועג, מיר האבן געזונקען אין זאמד ממש ביז די קניה, די פאראשיוטיסטן וואס האבן געדארפט אטאקירן אום־כתף פון הינטן, האבן געהאט א דריטל וועג פון אונז, אבער די מענשן זיינען געגאנגען אן א ווארט.

די גאנצע צייט שיסן די שראפנעלן איבערן קאפ, דו גייסט פול מיט שרעק. און אזוי איז געגאנגען די קאלאנע אין דער פינסטער, אין טיפן זאמד און די שראפנעלן רייסן זיך אויף אין ביידע זייטן, אבער ממש מיט ג־טס וואונדער, נאר אין די זייטן און ניט אינמיטן. ביז מען האט געשיקט אנזאגן דעם קאמאנדאנט פון דער דיוויזיע: מיר זיינען אנגעקומען! בערך א 200 מעטער פון דעם שטאכלדראט פון די פארפעסטיקונגען פון אום כתף האב איך צוזאמענ־גענומען דעם שטאב אויף א זאמדיקן בערגל און איבערגחזרט די באפעלן פון דער אטאקע. דאן האב איך באקומען א באפעל פון גענעראל שרון: אטאקיר ניט אן א באפעל. עס האבן זיך אנגעהויבן די לענגסטע 15 מינוט אין מיין לעבן. דאס איז געווען 10.15 ביינאכט, און 10.30 האב איך באקומען דעם באפעל: „אויספירן ווי געפלאנט". איך האב געפאדערט א ארטילערישן פייער, הונדערטער שראפנעלן האבן אויפגעריסען אין מצרישע פארפעסטיקונגען אבער אינצווישן האבן די מצרים אנגעהויבן ענטפערן אויף אונזער פייער, און צופעליק אדער אפשר ווייל די מצרים האבן ענטדעקט, אז א גרויסער כוח ליגט אונטערן נאז ביי זיי, האבן די שראפנעלן גענומען פאלן נאענט צו אונז, איינער האט א געשריי געטאן צו מיר: קאמאנדאנט „זיי צילן אויף אונז!" „לאמיר זיך אויסדרייען רעכטס" אין דעם מאמענט איז געפאלן א שראפנעל 50 מעטער לינקס פון אונז, וואו וועט פאלן דער אנדערער?

לויט א באפעל האט דער שטאב זיך אנגעהויבן רירן און א וואלד פון אנטענעס האט זיך גענומען באוועגן. א מינוט האב איך געטראכט, וואו גייט מען, רעכטס אדער לינקס, איך האב באשלאסן: פאראויס? און דער גאנצער שטאב האט זיך א ריס געטאן פאראויס, איינער האט א געשריי געטאן: קאמאנדאנט א פארקאן! די הארץ האט מיר א קלאפ געטאן, אויב א פארקאן, קען דאך זיין מינען, און אויב מינען.. איז אדער דו ביזט דא אדער ניט, א סעקונדע האב איך א טראכט געטאן: אפהאלטן זיך? אבער דאן אויב עס

וועט אונז טרעפן דאָס פּיינטליכע פּייער ביים פּאַרקאַן וועלן זיין אַסאַך פאַרלוסטן נאָך מער ווי פון די מינען, איך האָב באַשלאָסן: אַריין אין דעם מינען פעלד! און באמת... דאָרט זיינען געווען מינען, אויף מאָרגן האָבן מיר זיי געזען, אָבער ביינאַכט איז, כ'ווייס ניט פאַרוואָס, קיינער ניט פאַרוואונדעט געוואָרן...

די סאָלדאַטן האָבן זיך פונאַנדערגעגאָסן אין דריי בעטאַנענע גראַבנס פון דער שטעלונג אום כתף און אָנגעהויבן קעמפן אין זיי. ביינאַכט איז שווער צו קעמפן אין אַ באַפעסטיקטער שטעלונג ווייל מען האָט ניט פאַר זיך אַ קלאָרע בילד, אָבער ווען דו געפינסט זיך צוזאַמען מיט אַלע, פילסטו וואָס עס טוט זיך אַרום דיר. דער קאַמף האָט געדויערט ביי צוויי שעה, האָטש אַפילו די אָפּרייניקונגס קאַמפן האָבן געדויערט נאָך לאַנגע שעה'ן, ביז 10 אינדערפרי. ווען עס איז געווען טאָג האָט זיך באַוויזן דאָס גאַנצע בילד פונ'ם קאַמפּס-פעלד: אַ געשטאַנק פון אויפרייס מאַטעריאַל, פאַרברענטע שטיקער פון דער מדברישער ערד, מען שיסט, עמיצער שרייט: אַ סאַניטאַר! ממש נעבן מיר איז פאַרוואונדעט געוואָרן איינער פון די פאַרבינדונגס סאָלדאַטן, מען קלייבט צוזאַמען געפאַנגענע און מען הויבט אָן אוועקצופירן די פאַרוואונדעטע, און אַרום ליגן טויטע קערפּערס פון מצרים, 300 מצרים זיינען געהרגעט געוואָרן אין די בונקערס, דו קוקסט אויף די געהרגעטע און קיינער פרייט זיך ניט, האָטש מיר האָבן געהאַט אַזאַ הצלחה, ווייזט קיינער ניט אַרויס קיין פרייד. ווי זיי וואָלטן אין דער נאַכט עלטער געוואָרן מיט אַ סאַך יאָרן. זיי זיינען שוין ניט די פון נעכטן.

זאַמד-שטורעמס זיינען ניט זעלטן אין מדבר. אָבער ס'רוב טרעפט עס אין הערבסט אָדער אין ווינטער, די פרילינג טעג פאַר דער זעקס-טעג מלחמה זיינען געווען קלאָרע און שיינע, אָבער גראָד אין דעם טאָג ווען די געפּאַנצערטע דעוויזיע האָט געפּלאַנט אַטאַקירן די שטאַרקע פעסטונגען פון אום כתף האָט זיך צובושעוועט אַ זאַמד-שטורעם וועלכער האָט אַלץ פאַרשטעלט. אָבער דער זאַמד שטורעם האָט געהאָלפן די סאָלדאַטן פון דער דעוויזיע זיך פאַרמירן צום שלאַכט אומבאַמערקטערהייט פון שונא.

אין יאָר 1956 האָט שוין צה"ל איינמאָל איינגענומען די פעסטונגען פון אום-כתף, די פאַרטיידיקונגס פעסטונגען פון אָנהויב סיני. דאַן האָבן אַלע ישראל'דיקע אַטאַקעס צובראָכן געוואָרן, ערשט נאָך שווערע בלוטיקע קאַמפן אין משך פון דריי לאַנגע טעג האָבן די מצרים זיך אונטערגעגעבן. ביים אויסברוך פון דעם קריג איז געווען קלאָר אַז איינער פון די שווערסטע שלאַכטן וועט זיין ביי אום כתף, די אַרטיקע בונקערס זיינען פאַרבעסערט און פאַרשטאַרקערט געוואָרן ביז ניט צו דערקענען, און ווי מומחים האָבן געזאָגט זיינען זיי מיט גאַרניט אַרונטערגעפאַלן פון דער מאַזשינאָ-ליניע פון

די פראנצויזן, עס איז געווען קלאר אז אום כתף וועט ניט איינגענומען ווערן לייכט און שנעל.

אבער די ווירקליכקייט האט איבערגעשטיגן אלע אויסרעכענונגען, אלע אפטימיסטישע אפשאצונגען. נאך 12 שעה איז אום כתף שוין געווען אין אונזערע הענט אויסער איינצלנע מיליטערישע לאגערן וואס האבן נאך געקעמפט אפילו נאכדעם ווי דער עיקר־דיקער כוח פון די מצרים האט זיך אונטערגעגעבן. דעם דאזיקן גלענצנדן און איבעראשענדן נצחון האבן באגלייט וואונדערבארע אונערקלערליכע געשעענישן.

דער שלאכט אויף אום כתף האט אנגעהויבן בייגאכט ווען יעדע אפטיילונג האט געהאט אירע אנווייזונגען, על פי טעות האבן צוויי אפטיילונגען ארייגעדרונגען אין דער זעלבער אקאפע פון צוויי פארשיידענע זייטן, אין סתם א ווירוואר פון א מלחמה קען פון אזא טעות ווערן ממש א בלוט באד, ווייל איינע שיסן דאך אויף די אנדערע און אין דער פינסטערניש קען מען ניט אונטערשיידן צווישן אייגענע און פיינטליכע סאלדאטן, אבער ממש מיט א נס האבן די אפיצערן דאס באמערקט ממש אין דער לעצטער מינוט, און דאן איז אין דעם גראבן אריינגעפאלן א ליכט־באמבע פון די מצרים וועלכע האט אפגעדעקט 10 מצרישע סאלדאטן מיט געלאדענעם געווער וועלכע האבן געלויערט אויף אונזערע סאלדאטן, א דאנק דער ליכט־באמבע האט מען זיי געקענט פארניכטן גלייך אן פארלוסטן פון אונזער זייט.

אין קותי׳ס בריגאדע זיינען געווען דריי אפיצערן מיטן זעלבן נאמען: זאב. האט מען זיי גערופן זאביק א׳, זאבי״ק ב׳ און זאבי״ק ג׳. אויפן לעצטן איז ארויפגעלייגט געווארן די אויפגאבע איינצונעמען דעם דריטן גראבן, דעם אינעווענינקסטן. אינ׳ם ווירוואר פון קאמף האט זאביק ג׳ מיט זיינע סאלדאטן געזוכט דעם גראבן כדי אפצורייניקן אים פון מצרישע סאלדאטן און ניט געפונען, זיי האבן אזוי זוכענדיק דערגאנגען ביז א מינען פעלד און מען האט זיי געהייסן אויפהערן צו זוכן. דאט די אפטיילונג געווארט ביז אינדערפריה און דאן געפינענדיק דעם גראבן זיך א ווארף געטאן אין קאמף, אבער אים געפונען א ליידיקן, די מצרים האבן אים פארלאזן מיטן אנהויב פון די קאמפן דאגעגן האט מען דארט געפונען 90 גילזן פון מינען און שראפנעלן וועלכע האבן מיט א פאר שעה צוריק אויפגעריסן אינ׳ם גראבן. די מצרים האבן ארויס גענומען זייערע סאלדאטן פון גראבן און געלאזט דארט די שראפנעלן כדי זיי זאלן אויפרייסן ווען די אידישע סאלדאטן וועלן אטאקירן דעם גראבן, די 90 שראפנעלן וואלטן ניט געלאזן קיין לעבעדיקן נפש.

אן א פארוואס האבן די מצרים געשאסן פון צייט צו צייט ליכט־שראפנעלן, די האבן א סאך געהאלפן די ישראל סאלדאטן זיך צו ראטעווען פון זיכערן טויט. א קאמפאניע פון 20 מצרישע סאלדאטן האט זיך באהאלטן אין א ווינקל פון

איינם פון די גראבנס אין דער לינקער זייט פון די פארפעסטיקונגען, אונזערע סאלדאטן האבן זיך דערנעענטערט צום ארט און גארניט באמערקט, נאך א מינוט און זיי וואלטן אריינגעפאלן אין א שרעקליכער פאסטקע, פלוצלונג האט אויפגעריסן א ליכט־שראפנעל, האט אויפגעדעקט די מצרישע סאלדאטן און זיי זיינען גלייך פארניכטעט געווארן דורך די ישראלי״ם.

נאך רינגען אין דעם קייט

וועגן וואונדערליכע געשעענישן האבן דערציילט פרומע און ניט קיין פרומע סאלדאטן, אפילו גאנץ פרייע האבן באשטעטיקט אז נאר די השגחה העליונה האט זיך אומעטום ארויסגעוויזן בחוש. און אפילו די געשווארענע אנטי־רעליגיעזע האבן ניט געקענט געבן צו ערקלערן וואס עס איז געשען.

אט דערציילט דני, א פאנצער אפיצער: מיר האבן אויפגעציטערט ווען מיר האבן צום ערשטן מאל געזען די מצרישע טאנקן, פון טיפ טי־34 וועלכע לאזן זיך ניט דורכלעכערן, מיט א פלאטע פון 22 ס״מ די דיק. מיר האבן זיך באמת דערשראקן ווייל צה״ל האט ניט געהאט אזוינע כלים וואס זאלן זיך קענען שטעלן מיט די קאלאסן. אזא קאלאנע טאנקן האט זיך דערנעענטערט צו אונז און ביי מיר איז געבליבן צו זוכן א געלעגנהייט ווי בייצוקומען אזא טאנק. פלוצלונג שטייענדיק אזוי אפגעדעקט אנטקעגן די טי־34 געפינענדיק זיך אונטערן טויט־געפאר, באמערק איך אז ביי די טאנקן זיינען צוגעטשעפעט בענזין קאניסטערס, כדי זיי זאלן ניט האבן קיין מאנגל אין בענזין, מען האט זיי יעצט ארויסגייענדיק אין קאמף פארגעסן ארונטערנעמען, מיר האבן גלייך אויסגענוצט די מן — השמים׳דיקע געלעגנהייט און געשאסן אין די קאניסטערס, זיי האבן זיך גלייך אנגעצונדן און מיט זיי — די טאנקן, אזוי האבן מיר זיך אפגעפטרט פון די ריזיקע טאנקן, עד היום קען איך ניט פארשטיין פארוואס די מצרים האבן ניט ארונטערגענומען די קאניסטערס, וועלכע זיינען דאך געווארן דער בעסטער ציל פאר אונז.

יוסי, א רעזערוו־אפיצער וועלכער האט שוין דאס צווייטע מאל אנטייל גענומען אין קאמף אויפן ג׳יראדי אין דעם סיני קריג און יעצט, רעט נאכאנאנד אז מען קען ניט פארשטיין וואס דא איז געשען, דאן האט מען דעם ג׳יראדי איינגענומען נאך שווערע און ביטערע קאמפן, מיט א סאך פארלוסטן, און דוקא יעצט ווען דאס מצרישע מיליטער איז געווארן א סאך בעסער סיי אין קאמפס־גרייטקייט און סיי אין געווער, האבן דריי מאל נאכאנאנד געפרווט אטאקירן אונזערע פאזיציעס און דאך ניט געקענט אפילו אויף א קליינער ווילע אפהאלטן אונזער פארמארש.

און קאפיטאן דני דערציילט: א אפטיילונג פון טאנקן זיינען ארויסגעפארן כדי ארויסצוהעלפן אפטיילונגען פון פאראשיוטיסטן וועלכע זיינען געבליבן שטעקן

אין דער קרייצונג פון רפיח אינ׳ם ערשטן טאג פון קריג, כדי קענען זיך דורכרייסן האבן מיר געשאסן אן אויפהער ביז מיר זיינען געבליבן אינגאנצן אהן אמוניציע, האבן מיר געקעמפט, מיט די קייטן פון די טאנקן, פשוט ארויפגעפארן אויף די בונקערס און זיי צוטרעטן און צוגעקומען צו אונזער ציל באפרייענדיק די פאראשיוטיסטן.

דער טאנק־הארמאטלער אבי דערצייל׳ט מיט ענטוזיאזם וועגן זיין פריינט אין דער קאמפאניע, ביי וועלכן עס איז געבליבן שטעקן א שראפנעל אין דעם רער שיסענדיק, דאס איז געווען אינמיטן פון קאמף אויף חאן־יונעס, שראפנעלן זיינען געפאלן און אופגעריסן אין אלע זייטן, אויף די דעכער זיינען געלעגן שארף־שיסער און געשאסן און געווארפן שראפנעלן אויף אונזערע סאלדאטן, אין דעם ווירוואר איז געשטאנען דער טאנק און גארניט געקענט טאן אפילו זיך ניט געקענט ראטעווען, אט א דער טאנקיסט איז ארויס פון טאנק אונטערן טויטן־האגל פון די קוילן און שראפנעלן, ארויסגענומען א לאנגן דראט און אזוי אפגעדעקט רואיק ארויסגעקראצט דעם שראפנעל פון רער פון טאנק און געקומען רואיק צוריק אין טאנק, די חברים האבן די אויגן ניט געוואלט גלויבן זיי האבן אים באפאלן און ארומגעטאפט, אבער ער איז געווען גאנץ.

אינ׳ם ארייגאנג קיין חאן־יונעס האט דער טאנק פון יוסי לעפר, ארויפגעפארן אויף צוויי מינען און צו דעם נאך געטראפן געווארן פון א שראפנעל. צוליב די קאמפס־אומשטענדן איז ער געבליבן אליין אינ׳ם געגנט און פארשטייט זיך אז ער איז געווארן א גוטער ציל פאר דער מצרישער ארטילעריע. א אנדערער טאנק וואס האט געוואלט אים ארויסשלעפן האט זיך געמוזט אומקערן צוריק, טראץ אלע פרוון פון די מצרים אונטערצוציינדן דעם טאנק איז יוסי געבליבן אליין אין טאנק גאנצע 8 שעה, האט אליין באדינט דעם הארמאט און דעם פולעמיאט און פארניכטעט אלע וואס האבן אנגעפאלן אויף אים. אפילו נאכדעם ווי די גאנצע אמוניציע האט זיך ביי אים געענדיקט האט יוסי ווייטער געקעמפט מיט זיין פריוואטע אמוניציע און פארוואנדעט געווארן אין האנט און אין בויך, ער האט ווייטער געשאסן און ניט געלאזן דעם פיינט זיך צו דער׳נעענטערן צו אים ביז מען האט אים ארויסגענומען ביי דער אלגעמיינער אטאקע, די וועלכע האבן אים ארויסגענומען האבן בשום אופן ניט געקענט פארשטיין ווי אזוי האט ער עס געקענט אויסהאלטן און ניט דערהרגעט ווערן אין משך פון אכט שעה׳דיקער שוידערליכער אטאקע אינמיטן פון פיינטליכע סאלדאטן.

אין קאמף אויפן ג׳יראדי איז געזעסן דער סמל דוד מיט זיינע חברים אין א פאטאן טאנק און געשאסן אויפן פיינט וועלכער האט צוריקגעשאסן. א מצרישער שראפנעל האט געטראפן דעם טאנק וועלכער האט אנגעהויבן ברענען, דוד און זיינע חברים האבן געפרווט זיך ארויסצוראטעווען פון טאנק אבער אומזיסט, דער שראפנעל האט אויסגעקרימט דער טיר פון טאנק, און דער

רויך האט געטאן דאס זייניקע, איז געווארן אלץ בייסיקער, „איך האב זיך געגרייט צום שטארבן פילענדיק אז עס איז ניטא קיין אויסוועג פון דעם שרעקליכן טויט אין א ברענענדיקן טאנק, איך האב געזאגט „שמע ישראל" און מיר האט זיך געדוכט אז מיינע חברים מורמלען אויך מיט מיר, איך האב געענדיקט דעם וידוי און דא האט א צווייטער שראפנעל געטראפן דעם טאנק, האט אים אויפגעציטערט און די טיר האט זיך אליין געעפנט. האלב פארחלשט זיינען מיר ארויסגעשפרונגען."

איך בין געזעסן אין א פאטאן טאנק, דערציילט סמל גדעון, דער אמת איז אז איך האב אים קיינמאל ניט ליב געהאט, ווייל ער איז א שווערלייביקער. מיר האבן זיך דערנענטערט צו רפיח, פלוצלונג שרייט צו אונז דער פארבינדונגס־מענש, חברה, ס'איז ניט גוט, דריי סטאלינס קומען אנטקעגן, טי־34 מיט וועלכע מיר קענען ניט קעמפן איך האב א שאס געגעבן פון הארמאט, סתם אזוי, און איך האב געמיינט אז דער שראפנעל וועט אויפרייסן אויף דרויסן, אבער זע, א גלייכער טרעפער, איין טי־34 איז פארניכטעט, דער צווייטער טאנק האט אנגעשטעלט דאס געווער געגן אונז, האט געשאסן און פארפעלט, איך האב אויך געשאסן און געטראפן, און דעם דריטן איז אויך אזוי געשען און נאך אים א מצרישער הארמאט געגן טאנקן. מיר זיינען ווייטער געפארן און איך האב מיינע אויגן ניט געגלויבט, ערשט, עפעס האט אויפגעריסן אונטער אונז, א מינע, א גאנץ רעכטע כלי, איך האב געמיינט, נו, דאס איז שוין דער סוף, ערשט דער טאנק גייט ווייטער און צוזאמען מיט אונז געקעמפט ביז דער קרייצונג פון רפיח ווי עס וואלט גארניט געשען, איז דאס געווען א חלום אינמיטן העלן טאג?

יורם דער טאנקיסט האט א אנדער דערציילונג, ער מיט זיינע דריי חברים פונ'ם טאנק האבן על פי טעות אריינגעפארן אין די פארפעסטיקונגען פון די מצרים אין ביר גאפגאפא, פארשטייט מען אז מען האט זיי גלייך גענומען באשיסן פון אלע זייטן מיט פולעמיאטן און הארמאטן און אפילו מיט א ראקעטע, די ערשטע ראקעטע איז פארבייגעפלויגן ממש עטליכע סענטימעטערס פונ'ם טאנק, א צווייטע האט אים שוין געטראפן, אבער קיינעם פון די טאנקיסטן ניט אנגערירט און זיי זיינען ארויסגעשפרונגען מיט בהלה פון טאנק.

איינער פון די סאלדאטן וועלכער איז פארוואנדעט געווארן האט באקומען א שווערע ערשיטערונג, איז באפאלן געווארן מיט א „אמאאק" ארויסגעריסן פון זיך די קליידער און גענומען לויפן צו די מצרישע שטעלונגען וועלכע האבן ווייטער געשיט מיט פייער אויף אונז, דער קאמאנדאנט פון טאנק איז געטראפן געווארן אין בויך, דער הארמאטלער אין אויג, יורם האט זיך געהאלטן האט אנגעכאפט מיטביידע הענט דעם צווישעט'ן טאנקיסט, געלאפן מיט אים צום נאענטן בערגל קריכענדיק אויף אלע פיר און זיך דרייענדיק צווישן די פייפענדיגע

קוילן, אויפן בערגל האט יורם געזען א פארלאזענעם מצרישן ג׳יפ, ער האט מיט כוח ארייגעשלעפט דעם סאלדאט אינ׳ם ג׳יפ, מיט דער צווייטער האנט אנגעצונדן דעם מאטאר, געפלויגן איבער שטיק און שטיין צו זייער קאמאנדאנט און די חברים, ארויפגעלייגט זיי אויפן ג׳יפ און ווייטער געפלויגן מיטן ג׳יפ, ער איז צוגעקומען צו א ווייטן ישראל׳דיקן לאגער, אפגעהאלטן דעם ג׳יפ און אליין געחלש׳ט.

ז י ב ע נ ט ע ר ק א פ י ט ל

די באפרייאונג פון ירושלים

שראפנעלן וואס האבן ניט אויפגעריסן

טויזנטער ניט אויפגעריסענע שראפנעלן זיינען אפגערייניקט געווארן פון די ירושלימער הויפן און פלעצער. די שטיינערנע ערד פון ירושלים, וואס מאכט אזוינע שוועריקייטן די בויער פון די הייזער און לאזט זיך בויגן נאר דורך אויפרייס מאטעריאל, איז געווארן ווייך און נאכגיביק די דינאמיט לאנדונגען, האט זיך נאר געלאזט כדי זיך צו ראטעווען פון שראפנעלן האגל וועלכער איז געפאלן איינוואינער פון טויט און פארניכטונג, אירע ירושלימער וועלכע האבן געזוכט באהעלטענישן אין די שטיינערנע הייזער, אונטער די טרעפ און וואו עס האט זיך נאר געלאזט כדי זיך צו ראטעווען פון שראפנעלן האגל וועלכער איז געפאלן אויף זיי פון דער ירדנישער זייט.

די צושטער־גרופן וועלכע האבן גענישטעט פארזיכטיק און די איינוואינער וועלכע האבן באגלייט זייער יעדן טריט מיט א תפלה אז עס זאל זיי חלילה גארניט געשען האבן קיינער ניט פארשטאנען ווי דאס איז געשען אז שווערע שראפנעלן זיינען געפאלן אויף די שטיינערנע גאסן, אריינגעדרונגען צווישן די פעלזן ניט אויפרייסענדיק דעם גאנצן ארום. דאס איז איינער פון א גאנצער רייה נסים גלוים וואס די ירושלימער קענען עדות זאגן פון דער לעצטער זעקס־טעג מלחמה.

א נס, ווייל ירושלים איז כלל ניט געווען צוגעגרייט צום מבול פון פייער וואס האט זיך אויף איר אראפגעגאסן, עס איז ניט געווען גענוג בונקערס, קיין גוטע און גענוגענדע ציוויל־שוץ בריגאדעס, און ניט די אלע פארזיכטס מיטלען וואס נויטיגן זיך א שרעקליכן און שווערן קאמף. ווייל דער ישראל הויפטשטאט האבן ניט געפעלט אויך אזוינע פרנסים וועלכע האבן אויך געמאכט דעם פאלשן חשבון, אין ירושלים וועט גארניט געשען, ירדן וועט זיך ניט פארפלאנטערן אין מלחמה פון מצרים און סוריע. דאס איז דאך ווידער קלאר. תל־אביב חיפה, באר־שבע און אילת, די וועלן געוויס ליידן, אבער ירושלים ניט. אזוי ווי אין סיני קריג וועט זי בלייבן אן א זייט, מיט א ציטער און מיט שרעק וועט זי פארפאלגן דעם בלוטיקן קאמף פון אירע שוועסטער. אבער די צרה איז, וואס

מלחמות אין ציון ווערן ניט געפירט לויט מאטעמאטישע אויסרעכענונגען באגרינדעט אדער ניט. ווער האט עס פאראויס געקענט זאגן, ווען עס האבן זיך געהערט די ערשטע סירענעס אין שטאט, מאנטיק צען א זייגער אינדערפריה אז דאס וועט זיך אזוי ציען ביזן סוף פון דער זעקס־טאגיקער מלחמה און א איבעררייס? קינדער זיינען געבליבן אין די שולעס, די ארבייטער — אויף זייערע ארבייטס־פלעצער, פארבייגייער האבן זיך גראד ארייגעכאפט אין דעם ערשטן באהאלט וואס האט זיך געמאכט אונטערן האנט, אבער פון די צען מאס ליידן וואס ישראל האט דורכגעמאכט האט ירושלים גענומען 9. די בעסטע און קעמפערישסטע לעגיאנערישע איינהייטן האבן זיך פארבאריקאדירט הינטער די דיקע מויערן פון מזרח ירושלים, פארזען מיט דעם בעסטן און טייערסטן געווער, גרייט צו אטאקירן. א גוואלדיקע קראפט האט צונויפגעזאמלט דער קליינער קייזער פון דער האשעמיטישער מלוכה, כדי צו באפאלן ירושלים.

געגנאיבער פיר ירדנישע בריגאדעס

פיר ירדנישע בריגאדעס האט ארומגערינגלט די זיך וואיל פילענדיקע ירושלים. א געפאנצערטע בריגאדע האט זיך פונאנדערגעשפרייט אין צפון זייט פון שטאט און פונ׳ם שמאלן קארידאר וואס האט געפירט צום טאל, א צווייטע בריגאדע איז געשטאנען גרייט אין צור־באהאר אין די דרום׳דיקע בערג ביז בית לחם, א טריט פון ארמון הנציב וואו די אונא בעאבאכטער זיינען געזעסן, ביי די קווארטירן תלפיות, מקור־חיים, די קאטאמאנען און אבו־טור. די דריטע בריגאדע, און די בעסטע, האט זיך פארפעסטיקט אין ירושלים גופא, פון הר ציון ביז די גבעת התחמושת, און די פערטע פון דעם פראנצווישן בערגל ביז מעלה האדומים, צוזאמען צען טויזנט לעגיאנערן, די בעסטע סאלדאטן פון די אראבישע מיליטער.

און הינטער זיי א געפאנצערטע בריגאדע מיט „פאטאן" טאנקן אין דעם יריחו טאל און אנדערע בריגאדעס פון דעם מערב זייט פון ירדן גרייט צו אטאקירן — צוזאמען א כוח וואס מען האט בשום אופן ניט געקענט אים גרינגשעצן. דער לעגיאן האט געהאט גענויע פלענער ווי צו אטאקירן אין א בלוטיקן קריג מיט ישראל. די לעגיאנערן וועלכע זיינען אנטלאפן פון דעם מיליטערישן לאגער עזריקם ביי ירושלים, האבן אין בהלה איבערגעלאזט די גענויע פלענער, געצייכנט אלס „שטרענג געהיים". עס איז ניט געווען שווער זיי צו שיפרירן, דארט איז געווען קלארע אנווייזונגען ווי צו שטורעמען דעם שמאלן קארידאר און אפהאקן ירושלים פון דאס איבעריקע לאנד. פלענער ווי איינצונעמען די אידישע ישובים און ווי אזוי מען זאל זיך פירן מיט די איינוואינער, ניט אזוינע סימפאטישע אנווייזונגען. די צה"ל אפיצערן וואס

האבן דעשיפרירט די פלענער האבן ניט געקענט פארשטיין פארוואס האט דער לעגיאן ניט אויסגעפירט די אנווייזונגען, זיי האבן דאך געהאט גענוג כוחות צו פארווירקליכן זייערע פלענער, פארוואס זשע האבן זיי אנגעהויבן שרעקליך צו באמבארדירן. אן א ציל סתם געשאסן אויף ירושלימער גאסן?

א האגל פון שראפנעלן האט גענומען באשיטן ירושלים א ביסל נאך צען א זייגער מאנטיק אין דערפריה דעם ערשטן טאג פון דער מלחמה. בלעכענע דאכער האבן זיך איינגעבראכן מיט א געפילדער, דא און דארט איז אויסגעבראכן א שריפה, די מיליטערישע קאמאנדאנטור פון ירושלים איז שנעל אנטלאפן פון מיליטערישן לאגער שנעלער וועלכער איז פארשטענדליך, געווארן דער הויפט ציל פון דעם ירדנישן פייער, די קליינע קאמפאניעס ישראל סאלדאטן וועלכע זיינען געווען צעווארפן אין פארשיידענע שטעלונגען האבן געענטפערט א שוואכן פייער נאר ווי פון יוצא וועגן.

די ניט קיין גרויסע קרעפטן וואס האבן זיך געפונען ארום ירושלים, זיינען ניט אריין אין קאמף, דער קאמאנדאנט פון דער ארמיי־צענטער, גענעראל עוזי נארקיס דערציילט: „אונזער ערשטער בארעכענונג איז געווען זיך צו האלטן, בייסן די ליפן און ניט ענטפערן מיט פייער, ביז חוסיין וועט אויספילן זיין אפיציעלער פארפליכטונג לגבי מצרים וועלכע האט אים פארפליכטעט צו געבן א „ערן סאלווע" לכבוד נאצערן. קיינער אין צה"ל האט געהאלטן אז ירדן איז טאקע אריין אין דער מלחמה מיט דער כוונה זיך צו שלאגן ממש.

צה"ל האט געהאפט אז עס וועט ניט קומען צו א צוזאמענשטויס מיט ירדן ווען ער געפינט זיך אין א שווערן קאמף מיט מצרים, אין דרום איז געווארן קאנצענטרירט דאס גאנצע שווערגעוויכט פון ישראל מיליטער, בריגאדעס וואס זיינען נאך ניט געווען אין קאמף זיינען געשטאנען קאמפס־גרייט צו מארשירן אדער אראפשפרינגען מיט פאלשירעמס אין סיני. נאר א קליינע צאל מיליטער איז געשטאנען אין דער לענג פון די גרענעצן מיט ירדן אן א שום כוונה צו קעמפן.

דורך דער פארמיטלונג פון גענעראל אוד־בול דעם פארזיצענדן פון די אונא בעאבאכטער, האט לוי אשכול זיך געווענדעט צו חוסיין ער זאל אויפהערן באמבארדירן ירושלים און די ישובים אין דער לענג פון ירדן, פאר דערפאר האט ער צוגעזאגט אז ישראל וועט ניט אנרירן ירדן און ניט אויספירן קיין שום איבערפאל. אבער אומזיסט האט מען געווארט אין ירושלים עס זאל אויפהערן די ווילדע באמבארדירונג, די איז נאך געווארן שטארקער און ווילדער. צו די הארמאטן און קוילנווארפער אין אלט שטאט און אין די מזרח־קווארטאלן פון ירושלים, זיינען צוגעקומען די הארמאטן פון נעבי סאמועל און שאאפאט און פון אלע ירדנישע שטעלונגען ארום ירושלים. די אטאקע איז געווארן אלץ שטארקער און שטארקער און דערגרייכט איר העכסטן פונקט מאנטיק נאכמיטאג.

צוזאמענשטויסן אויף אלע פראנטן

גענעראל בול איז צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט, און די אפיציעלע קרייזן אין ישראל האבן מיט באדויערן געמוזט פעסטשטעלן אז זיי האבן קיין אנדער ברירה ניט ווי זיך צו שלאגן אויף אלע פראנטן מיט איין מאל. צום ערשטן מאל זייט דעם אומאפהענגיקייטס קריג.

דער אוונט האט זיך אנגערוקט. פון צווישן די פאנטאנעם פייער האבן זיך געוויזן די שטערן. די אפיצערן פון צה״ל האבן אנגעהויבן מורא צו האבן, צי וועט ירושלים זיך קענען האלטן אנטקעגן דעם פילפאך גרעסערן און שטארקערן לעגיאן? די ירושלימער בריגאדע וואס איז געשטאנען אין שטאט איז געווען צוזאמענ־געשטעלט פון עלטערע רעזערוויסטן, וועלן זיי אויסהאלטן די שווערע לאסט? וועט די קליינע גרופע סאלדאטן וועלכע סטאציאנירן אויפן הר הצופים אויסהאלטן דעם גראנדיעזן שטורעם פון דעם ירדנישן פאנצער וועלכער האלט יעדע מינוט ביים שטורמען, און פון דארטן וועלן דאך די ירדנער אריבערגיין אטאקירן דאס יידישע ירושלים. ווער וועט זיך זיי געגנשטעלן? כדי צו העלפן ירושלים זיינען אריבערגעשיקט געווארן שנעל צוויי אויסדערוויילטע בריגאדעס. איינע פון פאראשיוטיסטן אינ׳ם שפיץ פון מאטע גור וועלכע האט געדארפט אראפשפרינגען אין סיני. און א געפאנצערטע בריגאדע פון אלוף משנה אורי בנארי. אבער ביז די בריגאדע פון בנארי וועט זיך איבערגרופירן אין דער שווערער רייזע קיין ירושלים, וועט דער לעגיאן דערווייל ניט אנהויבן א געפערליכער אטאקע?

די פאראשיוטיסטן פון מאטע גור זיינען געפארן קיין ירושלים מיט אויטאבוסן, זיי זאלן קומען יעדע מינוט, אבער אויך זיי, ביז זיי וועלן זיך איבערגרופירן, ביז זיי וועלן זיך באקענען מיט דעם ארט, יעדער גרופע מיט איר ציל ביז די אפיצערן וועלן זיך אריענטירן, וועלן דורכגיין גורל׳דיקע שעה׳ן. נאר איינצלנע צווישן די פאראשיוטיסטן האבן געקענט גוט ירושלים. עס זיינען אויסגעארבייט געווארן אלע פלענער, מען האט אלץ אויסגערעכנט, אלץ גענומען אין חשבון, אבער קיינער האט ניט גערעכנט אז צה״ל וועט דארפן קעמפן אין ענג פארבויטן און שווערן גאסן־געפלאנטער פון ירושלים, און אז דאס וועלן דארפן טאן דוקא די אויסדערוויילטע איינהייט, די פאראשיור־טיסטן, און אז מען וועט זיי דארפן געבן חאטש א קליינע ווײלע זיך צו באקענען מיט די געסלעך פון ירושלים. עס איז געווען קלאר, ירושלים איז אריין אין קריג ניט זייענדיק צוגעגרייט צום קאמף, ניט זי און ניט צה״ל בכלל.

און נאך איידער עס איז געווארן האלבערטאג, האבן שוין אלע אראבישע ראדיא סטאנציעס זיך צויובלט וועגן דעם „גראנדיעזן״ נצחון פון די ירדנער, און אז זיי האבן איינגענומען דעם ארמון הנציב און ארויסגעטריבן פון דארטן די אונא סאלדאטן, וועלכע האבן זיך באנוגנט נאר מיט א אפיציעלן פראטעסט.

די ירדנער האבן פארכאפט דעם סטראטעגישן פונקט וועלכער קוקט אויף אלע דרומדיקע קווארטלן פון ירושלים און האבן זיך געגרייט צו אטאקירן דעם נאענטן קבוץ וואס ליגט דערביי. די פראטעסטן פון פארזיצנדן פון די אונא בעאבאכטער האבן ניט געהאלפן, די פאדערונג פון אונא סעקרעטאר ה׳ טאנט אפצורייניקן דעם ארט האט באקומען א נעגאטיזון ענטפער. דאס באפעסטיקן זיך פון די לעגיאנערן אויפן נייעם פונקט האט געשאפן א געפערלי־כער נייער לאגע פאר דאס יידישע ירושלים און פון די שיסערייען פון מזרח ירושלים אויף די ארומיקע גאסן און שאסעען זיינען פיל פארוואנדעט געווארן.

אין דער זעלבער צייט ווען די ישראל רעגירונג האט זיך פארנומען מיט דיפלאמאטיע, כדי איינצוהאלטן חוסיינען ער זאל זיך ניט פארפלאנטערן אין א קריג, האבן פיל קלענערע גרופן אטאקירט די שטעלונגען וואס זיינען פארכאפט געווארן פון די לעגיאנערן, און אין א קורצן, מערדערישן קאמף זיינען געבליבן אויפן פלאץ 40 געהרגעטע לעגיאנערן און ביי 100 צושראקענע אונא בעאבאכטער מיט זייערע משפחות, וועלכע האבן זיך צוזאמענגעדריקט אין אונטערשטן טייל פון בנין.

די קאמאנדאנטור פון ירושלים האט נאך אלץ געווארט מיט איינגעהאלטענעם אטעם אויף חוסיינס, ענטפער, אבער דערווייל האבן די סאלדאטן פון דער 16טער בריגאדע ניט פארלארן זייער צייט אומזיסט, פונ׳ם סטראטעגישן בערגל האבן זיי א שטורעם געטאן צום א.ג. „קישקע שטעלונג״ און פון דארט צו די ירדנישער שטעלונגען אין צור־באחאר וועלכע הערשט איבער אלע שליסל שטעלונגען אין מזרח ירושלים. די לעגיאנערן האבן העלדיש געקעמפפט, זיי האבן ניט אנטלאפן און ניט געווארפן דאס געווער, מיט די ציינער האבן זיי זיך איינגעביסן אין זייערע שטעלונגען און געענטפערט מיט א גיהינום פייער אויף די אטאקירנדע צה״ל סאלדאטן, קיינער האט ניט געגלויבט אז די ירושלימער בריגאדע וועט קענען זיי בייקומען, אבער די צה״ל סאלדאטן האבן ארויסגעוויזן א אויסערגעוויינליכע גבורה וואס האט ארויסגערופן התפעלות אפילו ביי די געגנער, די טאקטישע איבערהאנט פון די לעגיאנערן זייענדיק געשיצט אין געפאנצערטע בונקערס, די איבערוויגענדע מערהייט אין צאל — האט זיי ניט געהאלפן אין דעם קאמף.

...און די נאכט איז געווען ליכטיק ווי ביים טאג

די ארטיקע הצלחה פון דער ירושלימער בריגאדע האט ניט פארבלענדעט די אויגן פון די ירושלימער קאמאנדירן און וויכטיקע פאקטארן האבן נאך אלץ געווארט אז חוסיין זאל אוסניכטערן זיך און איינזען אז זיין איבערטריבענע זיכערהייט האט אים פארפירט און עס איז נאך צייט זיך אפצוטרייסלען פון דעם בלוט־באד. קעגן זיין ווילן האט דער ירושלימער שטאב זיך צוגעוואינט

צום געדאנק אז מען מוז פירן א מלחמה פאר ירושלים געפינען גלייך א קאנטאקט מיט דער קליינער, אפגעריסענער גרופע אויפן הר הצופים און זיך האלטן אויפן גאנצן פראנט מיט ירדן.

דאס פון פייער באלויכטענע ירושלים איז אריין אין דער ערשטער נאכט פון דער מלחמה מיט א אונאנגענעמען געפיל אז די דעצידירענדע קאמפן וועלן ניט געפירט ווערן ערגיץ־וואו אין דרום נאר אין די גאסן פון דער הויפט־שטאט און אין די פליינען פון טאל. עס איז שווער געווען צו באהאלטן די שווערקייט אויפן הארצן ווען די אפטיילונגען פון אלוף משנה בנארי האבן דורכגעקעמפט זיך דורך די געפערליכע שטעגלעך אין די ירושלים׳ער בערג צוזאמען מיט די פאראשוטיסטן אפטיילונגען פון מאטע גור וועלכע האבן זייער טייער באצאלט איידער זיי זיינען צוגעקומען צו די גרופירונגס־פונקטן וועלכע זיינען פריער באשטימט געווארן אין איילעניש און ניט צוגעגרייט ווי עס דארף זיין, די סירענעס פון די אמבולאנסן האבן נאך צוגעגעבן מיט זייער יאמערדיקן קלאנג צו די אוירן — באוויסענדער קאקאפאניע פון די לעגיאנערישע הארמאטן, די אמבולאנסן וועלכע האבן שנעל געבראכט יונגע סאלדאטן וועלכע זיינען פארוואנדעט געווארן אויפן וועג צו די קאנצענטראציע פלעצער נאך איידער זיי זיינען אריין אין קאמף.

די פאראשוטיסטן האבן ניט זוכה געווען צו אזא, פאראהעלטניסמעסיק לייכטן נצחון ווי די ירושלימער בריגאדע האט געהאט, זיי האבן געמוזט אטאקירן זייענדיק אינגאנצן אפגעדעקט פארן פייער פון שונא וועלכער איז געווען פארפעסטיקט אין אויסגעצייכנטע בונקערס. 200 פאראשוטיסטן זיינען געפאלן אדער פארוואנדעט געווארן אין די גרויזאמע קאמפן פון יענער נאכט אין דעם בית ספר לשוטרים ביים ארייגאנג אין דעם קווארטאל שייך גערא‏ח, אין גבעת התחמושת און אין דער נידער פון דעם „פראנצויזישן בערגל״ אויפן וועג צום הר הצופים.

באצאלענדיק מיטן בלוט פון אירע בעסטע סאלדאטן האט די אפטיילונג פון די פאראשיוטיסטן זיך פאראויסגעקעמפט אינם פארבויטן שטח, דער גענעראל שטאב האט טאקע אויסגעארבעט דעם קאמפס־פלאן אינ׳ם פאל ווען מען וועט דארפן קעמפן אין ירושלים, אבער קיין פלאן האט ניט צוגעפאסט צו דער לאגע וואס האט זיך געשאפן אזוי פלוצלונג. די אפטיילונג איז געגאנגען פאראויס, העלדיש, אונערשראקן, דער צווייטער טאג פון קריג האט שוין געפונען די סאלדאטן אין שטעלונגען אנטקעגן שער־שכם און אנטקעגן זיי הינטער דעם מויער פון דער — אלט — שטאט — די לעגיאנערן. עס איז איינגענומען געווארן דער בית ספר לשוטרים און אויף דער גבעת התחמושת האבן די אראבער זיך עקשנות׳דיק פארטיידיקט געגן די פאראשיוטיסטן וועלכע האבן נאכאנאנד אטאקירט זייערע לעצטע שטעלונגען.

די נאכט פון מיטואך איז נאך אראפגעגאנגען אויף ירושלים מיט א מערדערישער באמבארדירונג, 500 פארוואונדעטע האבן אנגעפילט אלע שפיטע־לער, די טויטן־קאמערן זיינען געווען אנגעשטאפט, די איינוואינער ניט אויסגע־שלאפן און צושראקענע זיינען נאך געזעסן אין די בונקערס ניט קענענדיק ארויסשטעקן דעם קאפ. דער האגל פון שראפנעלן און קוילן האט ניט אויפגעהערט אפילו אויף א מינוט, מיט איבערנאטירליכע כוחות האבן די צוהרגעטע פאראשיוטיסטן אטאקירט די לעצטע גוט געפאנצערט אראבישע שטעלונגען. מיטוואך פארטאג, דעם דריטן טאג פון אומאויפהערליכן קאמף אויף ירושלים, האט דער קאמאנדיר פון די פאראשיוטיסטן מאטע גור זיך פארבונדן מיט די אפטיילונגען־קאמאנדירן און זיי געפרעגט ווי איז די לאגע: „אין ארדענונג" האבן זיי געענטפערט, אלץ איז אין ארדענונג האבן אלע ווי איין מענש געענטפערט, האטש יעדער איינער פון זיי איז געווען אויסגעבלוטיקט כמעט ביזן סוף, אבער זיי זיינען צוגעקומען צו די צילן וואס מען האט זיי באפוילן, דאס גאנצע ירושלים אויסער דעם מויער איז געווען אין אידישע הענט. דער פרייז איז אבער געווען שרעקליך טייער, דאס פארגאסענע בלוט האט געקענט אויספילן גאנצע גראבענס, עס זיינען געווען אפטיילונגען פון וועלכע זיינען געבליבן נאר איינצלנע, אויסגעקוועטשט און טויט־מיד האבן די פאראשיוטיסטן געקוקט מיט פארוואנדערטע אויגן אויף די שטעלונגען וואס זיי האבן איינגענומען אליין ניט פארשטייענדיק פון וואנען האט זיך עס ביי זיי גענומען די קראפט און די גבורה פאר אזא העראישן קאמף. מיט שטורעם האבן די צוהרגעטע, טויט מידע פאראשיוטיסטן זיך געווארפן אין קאמף פאר זייער לעצטן און וויכטיקסטן ציל: אינערהאלב די מויערן פון ירושלים. דורכן שער האריות האבן אריינגעשטורעמט די ערשטע שטורעם אפטיילונגען, אפגעדעקט פאר א גיהינום פייער פון די נאך עקשנות׳דיקע קעמפענדע לעגיאנערן, שלאגענדיק זיך צווישן די קרומע פארפלאנטערטע געסלעך פון אלט־ירושלים מיט פארביסענע, פון האס אויפגעפרעסענע אראבער. 48 שעה פאר דעם האבן די צה״ל קאמאנדירן נאך ניט געחלמט אפילו פון אלט־ירושלים, זיי האבן גערדאגהט פאר דאס יידישע ירושלים. 24 שעה פאר דעם איז נאך אפילו ניט געווען דער פלאן אויסגעארבעט ווי אזוי איינצונעמען אלט־ ירושלים, און אט שטורעמען די פאראשיוטיסטן מיט איבערנאטירליכע כוחות, נאך דריי שלאפלאזע נעכט און דריי טעג אן אפרוה און פול מיט בלוט און ווייטאק — צום דעם היסטארישן ציל.

די אראבישע כוחות אין דער אלט־שטאט האבן נאך אלץ זיך ניט אונטערגעגעבן, און שארף שיסער האבן פון דעכער און פון לעכער געשאסן אויף צה״ל סאלדאטן, דאס זיינען אבער שוין געווען די רעשטעלעך פון דעם לעגיאן, אין א פאר שעה ארום איז ירושלים געווארן אפגערייניקט פון

דער פיינטליכער הערשאפט, צום ערשטן מאל נאכן חורבן האט יידישע מיליטער איינגענומען דער שטאט.

און די ירושלימער זיינען ארויס אויף די גאסן וועלכע זיינען נאך געווען פארזייט מיט שראפנעלן און חורבות, געהויבן די אויגן צום הימל, און דער מוח האט ניט געקענט פארשטיין דאס געשעענע, דאס וואונדערבארע וואס איז געשען פאר זייערע אייגענע אויגן. ווייל ירושלים איז דאך באפרייט געווארן פון די טויט־ברענגענדיקע ירדנישע הארמאטן — איינגאנצן ניט לויט אלע אויסרעכענונגען.

נסים אויף נסים

אויפן דאך פון דער הסתדרות געביידע אין ירושלים, וועלכער האט אריבערגעקוקט אויף די ירדנישע שטעלונגען אין שטאט איז ארויפגעגאנגען אלוף משנה מוטה גור מיט זיין שטאב כדי צו קוקן אויף מזרח ירושלים, וועלכע איז געווען באלויכטן מיט טויזנטער שראפנעלן וואס האבן איר באדעקט מיט פייער און בליי. אינמיטן דעם שרעקליכן געשאס האט די גאנצע געביידע זיך א טרייסל געגעבן פון א שראפנעל וואס האט געטראפן דעם דאך.

— עמיצער איז פארוואונדעט געווארן, האט געפרעגט גור?

— ניין, נאר א פארבינדונגס אפאראט ביי איינעם.

זיי זיינען אלע רואיק ארונטערגעגאנגען, באטראכט די שטיקער פון שראפנעל, וועלכע האבן מיט לייכטיקייט געקענט אויסהרגענען אלעמען פונ׳ם שטאב וועלכער האט אנגעפירט מיט דער פארטיידיקונג פון ירושלים. עס איז געשען א נס, איינער פון א רייה ניסים וועלכע זיינען געשען אין דער הייליגער שטאט אין יענע גרויסע טעג, וועלכע וועלן ניט פארגעסן ווערן פון די ירושלימער איינוואינער.

שפעט אין דער נאכט איז נעבן דער הסתדרות געביידע געשטאנען א ריזיקער אויטא פול מיט אויפרייס מאטעריאל און שראפנעלן, וועלכע האט געדארפט אריבערפירן די אמוניציע צו די פאדערשטע שטעלונגען דורך די באמבארדירטע גאסן פון ירושלים. און פלוצלונג: דערשיטערט האבן די מענשן געזען ווי עס פאלט א שראפנעל דירעקט אויפן אויטא. נאך א מינוט און א מורא׳דיקער אויפרייס וועט דערשיטערן ירושלים און הונדערטער הייזער וועלן צושפליטערט ווערן און פארגראבן אונטער די חורבות טויזנטער מענשן, אבער דער אראבישער שראפנעל האט ניט אויפגעריסן ער איז געבליבן ליגן אויף די הונדערטער שראפנעלן, א שראפנעל פון א שווערן הארמאט, ברענענדיק, ניט אנצורירן. נאך א נס אין דער קייט פון די נסים. א סאך אויטאס זיינען געטראפן געווארן אבער קיין איין אויטא מיט באמבעס, שראפנעלן און אויפרייס מאטעריאל איז ניט אנגערירט געווארן. א באהאלטענע האנט היט זיי,

מען קען זיך שוין ניט ארויסדרייען פון דער איבערצייגונג אז עס געשען נסים, איין גרויסער נס. די אידישע באמבעס טרעפן אין ציל, ווי ספעציעלע שומרים באגלייטן זיי. א אידישע באמבע טרעפט דעם ארמון הנציב, צורייסט א היפשע צאל לעגיאנערן, א צווייטע באמבע טרעפט א אויטא נעבן שער שכם, דער אויטא וועלכער איז געווען פול מיט ירדנישע סאלדאטן רייסט אויף און קיינער פון זיי גייט ניט ארויס לעבעדיק. טויזנטער באמבעס און שראפנעלן פאלן אין דער יידישער ירושלים פון אלע ירדנישע הארמאטן ארום און ארום, אבער זייער שאדן איז מינימאל.

אויטאס אנגעשטאפט מיט געווער און אמוניציע קומען אין בית ישראל קווארטאל פון ירושלים, דארט קאנצענטרירן זיך די פאראשיוטיסטן צום מארש אויף ירושלים, סאלדאטן און ציווילע גייען ארויס העלפן אויסלאדן דאס געווער, די פאראשיוטיסטן נעמען דאס געווער מיט זיך, ווייל מען איז דאך פריער אינגאצן ניט געווען צוגעגרייט צום קאמף אויף ירושלים, ווי זיי זיינען אנגעקומען קיין ירושלים האט מען געפילט א מאנגעל אין געווער און אמוניציע, דאס איז א געפערליכע ארבייט דאס אויסלאדן פון אויפרייס מאטעריאל ווען ארום און ארום איז א האגל פון פייער אבער עס איז גארניט געשען.

אין איינער פון די געסעלעך פון בית ישראל זיצן זעקס פאראשיוטיסטן, זיי זיינען פארוואנדעט, קענען ווייטער ניט גיין און עס דוכט זיך אז זיי זיצן דא אוןווארטן אויפן טויט. עס קומט טאקע א שראפנעל, אבער ער רירט זיי ניט אן אנשטאט דעם מאכט ער א ריזיקע לאך אין דער וואנט פון הויז וואו זיי זיצן, דורך דעם לאך שלעפט זיי אריין זייער א חבר, א לייכט פארוואנדעטער, אין א צימער דארט איז א שאפע מיט וועש, דאס איז גוט צו פארבינדן, צו באנדאזשירן, אפצוואשן דאס בלוט, דארט זיינען זיי געזעסן פארשטעלט אין א הויז און געווארט ביז א אמבולנס האט זיי געקומען נעמען אין שפיטאל.

א פארהיטונגס־שירעם אין דער באמבארדירונג

א פאראשיוטיסט גייט אין א געסעלע אין בית ישראל, אויפן פלייצע טראגט ער א טאש מיט אמוניציע און אט הויבט אן די טאש מיט די אמוניציע צו ברענען, רייסט עס אויף בלייבט ניט קיין זכר פון אים און פון זיינע חברים, אונטער א האגל פון פייער הויבט ער אן צו לויפן ביז א ליידיקן פלאץ, ווארפט אראפ פון זיך דעם טאש און לויפט אוועק ווי שנעל ער קען, און ווען ער האט זיך נאר דערוויטערט האט די אמוניציע אויפגעריסן מיט א שרעקליכן קראך. קיינעם האט ניט געשאדט.

א אפטיילונג פאראשיוטיסטן האט זיך א ווארף געטאן אויף דער גבעת התחמושת, זיי זיינען געלאפן אין דער אטאקע גאנץ אפן, ניט האבענדיק וואו

זיך צו פארשטעלן, פון די בונקערס האבן די לעגיאנערן געשאסן מיט א האגל פון פייער — בנס זיינען מיר אנגעקומען צו אונזער ציל, מיר זיינען געווען זיכער אז ס׳רוב פון אונז וועלן געהארגעט אדער פארוואנדעט ווערן.

אונטער א רעגן פון קוילן זיינען געלאפן די צנחנים (פאראשיוטיסטן) פון בנין השוטרים צו די געפאנצערטע שטעלונגען פון די ירדנער, זיי האבן ניט געקוקט ארום זיך פון אימה, נאר געלאפן איבערלאזענדיק הינטער זיך טויטע און פארוואנדעטע, און פלוצלונג איז אויסגעגאנגען די אמוניציע, נו, האט מען געכאפט ירדנשער אמוניציע, און עס איז געגאנגען. דערציילט אלוף משנה מוטע גור: ניר, דער וויצע קאמאנדיר פון א אפטיילונג איז לויפענדיק צוגעקומען צו א ארייגאנג אין צווי גראבנס איז ארייגעלאפן און געשאסן מיט פייער ארום זיך רייניקענדיק די גראבנס, פלוצלונג זעט ער עס ליגט א פאראשיוטיסט א פארוואנדעטער, וואס איז דיר פרעגט ניר, איך ווייס ניט, ענטפערט דער בחור, ניר בויגט זיך איין און גיט א שטופ אריין דעם פינגער אין אלאך אינ׳ם בויך כדי צו פארהאלטן די בלוט און געשיקט רופן דעם סאניטאר.

— ס׳איז אלץ אין ארדענונג האט געזאגט דער צנחן, קענסט ווייטער לויפן. און ער איז טאקע געלאפן.

די פאראשיוטיסטן זיינען געקומען קיין ירושלים ניט קענענדיק דער שטאט איינגאנצן, די שאפערן האבן געבראכט די אויטאבוסן מיט די זעלנער אינ׳ם שטאט און געבלאנדזשעט ניט געוואוסט וואו אריין און וואו ארויס, די אפיצערן זיינען אריין אין הייזער און ביים ליכט פון לאמטערנעס דורכגעלערנט די מאפעס און די טיילוויזיע אנווייזונגען ווען זיי זיינען שוין געווען אויפן וועג קיין ירושלים. בנס האבן זיי ניט פארבלאנדזשעט.

אין צווייטן טאג פון מלחמה האט טאקע אזא אפטיילונג פארבלאנדזשעט און אנשטאט צו קומען צו ראקפעלער מוזעאום זיינען זיי אריינגעלאפן ממש אין שער שכם אונטערן פייער פון די לעגיאנערן. עס זיינען געווען קרבנות אבער בנס זיינען די אנדערע ניצול געווארן.

שוין אפילו נאכן איינעמען די אראבישע קווארטאלן האבן נאך א סאך לעגיאנערן זיך אויסבאהאלטן און געשאסן אויף די ישראל סאלדאטן פון באהעלטענישן, ספעציעל פון צווישן די מויערן, לויט פשוטע אויסרעכענונגען האט דא צה״ל געדארפט ליידן א סאך פארלוסטן, ווען זיי האבן געשטורעמט דעם מויער און ארום איר, אבער די פארויסזעאונגען האבן ב״ה זיך ארויסגע־וויזן פאר פאלש און אין א קורצער צייט האבן די זעלנער איינגענומען אלע שמאלע געסעלאך ביזן הר הבית.

די צונויפגעגאסענע הייזער וועלכע ליגן ווי פושקעס איינס אויפן צווייטן, האבן באהאלטן צווישן זיך א תהום׳דיקע שנאה צו די אידן וועלכע האבן איינגענומען די שטאט. עס איז גאר קיין ספק ניט געווען אז די אראבער האבן

באהאלטן ריזיקע קוואנטומס געווער און אמוניציע, אבער די זעלבע וועלכע האבן שפעטער געריפן צום אויפשטאנד, וועלכע האבן אויפגעשטעלט אונטערגרונד־קאמערלעך, די זעלבע האבן זיך יעצט אונטערגעגעבן לייכט, אוועקגעגעבן דאס געווער אדער עס באגראבן אין דער ערד ניט טראכטענדיק אפילו וועגן זיך געגנשטעלן צה״ל סאלדאטן ביים איינעמען די אלט־שטאט. ירושלים ווארט נאך אויף דער גאולה שלימה, אבער אין דער גלות פינסטערניש האבן יידישע סאלדאטן דערלעבט צו באפרייען בנס דער אייביקער שטאט.

ווי וואונדערליך זיינען די וועגן פון דער השגחה העליונה.

יעדער הויז מיט זיין דערציילונג

די השגחה העליונה האט געפירט די סאלדאטן אין דער מלחמה און די השגחה האט געהיט די איינוואינער פון ירושלים אין זייערע הייזער. די סירענע וועלכע האט אריינגעטריבן די ירושלימער אין די הייזער האט זיי פארשלאסן אויף גאנצע 60 שעה אין וועלכע די ירדנער האבען געשאטן מיט פייער און געזייט פארניכטונג און חורבן אין דער הייליגער שטאט.

יעדער גאס, יעדער קווארטאל האט זיינע דערציילונגען. הייזער וועלכע זיינען פארלאזן געווארן פון זייערע איינוואינער א פאר מינוט איידער עס האט זיי א שראפנעל געטראפן און חרוב געמאכט. די נעבן הויז פון פרעמיער מיניסטער איז געטראפן געווארן און כמעט איינגאצן חרוב געווארן אבער דאס הויז פון אשכול איז אפילו ניט אנגערירט געווארן. א גרויסער שראפנעל איז געפאלן אויפן דאך פון שפיטאל „שערי צדק״ איבער דעם זאל פון די זויג־קינדער וועלכע זיינען געבארן געווארן אין די טעג. דער קינדער־צימער איז באשאטן געווארן מיט וויס, די פארב און קאלך איז אפגעשיילט געווארן, האט אפגעוויסט די אפצאמונגען צווישן די קינדער אבער קיין קינד ניט אנגערירט. די צה״ל סאלדאטן האבן צוגענומען דעם ריזיקן שראפנעל וועלכער האט ניט אויפגעריסן.

ר׳ יהושע מינצגר איז געזעסן ביי זיך אין צימער אין מאה שערים פארטיפט אין לערנען און בכלל ניט געהערט די סירענען וועלכע האבן געטריבן די מענשן אין די שוץ־קעלערן. און אט איז אין זיין צימער אריינגעפאלן א שראפנעל מיט א גוואלדיקן ירגזון, אוועקגעלייגט זיך רואיק אויף די פאדלאגע נעבן אים און ביי דער אפענער גמרא, ווי ער וואלט ניט געהאט קיין חשק זיך אויפצורייסן. און אין ספרדישן שול אין קרית היובל איז אריינגעפלויגן א שראפנעל, אנגערירט דעם פרוכת און די ספרי תורה ניט, די השגחה העליונה האט געהיט אלע שולן אין ירושלים, מיט זייערע הויכע פענסטער זיינען זיי געווען אפן אבער גארניט איז געשען אין קיין שום בית מדרש אדער שול.

די ירושלימער האבן א סאך צו דערציילן נסים ונפלאות וואס מיט זיי איז געשען, די אידן האבן זיך געהיט ניט צו שיסן אויף ניט מיליטערישע

אביעקטן אבער די אראבער האבן מיט רציחה געשאסן וואו עס האט זיך געלאזן, אויף דייזער, שפיטעלער, שולעס און שולן, אויף אמבולאנסן וואס האבן געפירט קראנקע, אויף אלטע לייט און קינדער אדער סתם אויף א מענש וואס האט זיך גראד ארויסגעכאפט אויף דרויסן אויף א ווײלע, עס איז כמעט ניט געווען קיין גאס אין ירושלים וואס האט ניט געליטן, און חאטש צו דער מלחמה האט עס די אראבער גארניט געהאלפן, אבער זייער רוצחישער ווילן צו הרגענען וואס מער אידן, האט זיי געטריבן צו שיסן אויף אלץ און אלעמען, און אויב אין סיני און אויף דער רמת הגולן האט מען ניט געזען אזוי בולט דעם ווילן פון די אראבער צו הרגענען סתם אזוי, איז אבער אין ירושלים דאס געווען אזוי בולט, אז מען האט געזען בחוש ווי זיי זוכן נאר צו הרגענען סתם אזוי, וואס מער אידן, דאס איז געווען א טייל פון זייער קאמף. קיינער האט זיך ניט געוואונדערט אז צה״ל האט ענטפלעקט אז אין די פלענער וואס מען האט געפונען ביים לעגיאן זיינען געווען אויסגערעכנט די רציחות פון די אידן, ווי אויך א פלאן איינצונעמען צוויי יידישע ישובים אין ירושלימער קארידאר און אויסהרגענען אלע איינוואוינער, קיינער האט זיך ניט געוואונדערט ווען געפאנגענע האבן דערציילט ווי אזוי זיי האבן זיך געגרייט אויסצוהרגענען אלע יידישע מענער אן אויסנאם, די ירושלימער האבן געפילט דעם סטאטאנישן פלאן אויף זייער אייגענעם לייב, די מערדערישע באמבארדירונג איז געווען דער בעסטער עדות פאר דעם און די ירושלימער אידן, צו זאמען מיט די אידן פון דער גאנצער וועלט האבן מתפלל געווען אויף דער מפלה פון די וועלכע האבן געוואלט ניט נאר אפמעקן די אידישע מדינה, נאר אויך פארטיליקן די צוויי און א האלבע מיליאן אירע איינוואוינער.

הפורש סוכת שלום

א איד א מאמין, וואס קען א ביסל לערנען ווייס, אז עס איז שווער יעדעס געשעעניש צו ערקלערן אלס נס מן השמים, א איד גלויבט אז יעדער טריט זיינער איז געהיט פון דער השגחה אבער ער איז דערצויגן געווארען מיטן געדאנק אז ער איז ניט ראוי אז צוליב אים זאלן געענדערט ווערן סדרי בראשית. אבער מיר גלויבן אז דער גאנצער כלל ישראל איז יא ראוי עס זאל מיט אים געשעען נסים גלוים אויף וועלכע א איד דארף זאגן: „ברוך שעשה לי נס במקום הזה״.

זיינען זיך יידן געזעסן אין בייטענס הייזער אין מאה שערים אין איינעם פון די בונקערס וואס איז דאן געווען נאנט צום פראנט עטליכע הונדערט מעטער אין לופט־ליניע פון די אראבישע שטעלונגען ביי שער שכם, איבער די גאסן איז געפלויגן דער טויט עס איז געווען אוממעגליך ארויסצוגיין אויף דרויסן אפילו אויף א מינוט, די הייזער האבן געציטערט,

א סאך הייזער זיינען געטראפן געווארן און דאס אלץ האט אנגעווארפן א אימה אויף אלעמען אין די בונקערס.

און אט איז געפאלן א שראפנעל אויף א דאך, געטראפן דעם גאז־באלאן און דער גאז האט אויפגעפלאקערט זיך צושפרייט און געדראט ארויסצורופן א שריפה אין די ארומיקע הייזער, דאס פייער האט באלויכטן דעם גאנצן געגענט און געהאלפן די אראבישע רוצחים צו צילן בעסער אויף די אידישע הייזער.

— וואס טוט מען? ארויסגיין איז סכנת נפשות, ניט ארויסגיין, צושפרייט זיך דער פייער און עס וועט בלייבן פון אלץ א בערגל אש, ערשט נאך א שראפנעל האט געטראפן אין הויז, געפאלן אויפן וואסר־טאנק אים אויפגעריסן און דאס וואסער האט ארויסגעשפריצט דירעקט אויפן פייער און אים פארלאשן. אזוי האט די השגחה פארלאשן א שריפה אין ירושלים..

אויף דער צפניה גאס אין קווארטאל כרם אברהם האבן עטליכע הייזער אויסגעקליבן א קעלער־שטוב פאר א שוץ־קעלער, דעם איינציקן פענסטער האבן זיי פארדעקט מיט זעקלעך זאמד, און פאר די באמבארדירטע ירושלים איז שוין דאס געווען א גענוגענדער שוץ־קעלער. דארט האבן זיך ארייגעשטאפט אלע איינוואוינער פון די הייזער, פרויען קינדער און אלטע לייט. די קינדער אויף דער ערד האבן זיך צוזאמענגעדריקט און ארום זיי — די עלטערן. עס איז געווען צו דערשטיקט ווערן, אבער וואס קען מען מאכן, גוטע בונקערס מיט ווענטילאטארן זיינען ניט געווען.

זיצן זיי אזוי די מענשן און שטיקן זיך אין דער שווערער לופט. ערשט עס איז געווארן עטוואס שטילער, מיינען די מענשן אז עס איז געווארן שוין רואיקער אויף א שטיקל צייט און מען קען ארויסגיין כאפן דעם אטעם. האבן זיי זיך טאקע אלע ארויסגעכאפט כאפן א ביסל פרישע לופט אדער אריינכאפן זיך אין דער אייגענער דירה זען וואס עס הערט זיך. און ווי נאר זיי האבן פארלאזן דעם שוץ־קעלער, האט א ריזיקער שראפנעל געטראפן דעם צימער, דורכגעריסן די זעק מיט זאמד און אויפגעריסן אין סאמע מיטן פון שוץ־קעלער מאכענדיק חרוב אלץ ארום אין ארום. קיינער וואלט ניט געבליבן לעבן ווען זיי וואלטן גראד זיך ניט ארויסגעכאפט.

אזוינע פאלן און נאך הונדערטער אנדערע זיינען דערציילט געווארן פון ירושלימער אידן ווען זיי זיינען ארויסגעקומען פון די בונקערס און געדאנקט דעם בורא עולם וואס ער האט געהאלפן אונזער פאלק זיך צו ראטעווען פון די מערדערישע הענט און ענדיקן די מלחמה אזוי שנעל און מיט אזא גוואלדיקן נצחון.

אכטער קאפיטל

די מלחמה אין יהודה און שומרון
א ברעג וואס ווארפט א אימה

ניט אומזיסט האט דער רעכטער ברעג פון ירדן אנגעווארפן אימה אויף ישראל. דער ירדנישער ברעג וואס האט געווימלט פון שונאים זוכענדיק א וועג ווי צו פארניכטן ישראל. וואס האט זיך געצויגן כמעט ביז נתניה און האט שטענדיג געדראט אפצושניידן די צפונדיקע טיילן פון לאנד פון צענטער און פון דרום, אפשניידן חיפה פון תל אביב און פון ירושלים. דער מערב ברעג וואס האט געהערשט אויף דעם הארץ פון דער אידישער מדינה, תל אביבער געגענט און ארומגענומען ירושלים און דעם ירושלימער שמאלן קארידאר. ניט איינמאל זיינען אפטיילונגען פון צה״ל אנגעלאפן אויף פארשיידענע פונקטן מיט שטראף עקספעדיציעס אלס ענטפער אויף די שטענדיקע אנפאלן מצד די ירדנישע טעראריסטן אויף ישראל. עס איז געווען קלאר אז ניט די 60 טויזנט לעגיאנערן וועלן ארויסגיין מיט א קולאק פון פייער און שטאל כדי צו קעמפן געגן ישראל, נאר צו זיי וועלן זיך אנשליסן הונדערטער טויזנטער אראבער פון מערב ירדן, פליטים און דארטיקע איינוואינער וועלכע זוכן נקמה צו נעמען פון די אידן און פון דער אידישער מדינה. עס איז געווען קלאר אז זיי וועלן ניט אנטלויפן, וועלען ניט אויפהייבן די הענט און זיך אונטערגעבן נאר וועלען זיך שלאגן ביז דעם לעצטן קויל, זיי וועלען פארוואנדלען יעדע הויז, יעדער דאך יעדער ווינקל אין א געפאנצערט פארטיידיקונגס ארט. איינעמען, ענדערן די גרענעצן, אפמעקן דעם איינשניט ביי נתניה און דעם קארידאר ביי און ארום ירושלים — איז געווען א חלום וועלכער קיינער אין ישראל האט אפילו ניט געפרווט פארשטעלן זיין פארווירקליכונג.

די אידישע מדינה האט פאקטיש שוין מסכים געווען זיך צוגעוואינען צו דער ניט אנגענעמער ווירקליכקייט, מיט דער מסוכנ׳דיקער גרענץ ביי נתניה, מיט די הארמאטן וואס דראען טאג און נאכט ארום און אין ירושלים, האט זיך שוין צוגעוואינט אז אזוי וועט עס בלייבן יארן לאנג, ווארטענדיק אויף א עכטן שלום, דורכצוקומען מיט די אראבער אז זיי זאלן איינע דעם אנדערן אנערקענען און איז געווען פאקטיש גרייט אויף ווייטערדיקע נאכגיביקייט. ווי שוין דערמאנט האט ישראל געשיקט בעטן חוסיין דורך אוד בול ער

זאל אויסמיידן קריג, ישראל האט אלץ געטאן כדי אויסצומיידן א צוזאמענשטויס מיט חוסיינען, און האט גאראנטירט זיינע גרענעצן, מורא האבענדיק פאר א צוזאמענשטויס מיט אלע אראבישע לענדער אבער חוסיין האט ניט געוואלט און די מלחמה מיט אלע אראבישע לענדער אין דער גאנצער לענג פון די גרענעצן — איז געווען א פאקט.

נאר פארהעלטניסמעסיק קליינע כוחות זיינען צוגעטיילט געווארן צו היטן די גרענעצן מיט ירדן, ווי געזאגט זיינען אויף שנעל געשיקט געווארן צוויי בריגאדעס, די פון בנארי און פון מאטע גור צו פארטיידיקן ירושלים, נאך א בריגאדע האט זיך קאנצענטרירט ארום ג׳ענין אונטער דער קאמאנדא פון סגן אלוף משה און קלענערע אפטיילונגען אין דעם געגנט פון קלקליה און לאטרון, די איבערגעבליבענע כוחות זיינען פריער באשטימט געווארן פאר די פראנטן פון מצרים און סוריע און נאר אין לעצטן מאמענט ווען עס איז געווארן קלאר, אז א צוזאמענשטויס מיט די 60 טויזנט לעגיאנערן איז אומפארמיידליך צוגעבנדיק נאך די עיראקער בריגאדע, די בייעסטע טאנקן און הארמאטן און די בעסטע אמוניציע — זיינען געווארן אריבער געווארפן כוחות אויפן ירדנישן פראנט. אין אזוינע אומשטענדען איז געווען אן ערנסטער גרונט מורא צו האבן פאר די פאלגן פון אזא צוזאמענשטויס. חוסיין און זיינע מענטשן האבן געהאלטן אז דאס איז א גוטע געלעגנהייט ארייצושרייבן זיך אין היסטאריע אלס העלד און רעטער פון אראבישן כבוד. חוסיין און זיין שטאב האבן געמאכט א פשוטן און שכל׳דיקן חשבון: די עיקר׳דיקע כוחות פון צה״ל זיינען קאנצענטרירט אין דרום און אין צפון — אנטקעגן מצרים און סוריע אין בעסטן פאל וועט ישראל זיין בכוח אפצוררייסן קלענערע מיליטערישע אפטיילונגען פארן קאמף מיט ירדן און די וועלן ניט קענעןביישטיין דעם גוט געשולטן אראבישן לעגיאן צוזאמען מיט די עיראקער סאלדאטן. און אין דער צייט ווען ישראל וועט זיין אינגאנצן פארנומען מיט איינהאלטן נאצר׳ן ער זאל זיך ניט ארייינרייסן אין ישראל, וועט דערווייל ירדן ארייינכאפן נצחונות וואס וועלן הויבן חוסיין׳ס און ירדנ׳ס פרעסטיזש ביי די אראבער. רבת עמון האט ניט געחלומט אז די מינדערהייט וועט בייקומען דער מערהייט אז צה״ל וועט דערגרייכן דאס וואס עס איז נישט פארשטעלבאר. אז די מלחמה וועט זיין א איבער נאטירליכע.

א מארש פול מיט וואונדער

דער קאמאנדיר פון דער פאנצער דיוויזיע אלוף משנה אורי בנארי האט געזאגט אז „ווען עמיצער וואלט געלערנט אין א מיליטערישער אקאדעמיע אז מען קען אין עטליכע שעה אריבערוווארפן א גאנצע דיוויזיע פון טאל אין די בערג, ארייינוווארפן איר גלייך אין קאמף און דערגרייכן א נצחון — וואלט

מען געהאלטן דעם מענשן פאר א שוטה אדער א טרוימער — אבער מיין דיוויזיע האט עס גימאכט". די דיוויזיע האט פאקטיש געהאט גאנץ אנדערע אויפגאבן, זי איז געווען גרייט צו אטאקירן די דרומ׳דיקע זאמדן און האט נאר געווארט אויף א באפעל, אבער איר קאמאנדיר האט באקומען א אנדער באפעל און אן שום צוגרייטונג האט מען אים צוגעטיילט צו דעם ירדנישן פראנט, די מלחמה איז שוין געווען אין סאמע ברען ווען די דיוויזיע האט אנגעהויבן צו מארשירן שנעל אויפן שאססע וואס פירט קיין ירושלים, צו איר ערשטער אויפגאבע: אפצורייניקן דעם שווערן געגנט צווישן ירושלים און ראמללה, זייער אין שווערע געגענט, גראבנס און שטעלונגען צווישן זיי אויך די בערג פון יהודה פעסטונגען וואס זיינען אויפגעבויט געווארען אין משך פון יארן אין וועלכע עס געפינען זיך די בעסטע לעגיאן סאלדאטן. אינערהאלב פונ׳ם מארש זיינען געטיילט געווארן די באפעלן און פונאנדערגעטיילט געווארן יעדערן זיין אויפגאבע. צוליב דער פלוצלונג׳דיקער ענדערונג האט מען פארגעסן שליסן דעם שאססע פאר פריוואטן פארקער, און אזוי האבן זיך צוזאמענגעמישט אויטאבוסן און לאסט אויטאס מיט טאנקן און געפאנצערטע אויטאס.

די ערשטע אויפגאבע איז געווען איינצונעמען דעם אקס פון ראדאר וועלכער הערשט פאקטיש אויפן ירושלימער שאססע, דעם אקס עבדול עזיז און בית איקסה. יעדער אקס הויבט זיך ביז 700 מעטער און עס פירן צו זיי שמאלינקע סטעזשקעלעך, אפגעדעקטע און מינירטע, צווישן זיי און ארום זיי גרויסע אפטיילונגען פון לעגיאנערן אנגעשטאפט מיט געווער. פון די שטאלענע שטעלונגען האבן ארויסגעקוקט רערן פון שווערע הארמאטן און קוילנווארפער, עס איז געווען קלאר אז דאס וועט ניט זיין קיין זומערדיקער שפאציר און אז עס וועט זיין א שווערער קאמף, בלוטיק און גרויזאם מיט פיל פארלוסטן.

דערציילט אלוף משנה אורי בנארי:

די גרעסטע זארג אונזערע זיינען געווען די בונקערס, מיר האבן באשטימט א טאנק פאר א בונקער, דער טאנק האט געדארפט מיט אדירעקטן שאס ברענגען דעם בונקער צום שווייגן. מיר האבן טאקע די בונקערס פארשטומט און אנגעהויבן אפרייניקן פון מינעס, מיר האבן ארויסגענומען די מינען פון דער ערד מיט שפיזן, איינציקווייז אין שווערער ארבייט ווייל מיר האבן עס גימאכט אין דער פינסטער. מיר האבן איינגענומען אלע אקסן. און דאן האט מען געדארפט אוועקגיין פון די איינגענומענע פלעצער און ברענגען די טאנקן ווייטער — דאס האט זיך געענדיקט א זייגער צוועלף־איינס ביינאכט.

דער ערשטער דורכרייס־עטאפ האט זיך געענדיקט מיט איינעמען שייך עבדול עזיז און דעם ראדאר, נאכדעם האבן מיר געדארפט איינעמען בידא, דאס איז געווען א שווערער, געפאנצערטער בונקער און מיר האבן דארט געליטן פארלוסטן אבער ווען דער קאמף האט זיך געענדיקט זיינען די וועגן געווען

פאר אונז אלע אפן, מיר זיינען אריבער קיין בית־חיקיה און געקומען אויפן שפיץ בארג פארטאג, דארט געלאזן א אפטיילונג אייגצוהאלטן דעם בונקער און די איבעריקע זיינען געגאנגען ווייטער. אין דער זעלבער נאכט האבן מיר איינגענומען דעם דארף נעבי סאמועל (דאס איז דער דארף ראמה, וואו שמואל הנביא׳ס קבר) אין א לייכטן קאמף, און פארטאג האט זיך די די דיוויזיע צוזאמענגעקליבן אויפן בארג פארמאכענדיק די וועג פון ירדן קיין ירושלים. דא האט זיך ענטוויקלט א קאמף צווישן טאנקן וועלכע זיינען געווען אויפן בארג, פון די פאטאן טאנקן פון די ירדנער האבן מיר פארניכטעט 17, דרייצען זיינען אנטלאפן קיין ירדן. פון אונזערע טאנקן איז קיינער ניט באשעדיקט געווארן.

איבער דעם גאנצן פלאטא הערשט תל־אל־פול וואו חוסיין האט אויפגעבויט זיין פאלאץ, אויף אונזער מזל האט מען נאך ניט געענדיקט בויען דעם פאלאץ ווייל ווען ניט וואלט מען דעם ארט שטארק פארטיידיקט מער ווי מען האט עס געטאן יעצט. דער בארג איז איינגענומען געווארן אן גאר א שטארקן געגנשטאנד, יעצט האבען מיר געדארפט איינגעמען די גבעת המבתר און דעם פראנצויזישן בערגל. דער דארף שועפת איז געפאלן גאנץ לייכט, מען האט געשאסן אבער דאס שטערט דאך ניט די פאנצער׳ס. איין פאלק איז ארויפגעגאנגען אויףביידע פלעצער. דאס איז איינער פון די שווערסטע פלעצער וואס איך געדענק. איך געדענק איינעם פון די שווערסטע קאמפן אין סיני קריג אין יאר 1956, דאס איז געווען די אטאקע אויפן דאמב ביינאכט, עס איז געווען א גיהנום פייער, אבער צו דעם פייער אויף דער גבעת המבתר קומט עס ניט. פאקטיש האבן מיר איר ניט איינגענומען ביי דער ערשטער אטאקע, מיר זיינען צוריקגעטרעטן און ווידער אטאקירט און ערשט דאן איז דער לעגיאן אנטלאפן, מיר האבן געהאט זייער פיל פארלוסטן אין געהרגעטע און פארוונדעטע. דער פראנצויזישער בערגל האט זיך אונטערגעגעבן נאך א פארהעלטניסמעסיק ניט שווערן קאמף, מען האט געשאסן בערך א דריי פערטל שעה נאכדעם איז געווארן שטיל אין שטאט. צוליב דער פינסטערניש זיינען מיר ארויס פון שטאט און פארכאפט פאזיציעס פון צפון און דרום זייט. אינדערפריה איז שוין ניט געווען קיין געגנערשאפט מצד די אראבער און די שטאט איז געווען ביי אונז אין די הענט. אויב מיר זאלן וועלן רעזומירן, איז אזוי: מיר האבן געהאט צוויי שווערע שונאים: דעם לעגיאן וועלכער האט געקעמפט ערנסט און פארביסן ביז דער לעצטער מינוט, און דעם שטח, די געגענט איז געווען אונזער ערגערער שונא ווי דער לעגיאן, אבער ווי עס ווייזט אויס אז אפילו אין א שווערן און שלעכטן שטח איז ניט די פאנצער און ניט דאס געווער און אמוניציע זיינען דאמינירענד. אזוי זיינען מיר ווייטער געגאנגען, איינגענומען יריחו, דעם אנדערן ברעג פון ים המלח, דעם לאגער חווארה ביז שכם.

דערציילט דער טאנקיסט ש.ג.:

שפעט ביינאכט נאכדעם ווי מיר האבן איינגענומען בית איקסא האב איך געוואלט זיך שטעלן דאוונען מעריב דאנקען פארן עבר און בעטן פארן עתיד, ווייל די ערשטע פייער־טבילה האט אונז געלערנט אז אמלחמה איז ניט קיין קינדער־שפיל. איך האב זיך געשטעלט דאווענען אליין, איך האב געמיינט אז קיינער פון די סאלדאטן וועט ניט וועלן מיט דאווענען און איך וועל ניט האבן קיין מנין. און ווי איבעראשט בין איך געווארן אז כמעט אלע סאלדאטן פון מיין אפטיילונג האבן זיך געשטעלט מיט מיר דאווענען, אויסער עטליכע להכעיסניקעס, האבן זיך געמאכט כאלו ניט זעענדיק און נאר געווארפן זייטיקע בליקן אויף אונז.

נאך א נאכט פול מיט קאמפן, האבן מיר אינדערפריה זיך אפגערוהט א ביסל אין נעבי סאמועל, דאס איז דער העכסטער בארג ארום ירושלים, און די שטאט ליגט ווי אויפן האנט פלאך פאר די אויגן, געדענקענדיק נאך דעם נעכטיקן מעריב, האב איך פארגעלייגט ווער עס וויל לייגן תפילין, און גלייך האט זיך געשאפן א רייה פון סאלדאטן וואס האבן געבעטן תפילין לייגן, איידער זיי גייען אין ווייטערדיקן קאמף.

דערציילט דער רעזערוו־סאלדאט ישעיהו כ.:

דינסטיק אינדערפריה זיינען מיר אנגעקומען צו די בערגלעך וואס ארום תל־אל־פול. און פלוצלונג זעען מיר ווי דרייסיק ירדנישע „פאטאן" טאנקען גייען אויף אונז, די ירדנער האבן זיך געשלאגן עקשנות׳דיק און האבן געשאסן אן אויפהער, איך בין געווען זיכער אז מיר האבן פארלארן אלעמען, אבער נאכדעם ווי דער צוזאמענשטויס האט זיך געענדיקט האבן מיר געזען נאר פארברענטע און צובראכענע ירדנישע טאנקען, מיר האבן געזיגט גוואלדיק, עד היום פארשטיי איך ניט ווי אזוי דאס איז געווען, פארוואס איז אונזער „פאטאן" שטארקער פון די ירדנישע?

חיים א. פון נתניה דערציילט אז ביינאכט האבן מיר פארנומען פאזיציעס ארום רמאללה נאכדעם ווי מיר האבן איינגענומען די שטאט, דורכלויפענדיק דורך אירע גאסן און שיסענדיק אן אויפהער. עס איז געווען זייער שטיל, מיר זיינען געווען טויט פארמאטערט נאך דעם 30 שעה׳דיקן אונאויפהערליכן קאמף, און טראץ דעם באפעל זיינען מיר דאך איינגעשלאפן אין דעם געפאנצערטן אויטא, פלוצלונג האט זיך דעם שאפער פונ׳ם אויטא פארוואלט אפפארן א ביסל, צו ער האט אונז געוואלט אזוי ארום אויפוועקן, אדער סתם אזוי זיך א שפיל טאן, ווייס איך ניט, מיר זיינען אפגעפארן א פינף מעטער און פלוצלונג האבן אויפגעפלאקערט איינס נאכן צווייטן א רייה באזוקעס און באשאטן מיט פייער געוויס דעם ארט וואו מיר זיינען פריער געשטאנען — אט אזוי זיינען מיר בנס געראטעוועט געווארן.

דאס זיינען ניט געווען קיין איינצעלנע וואונדער וואס האבן באגלייט דער געפאנצערטער דעוויזיע, גענוי ווי אנדערע דיוויזיעס האבן באגלייט ממש אומגלויבליכע געשיכטן. די פארלוסטן פון אלוף משנה בנארי זיינען טאקע געווען גרויס, בעיקר אינ׳ם קאמף אויף דער גבעת המבתר, אבער ניט אזוי גרויסע ווי עס האט געקענט זיין און ווען ניט מעשה נסים ממש, וואלטן די פארלוסטן געווען א סאך גרעסערע. די אפיצערן פון דער דעוויזיע זיינען געווען זיכער אז אין דער אטאקע אויף בית איקסא און עבד־אל־עזיז, אויף נעבי סמואל און אויף דעם ראדאר וועט די דעוויזיע ליידן פיל גרעסערע פארלוסטן, ווייל יעדער לאגישער אויסרעכענונג האט געבראכט צו דעם זעלבן אויספיר, די לעגיאנערן זיינען בארימט פאר גוטע שיסערס, זייערע פאזיציעס זיינען געווען אויסערגעוויינליך גוט און שטארק פארפעסטיקט, דאס צוקומען צו זיי איז געווען זייער שווער, אבער די אלע וועגן און סטעזשקעס זיינען איינגענומען געווארן פיל גיכער ווי מען האט געמיינט און אויסגערעכנט, ממש בליץ־שנעל, די ירדנער האבן געקענט זיך שלאגן פאר יעדן פלאץ באזונדער א גאנצן טאג און נויטן צה״ל באצאלן א טייערן פרייז פארן נצחון, אבער די פאקטן זיינען געווען אנדערש.

געהיימע דאקומענטן וואס מען האט געפונען ביי די ירדנער האבן געוויזן אז דער לעגיאן האט באקומען גענויע אינסטרוקציעס ווי צו קעמפן, און לאנגע שעה׳ן איידער די מלחמה האט זיך אנגעהויבן זיינען געקומען צו די גרענעץ ישובים לעגיאנערן, און אנטקעגן זיי האט צה״ל ניט געשטעלט פיל מיליטער עס איז פשוט דאן נאך ניט געווען אויף דעם אפשניט קיין מיליטער גענוג זיך צו שלאגן מיט דעם לעגיאן, ערשט אין אכט־צען שעה נאכן אנהויב פון קריג זיינען געקומען די סאלדאטן פון בנארי און אריין אין קאמף מיט לעגיאן, פארוואס האבן די ירדנער זיך באנוגענט, אין די דאזיקע גורל׳דיקע שעה׳ן נאר מיט באמבארדירן ירושלים און די שטעט ארום די גרענעצן און ניט אויסגעפירט אינסטרוקציעס לויט די פלענער, ווער וואלט זיי אפגעהאלטן, פארוואס האבן זיי געלעגן אין די בונקערס און אין די פארפעסטיקטע פאזיציעס און געווארט ביז צה״ל איז געקומען צו זיי און פארשאטן זיי מיט פייער. אויף די אלע פראגן קען א מענשליכער מוח ניט ענטפערן.

שערמאנס אנטקעגן פאטאנס

מאנטיק 5 א זייגער פארנאכט האט די דיוויזיע פון סגן אלוף משה אריבער די גרענעץ פון ירדן ארום דזשענין, דארט זיינען געווען אויסגעשטעלט הארמאטן געגן טאנקן און ווייט־שיסענדיקע 155 מ״מ הארמאטן וועלכע האבן געדארפט אפהאלטן דער ישראל׳דיקער אטאקע. דערציילט דער קאמאנדיר משה: 150 געפאנצערטע אויטאס און טאנקן האבן אטאקירט מיטאמאל און פארפלייצט די

ירדנישע פאזיציעס ערשט נאכדעם ווי די טאנקן זיינען אריבעגעפארן די הארמאטן האבן זיך ערשט די ירדנער דערמאנט און אנגעהויבן שיסן אויף אונז, פארוואס האבן זיי עס פריער ניט געטאן, איז שווער צו פארשטיין. ס׳איז געווען א שווערער קאמף, ביינאכט, און אין א שווערן שטח, דריי א זייגער ביינאכט האבן מיר אטאקירט דזשענין גופא, אויפן וועג האבן מיר זיך אנגעשלאגן אויף עטליכע פארפעסטיקטע פלעצער, איינער איז געווען אויף א בערגל און דארט איז געווען א גוט פארפעסטיקטע לעגיאנערישע אפטיילונג איינגעגראבן טיף מיט הארמאטן געגן טאנקן, אין צווייטן פלאץ, דער איז געווען אין טאל, איז אויך געווען א באפעסטיקטע אפטיילונג מיט הארמאטן און טאנקן און אין דריטן פלאץ זיינען געשטאנען 30 טאנקן פון טיפ „פאטאן" וועלכע זיינען גלייך אריבער אין א אטאקע אויף אונזערע טאנקן נאך איידער מיר האבן געקענט צוקומען צו די סאלדאטן אליין, צוויי אונזערע אפטיילונגען האבן זיך געווארפן אין קאמף, די ירדנער האבן ניט אפגעלאזן און געקעמפט פארעקשנט און העלדיש ביז מיר זיינען אריין אין א דירעקטן צוזאמענשטויס פנים אל פנים מיט די לעגיאנערן, די הארמאטן געגן טאנקן זיינען געווען פארשטעלט אין א וועלדל און עס איז געווען שווער זיי צו דערקענען, ערשט נאכן אויפבליץ פון פייער האבן מיר געקענט וויסן וואו זיי געפינען זיך. מיר האבן געהאט שערמאנ׳ס און זיי — פאטאנ׳ס און מיר האבן געזען באשיינפערלעך ווי עס בליצט אויף א פייער נאך א פייער און דער שונא הויבט אן צוזאמענצוברעכן. ווען מיר זיינען אריין אין דזשענין האבן מיר זיך אנגעשלאגן אן א שטארקער געגן אטאקע און ווידער האט זיך אנגעהויבן א קאמף פון פאנצער געגן פאנצער און ווידער זיינען מיר ארויס די זיגער. מיר האבן זיי ענטדעקט פריער איידער זיי אונז און אין צוואנציק מינוט ארום זיינען מיר אריין אין שטאט, וועלכע האט אונז מקבל פנים געווען מיט א געדיכטער שיסעריי פון קולנווארפערס און ביקסן און הארמאטן געגן טאנקן, ווי מיר זיינען נאר אריין טיפער אין שטאט האבן די שיסערייען אויפגעהערט און עס האבן זיך באוויזן ווייסע פאנען. דאן האבן מיר באקומען א ידיעה אז ירדנישע פאטאנען גייען אויף אונז פון דער שטאט טובאס און מיר האבן געמוזט זיך אומקערן און צוריק זיך איבערגרופירן צום נייעם קאמף. ווי מען האט אין שטאט דערפילט אז מיר טרעטן אפ, האבן זיך ווידער אנגעהויבן די שיסערייען אויף אונ[illegible] און דער גאנצער פראנט האט זיך ווידער אזוי ווי אויפגעוועקט צום קאמף.

מיר זיינען ארויסגעפארן אין מזרח זייט פון שטאט צו דער קרייצונג פון קבטייה, און דערווייל האט א אפטיילונג פון ירדנישע טאנקן צוגעקומען צום וועג וואס פארשטעלט דעם צוגאנג צו דער שטאט טאבאס, א גאנצער ירדנישער פאלק האט פארנומען פאזיציעס איבערן גאנצן געגנט און געדראט אויף

עטליכע אונזערע טאנקן און געפאנצערטע אויטאס וועלכע זיינען געבליבן שטעקן אויפן פעלד ניט קענענדיק זיך ארויסדרייען, די לאגע איז געווארן גאנץ ערנסט, דער שונא איז נאך געווען פריש און מיר זיינען שוין געווען אפגעקעמפט מיט ווייניק אמוניציע און נאך ווייניקער בענזין, און אזויווי מיר האבן ניט געקענט מער זיך ארויסדרייען, האבן מיר געבעטן דעם לופט־פלאט אונז ארויסהעלפן, די עראפלאנען האבן אונז פארלייכטערט אזוי אז מיר האבן געקענט ווידער אנפילן אונזערע מאשינען מיט ברענשטאף. מיר זיינען ארויסגעגאנגען ארויסשלעפן די שטעקן געבליבענע מאשינען, די ירדנער האבן זיך געפריווט באנוצען מיט עטליכע שפיצלעך, געשיקט אין קאמף כלומרשט א קליינע אפטיילונג פון 3־4 טאנקן אבער הינטער זיי באהאלטן זיינען געשטאנען גרייט 15 אנדערע און ווען מיר האבן געשיקט א קלענערע גרופע טאנקן ארויסשלעפן די שטעקן געבליבענע טאנקן אונזערע, זיינען ארויס די 15 טאנקן פון דער באהעלטעניש און עס האט זיך אנגעהויבן א שווערער קאמף, א טייל פון אונזערע סאלדאטן זיינען געטראפן געווארן, די פארוואנדעטע און זייערע חברים האבן זיך גאנצע 12 שעה באהאלטן אונטער בריקן ביז אונזערע א אפטיילונג, וועלכע האט אנגעהויבן א נייע אטאקע, האט זיי ארויסגענומען. נאך עקשנות׳דיקע קאמפן און מיט דער הילף פון אונזער לופט־פלאט האבן מיר געזיגט אויך אויף דעם פראנט. ס׳רוב פון די אכציק ירדנישע טאנקן זיינען פארניכטעט געווארן.

פון דארט זיינען מיר געגאנגען אויף שכם.

פון תלפית ביז שכם

דערציילט אלוף משנה אורי:

מיר זיינען צוגעקומען צו א רייה בערגלעך וואס הערשן אויפן געגנט נעבן תלפית, אינמיטן איז געווען א טאל. פון אונזערע פריערדיקע צוזאמענשטויסן מיט טאנקן האבן מיר געוואוסט אז מיר וועלן דא האבן צו טאן מיט א גאנץ היפשע צאל טאנקן איידער מיר וועלן קענען איינעמען שכם. אונזער אויספיר גרופע האט ארייננעכאפט א ערנסטן טאנקען פייער, מיר זיינען געווען מיד און מיר האבן באשלאסן זיך אפרוען בייטאג און אטאקירן ביינאכט. 40 מינוט נאך צוועלף האבן מיר אנגעהויבן אטאקירן, פאנצערס האבן זיך צוזאמענגע־שטויסן און אזוי האבן מיר געקעמפט א גאנצע נאכט און פארטאג זיינען מיר אריין אין פארשטאט פון שכם אליין ניט וויסענדיק וואס טוט זיך דארט.

ביים ארייןפאר אין שכם זיינען געשטאנען טויזנטער מענשן און האבן געפאכעט מיט די טיכלעך און געפאטשט מיט די הענט, מיר האבן געמיינט אז דאס זיינען זיי אונז אזוי ליבנסווירדיק מקבל פנים, מיר זיינען אריין אין שטאט און געווען פול מיט וואונדער, די ארדענונג איז ניט געשטערט,

ס׳איז ניטא קיין בהלה און דער עולם באגריסט אונז. פלוצלונג איז עפעס געשען וואס האט איבערגעדרייט דאס גאנצע בילד, איינער פון אונזערע אפיצערן האט געוואלט ארויסנעמען ביי א אראבער וואס איז גראד געשטאנען נעבן אים זיין ביקס, דער אראבער האט ניט געוואלט געבן און דער אפיצער האט געגעבן א סאלווע אין דער לופט. ממש אין דער מינוט איז די גאס אפגעליידיקט געווארן און באלד האבן זיך אנגעהויבן שיסערייען. איך האב ניט געוואוסט וואס איז דא געשען, נאכדעם האב איך זיך געכאפט: די שכמער אראבער האבן געמיינט אז דאס זיינען מיר די עיראקער סאלדאטן וואס האבן געדארפט קומען פון ירדן, און הינטערן שטאט זיינען טאקע געשטאנען פיינטליכע טאנקען און ווען זיי האבן זיך געכאפט איז שוין געווען צו שפעט.

דער קאמף מיט די שארף־שיסערס און מיט די טאנקען אין שכם האט געדויערט עטליכע שעה און דער פייער האט זיך אפגעשטעלט ערשט 18.30 אין אוונט און מיר האבן געהאט א היפשע ביסל פארוואנדעטע. מיר זיינען געלאפן קיין יריחו און איר אפגערייניקט שנעל. מיט דעם האט זיך פארענדיקט דאס איינעמען פון יהודה און שומרון. צה״ל האט געהאט אין זיינע הענט אלע שטחים פון מערב זייט פון ירדן.

די אראבער זיינען געווען איבעראשט. א פחד איז אויף זיי געפאלן. אין חברון און אין שכם, אין דזשענין און אין יריחו האבן די אראבער געהאלטן זייער א סאך געווער. עס איז ניט געווען קיין איין אראבישער דארף ניט באוואפנט. אבער די אראבער האבן גלייך געבראכט זייער געווער, ניט טראכטענדיק זיך צו ניצן מיט אים, זיי האבן געהויבן די הענט, אויפגעהאנגען ווייסע פאנען. ג־טס אימה איז געפאלן אויף הונדערטער טויזנטער גאוה׳דיקע אראבער, פול מיט שנאה און נקמה זוכעריי, וועלכע האבן ערשט נעכטן געשוואוירן נקמה צו נעמען און קעמפן ביזן לעצטן טראפן בלוט. קיין שום פלאן האבן די ירדנער ניט געמאכט צו פארטיידיקן זייערע שטעט, ווייל זיי האבן דאך געטראכט איינצונעמען אונזערע און זיי האבן אפילו ניט געחלומט אז זיי וועלן דארפן אפטרעטן. דאס איז געווען פאר זיי אומגעריכט.

און אויף אלע פראנטן, דעם ירדנישן ווי דעם מצרישן און סורישן זיינען פאראן וואנדער — דערציילונגען. סגן אלוף משה וועלכער האט איינגענומען שכם און דזשענין קען ניט פארשטיין ווי אזוי אלטע שערמאן טאנקען האבן געקענט בייקומען גרויסע נייע פאטאן טאנקען פון די ירדנער. דאס איז דאך א גאנץ ניט פארשטענדליכע דערשיינונג. אזוי ווי א קאמאנדיר פון א טאנק אין זיין דעוויזיע הערט ניט אויף צו דערציילן זיין וואונדערבארע געשיכטע, ווי אזוי ער איז אריינגעפאלן ביי דזשענין אין א אפטיילונג פון ירדנישע טאנקען א לעגיאנער וועלכער האט געמיינט אז דאס איז א אייגענער טאנק, האט אים געמאכט ליכט סמנים ער זאל אפהאלטן, ביז דער ירדנישער פאטאן וועט

אנצילן זיין געוועהר אויף צה״ל, אבער דער אידישער טאנקיסט האט ניט „געפאלגט״ די אנווייזונגען, האט פארניכטעט שנעל דעם אראבישן טאנק צוזאמען מיטן סאלדאט. ״ווי אזוי האט דער לעגיאנער ניט דערקענט אז דאס איז ניט קיין ירדנישער טאנק — פרעגט ער זיך עד היום ? פארוואס פרעגט ער האט ער ניט געשאסן אויף מיר, פארוואס ?״.

און עס איז שוין באקאנט די דערציילונג פון סגן גיורא: אין שפיץ פון א טאנקן אפטיילונג איז ער אנגעקומען קיין שכם, און וואס איז געווען דער צוזאמענשטעל פון דער אפטיילונג ? דריי לייכטע טאנקן אמ.א. איקס, וועלכע זיינען גארניט מיט ניט געגן די ריזיקע פאטאנען וועלכע קענען לייכט צודריקן אויף בלעך די קליינע טאנקען. איז אט דערציילט ער: מיר זיינען אנגעקומען אין שכם און אויפגענומען געווארן מיט כבוד, מען האט געיובלט לכבוד אונז אנדערע האבן אפילו אונז געוואלט קושן.. אין צווייטן זייט פון שטאט האבן מיר נאך געהאט א צוזאמענשטויס מיט ירדנישע טאנקן, און אבי, א טאנקיסט פון דער א.ד. גרופע גיט צו: ווען מיר זיינען אנגעקומען אויף איינעם פון די פלעצער האט מען פלוצלונג אנגעהויבן שיסן אויף אונז און מיר האבן געהאט עטליכע פארלוסטן, מיר האבן געענטפערט מיט פייער און געפלויגן ווייטער צו דעם מערב׳דיקן ארייננגאנג אין שכם, דארט האבן אויף אונז געווארט ירדנישע פאטאנס, צום אנהויב האב איך גארניט געזען, דערציילט ער, אבער ווען אזוי לויפענדיק בין איך געבליבן אליין און אנטקעגן מיר איז פלוצלונג דערשינען פון ערגיץ א באהעלטעניש א טאנק פאטאן, וועלכער האט זיך דערנעענטערט צו מיר ביז עטליכע מעטער — נו, האב איך געטראכט, דא ביזטו ערליידיקט, ס׳איז גענוג ער זאל ארויפגיין אויף מיר און מאכן פון מיר א קאשע צוזאמען מיט מיין אמ. א. איקס, אזוי וואלט איך געטאן, אבער צו מיין איבעראשונג האט דער טאנק אראפ פון וועג און.. האט זיך דערווייטערט. איך האב גלייך אנגעשטעלט אויף אים מיין געוועהר און געטראפן דעם שווערן טאנק. עטליכע ירדנער וועלכע זיינען געזעסן אין טאנק זיינען ארויסגעשפרונגען אבער פון דעם דערבייאיקן וואדי זיינען דערשינען פלוצלונג זעקס פאטאנס איינער נאכן צווייטן. דער שכל און אלע מיליטערישע פאראדעגונגען פאדערן: אנטלויפן וואס גיכער, אבער סגן גיורא האט אזוי ניט געטאן, נאר מיט זיין קליינעם טאנק ארויס אין קאמף געגן די זעקס גרויסע פאטאנס פון די ירדנער, „פארוואס האב איך עס געטאן ווייס איך ניט״ טענה׳ט ער עד היום, ער האט פשוט גענומען פארן אנטקעגן זיי, און אלץ איז געשען בליץ־שנעל, אין פארלויף פון עטליכע מינוט האט ער פארניכטעט 7 טאנקן, נאך די טאנקן איז נאכגעפארן א געפאנצערטער אויטא, פול מיט לעגיאנערן, אויך זיי האט ער פארניכטעט מיט זיין קליינעם אמ.א. איקס און אלס צוגאב א ג׳יפ מיט א הארמאט געגן טאנקן.

„ביז יעצט קען איך נישט פארשטיין פארוואס האבן די פיל ירדנער ניט געקענט אנשטעלן זייער געווער אויף מיר, ניין, איך קען דאס בשום אופן ניט פארשטיין" חזרט איבער סגן גיורא. אזוי ווי ער אזוי קען ניט אבי און אנדערע סאלדאטן און אפיצערן פון דער קליינער אפטיילונג געפינען א ערקלערונג צו דאס וואס עס איז געשען. סוף כל סוף קענען דאך די ירדנער גאנץ גוט די מלאכה פון שיסן פון הארמאטן און פון טאנקן, עס איז דאך געווען גענוג מיט איין מאל פייער פון איינעם פון די זעקס מאשינען, כדי צו פארניכטן דעם איינציקן ישראל׳דיקן אמ.א. איקס און אפהאלטן דעם ישראל דיקן פארמארש. זיבן טאנקן, א גרויסער הארמאט און א געפאנצערטער אויטא פול מיט געווער ווערן ניט איבערגעפירט מיט איינמאל..

נ י י נ ט ע ר   ק א פ י ט ל

צו די בערג פון גולן
אנטקעגנאיבער ריזיקע באפעסטיקונגען

„יעצט וועט מען פרוון ערקלערן אז דאס אלץ איז געווען געפלאנט פאראויס, און אז אלץ איז שוין געווען באשטימט פון פאראויס. זאלט איר וויסן אז דאס איז א גרויסער ליגן. קיינער האט גארניט געוואוסט פאראויס, די פאלגן האבן אלעמען איבעראשט, אלץ וואס איז געשען איז געווען א נס. ממש א נס". אזוי זאגט א יונגער אפיצער וועלכער האט געקעמפט געגן די סיריער אין צפון. א קורצע צייט נאך דער מלחמה איז אויפגעטרעטן יגאל אלון, דער ארבייטס־מיניסטער פון „מערך" (מפא"י־רפ"י־לאחדות העבודה) און האט שטארק אנגעגריפן דאס שלימזלדיקייט אויפן צפון פראנט, וואס מען איז אריין אין קאמף געגן די סיריער נאר עטליכע טעג נאכן אויסברעכן פון קריג, אין צווייפל און מיט פאלשער אויסרעכענונג, דאס האט געבראכט צו דעם אז צה"ל האט געמוזט אפשטעלן דאס פייער און זיך באנוגענען מיטן איינעמען די רמת הגולן און ניט דערגיין ביז דעם דרוזן־בארג, אים באפרייען און אזוי ארום פארווירקליכן דעם אלטן חלום וועגן אויפשטעלן א אויטאנאמישע דרוזישע רעגירונג. אזוינע טענות איז זייער לייכט צו לאזן הערן נאכן ענדיקן פון קריג, אבער ביים אנהויב פון קריג איז קיינער ניט געווען אזא חכם פאראויסצוזאגן וואס וועלן זיין די פאלגן.

עס איז געווען א גרונט צו שרעקן זיך פאר א צוזאמענשטויס מיט די סוריער. א) שטארק באפעסטיקטע פאזיציעס. ב) דאס געפינען זיך אויפן בארג און די ישראלים אין טאל. ג) דריי גוט באוואפענטע דיוויזיעס אנטקעגן א פיל שוואכערן ישראל'דיקן כוח. די אפטיילונגען פון צה"ל אין צפון האבן מיט אומגעדולד געווארט עס זאלן זיך שוין ענדיקן די קאמפן אין דרום, כדי אריבערצופירן וואס שנעלער פארשטארקונגען קיין צפון און ערשט דאן האט דער שטאב פון דעם צפון־פראנט אנגעהויבן זיין אטאקע געגן די סוריער. אבער קיינער האט אפילו ניט געחלומט אז מען וועט איינעמען די רמת הגולן אין 12 שעה.

דער קאמאנדיר פון דעם צפון פראנט אלוף אלעד פלד האט ערקלערט: „איך האב געזען דער מאזינא ליניע וואס די פראנצויזן האבן אויפגעשטעלט נאך דער לעצטער מלחמה, איך האב געזען דעם אטלאנטישן וואל וואס די דייטשן

האבן אויפגעשטעלט כדי פארמיידן א אפענסיווע פון די פארבינדעטע מאכטן אין אייראפא, אבער די באפעסטיקונגען פון די סוריער שטייגן זיי איבער פיל מאל, סיי אין דער טיף און סיי אין שטארקייט. די נאציס האבן אויסגעמיטן דער מאזשינא ליניע, האבן בעסער אויסגעמיטן זיך צו שלאגן ביי דעם אטלאנטיק־וואל, מיר זיינען געגאנגען גלייך אויף די פארפעסטיקונגען און זיי איינגענומען״.

די סוריער האבן געהאט שטיין אין רמת הגולן 900 טאנקן, 18 ארטילעריע פאלקן באוואפנט מיט די גרעסטע און בעסטע הארמאטן פון אלע סארטן, צווישן זיי 125 מ״מ׳דיקע פון טשעכישער אויסארבייטונג, שפיגעל־נייע און פון בעסטן קוואליטעט, צו דעם די בארימטע „קאטיושא׳ס״ און טאנקן פון טיפ סטאלין מיט אינפרא רויטע שטראלן. 4 פוסגייער דיוויזיעס האבן זיך באפעסטיקט און פארגראבן אין דער ערד אין אזוינע באפעסטיקונגען אז א געוויינליכע באמבע האט זיי ניט אויפגעריסן מחמת זיי זיינען געווען אייזן־בעטאנירט און עטליכע מעטער דיק. אזוי האבן די סוריער געקעמפט געגן די צה״ל סאלדאטן וועלכע זיינען געקראכן אויף די בערג אפגעדעקט פארן גיהינום פייער פון די סיריער. און צה״ל האט טאקע טייער באצאלט פאר דעם זיג. 115 סאלדאטן זיינען געפאלן, 306 פארוואנדעטע, אבער דאס איז געווען א דערגרייכונג וועלכע איז גאנץ איינמאליק אין דער מיליטערישער פרעספעקטיווע.

דער פייער קראפט פון די סיריער האט געהאט בכוח איינצונעמען א גאנצן לאנד און די סיריער האבן טאקע געפלאנט אריבערצופירן דער מלחמה גלייך אויפן ישראל׳דיקן באדן. די געהיימע פלענער וואס צה״ל האט שפעטער געפונען אין קונייטרא האבן דערציילט אז די סוריער האבן געהאט באפעלן איינצונעמען שאר־ישוב און מארשירן אויף נצרת. אויף א צווייטער אפטיילונג איז ארויפגע־לייגט געווארן די אויפגאבע אריינמארשירן אין ישראל דורך דאס שוואכע לבנון און מארשירן דורך עכו קיין חיפה. סטראטעגיש זיינען די פלענער געווען אויסגעהאלטן, בפרט אז זיי האבן געהאט א גענוגענדע מיליטערישע און געפאנצערטע דעקונג. די פלענער זיינען אויסגעארבעט געווארן פון רוסישע ספעציאליסטן וועלכע האבן ווארשיינליך מיטגעקעמפט אין רמת הגולן, ווייל באפעלן אויף רוסיש זיינען אויפגעכאפט געווארן דורך צה״ל. אבער די רוסישע ראטגעבער זיינען אנטלאפן פון שלאכטפעלד צוזאמען מיטן סירישן מיליטער, נאר געציילטע שעה׳ן האבן זיי זיך געהאלטן און דאן געמאכט פיס.

דאס סירישע מיליטער האט טאקע געקעמפט עקשנות׳דיק, ניט אזוי לייכט האט ער אפגעלאזט זיינע פאזיציעס און האט באשאטן די ישראל סאלדאטן מיט א גיהינום פייער, גורם געווען א סאך פארלוסטן און דאגה דעם גענעראל שטאב פון ישראל און דאס גאנצע לאנד, אבער אויף א וואונדערליכן אופן האט דער קריג מיט סיריע געבראכט א סאך וויי̆ניקער קרבנות ווי מען האט פריער זיך

פארגעשטעלט און אויסגערעכנט, פאר וואס דאס איז אזוי ווייס מען ניט. ווען מען זעט נאך היינט די גוואלדיקע פעסטונגען אונטערערדישע פאזיציעס פון ריזעקע שטאל און אייזן־בעטאן כאפט אן אימה און מען שטייט פארשטיינערט ניט וויסענדיק וואס דא איז געשען, ווי האט מען דא אזוי שנעל און אזוי לייכט געזיגט.

די "גולני" דעוויזיע אין שווערסטע קאמפן

לאמיר הערן וואס אלוף משנה אלברט דערציילט:

אונטער מיין קאמאנדא איז געווען די געפאנצערטע דיוויזיע וואס האט דורכגעבראכן דעם סירישן פראנט אין מזרח זייט פון כפר סאלד אין דעם ארט וואס רופט זיך „גבעת האש" (דער פייער־בערגל) זי האט געדארפט איינעמען די נעמוש פאזיציעס, זעורה און קלעה און גיין אויף קונייטרה.

די אויפגאבן וואס זיינען געשטאנען פאר אונז זיינען געווען: דורכברעכן דעם פראנט בייטאג אין א שווערן בארגיקן געגנט, גיין נאר אויף איין ליניע אנטקעגן די סירישע באפעסטיקונגען אין וועלכע עס זיינען געווען איינגעבויט ריזיקע ארטילעריע געגן טאנקען און א סאך טאנקען און הארמאטן פון טיפ אס.יו.100. דורך א שמאל און בארגיקן דורכגאנג און ווען איין מאשין איז געבליבן שטעקן — איז די גאנצע קאלאנע געבליבן שטיין.

מיר זיינען דורכגעגאנגען די שמאלע שטשעזשקע אונטער א שווערן ארטילערישן פייער וועלכער איז איבערגעהאקט געווארן ווען אונזערע אעראפל־אנען האבן באמבארדירט די פאזיציעס. מיר האבן געהאט פארלוסטן. א אפטיילו־נג פון טאנקען איז געקומען ביזן פראנט פון נעמוש און צוטרעטן מיט די קייטן די סורישע פאזיציעס. די טאנקן קאלאנע האט פאראויסמארשירט אונטערן פייער, דער קאמאנדיר איז געהרגעט געווארן, זיין שטעלפארטרעטער אויך און די קאמאנדא האט איבערגענומען א יונגער אפיצער און האט געפירט דעם קאמף ביזן זיג. דער שפיץ פון דער קאלאנע האט זיך אנגעשטויסן מיט טאנקען אס.יו.100 און מיט הארמאטן געגן טאנקען און האט געדארפט אריבערגיין געגן — טאנק פאזיציעס אויף זיין וועג קיין קלעה, נאכדעם האבן מיר אנגעהויבן קעמפן אויף די באפעסטיקונגען פון זעורה און עס איז געווען א שווערער קאמף. די פוסגייער אפטיילונגען האבן אין די באדינגונגען ניט געקענט קעמפן און אזוי האבן מיר זיך אדורכגעקעמפט אונטערן שטארקן פייער און ביי א סאך פארלוסטן ביז מיר זיינען אנגעקומען א זייגער 4 אין שפיץ פון רמת הגולן און מיט דעם האט זיך געענדיקט דער קאמף געגן די סיריער אויף דעם אפשניט. ס'איז געווארן נאכט און מיר האבן באקומען א ווארנונג פון דעם קאמאנדיר פון פראנט אז מען וועט אונז אפשר ביינאכט אטאקירן, אבער עס איז גארניט געשען און פון דאן איז שוין שווער געווען נאכצויאגן דעם אפטרעטענדיקן שונא. מיר האבן געזען עטליכע טאנקען און געשאסן אויף זיי אבער עס האט

זיך ארויסגעוויזן אז זיי זיינען געווען לײדיקע, מיר האבן געפונען טאנקן ווענמענס מאטאָרן האבן נאך געארבייט און די פארבינדונג איז נאך געווען טעטיק.

אלוף משנה יונה האט קאמאנדירט אויף א גולני דיוויזיע ביים איינגעמען 13 פאזיציעס, און האט הינטער זיך די ביטערסטע קאמפן אין דער מלחמה, דעם קאמף אויף די פעסטונגען פון דעם פלאטא תל־פחר, א פאזיציע וואס הערשט איבערן גאנצן ארום. אויף אים היטן צוויי פארפעסטיקטע פאזיציעס בורג באביל, דאס איז אין פארהעלטניס א קליינע שטעלונג און תל־עזיזאת וועלכער איז באקאנט די ישראלים פון די אנפאלן פאר דער מלחמה.

דערציילט דער אלוף משנה: דריי דאפל־געבויגטע פארקאנעס רינגלען ארום דער שטעלונג. אונזער כוח וואס איז שוין געווען א ביסל צושלאגן פון וועג, האט זיך שנעל דורכגעשלאגן ביז די פארקאנעס, האט ארויסגעשפרונגען פון די געפאנצערטע אויטאס און זיך אריינגעריסן אין דער סורישער פאזיציע. ביי די פארקאנעס זיינען געלעגן מינעס, דאס האבן אונזערע מענשן געוואוסט אבער זיי האבן זיך ניט אפגעהאלטן און פארטגעזעצט דער אטאקע. אנדערע האבן זיך אוועקגעלייגט אויף די פארקאנעס און זייערע חברים האבן ארויפגעשפרונגען אויף זיי און פון דארט אריינגעשפרונגען אין די גראבנס. די שטעלונג איז געבויט צוויי־טייליק, דער כוח וואס האט אטאקירט דער ערשטער האט זיך אריינגעריסן אין די דרום׳דיקע גראבנס, זיינען דורכגעגאנגען דער גאנצער שטעלונג מיט אלע אירע גראבנס און אין א פנים אל פנים קאמף אים אויסגעריי־ניקט פון די סיריער. דער צווייטער כוח איז געגאנגען צום צפונ׳דיקן טייל, דער איז געווען פיל שווערער, די ערשטע כוואליע קעמפער איז דערגאנגען נאר ביזן האלבן וועג, דארט איז זי באשאטן געווארן מיט א געפערליכן געגן־פייער און מען האט געמוזט צושיקן הילף, ווייל דער קאמף איז שוין געווארן ערגער ווי א קאמף פנים אל פנים, עס איז שוין קיין פלאץ ניט געווען פאר צוויי פנימער. איינער א סורישער סאלדאט האט געגעבן א זעץ אין קאפ א ישראל אפיצער מיטן הילצערנעם טייל פון ביקס, גראד איז ביים אידישן אפיצער אויסגעגאנגען די אמוניציע און דער סיריער האט שוין ארויסגעכאפט דעם רעוואלווער און געוואלט שיסן אויפן אפיצער, אבער דער ישראל אפיצער האט זיך ניט פארלארן און מיט א שטארקן זעץ מיטן קולאק אויפן ארעם פון סיריער, אים אויסגעלינקט דעם ביין, ביידע האבן זיך געווארפן איינער אויפן צווייטן און זיך גענומען קייקלען אויף דער ערד אין געראנגל, מען קען ניט וויסן ווער עס וואלט בייגעקומען, נאר צום מזל איז אנגעקומען א אנדערער אפיצער און האט דערשאסן דעם סיריער. אונזערע סאלדאטן האבן ווייטער געקעמפט אין משך פון 20 מעטער האבן זיי געהאט זעקס אדער זיבן צוזאמענ־שטויסן איינס נאכן צווייטן. דאס איז געווען איינער פון די שווערסטע קאמפן ביז מיר האבן געזיגט.

שמע ישראל!

„דאס איז געווען א ביטערער קאמף", דערציילט דער טאנקיסט מיכאל מיכייסקי: די סיריער האבן געקעמפט ווי לייבן און זיך ניט אונטערגעגעבן אפילו נאך שווערע פארלוסטן, מיר האבן געהאט פארלוסטן שוין ביים אנהויב פונ'ם קאמף, פונדעסטוועגן האבן מיר פאראויסגעלאפן און די קאמאנדירן פאר אונז, עס זיינען געפאלן פארוואנדעטע אבער מיר האבן ווייטער געקעמפט, זיך באמיט צו שלאגן זיך אין די גראבנס ווייל דארטן זיינען מיר געווען זיכער פון די מינעס, די סיריער האבן אונז פשוט באשאטן מיט פייער, מיר האבן געקעמפט ביים העלן טאג לויפענדיק אינגאנצן אפגעדעקט פאר די סיריער וועלכע זיינען געווען גוט באשיצט הינטער די באפעסטיקונגען.

א רעליגיעזער סאלדאט דערציילט:

מיר האבן געדארפט אטאקירן א פעסטונג אין תל־פאחר. אונזער קאמאנדיר האט געשפרייזט פארויס, אבער ווי ער איז צוגעקומען צום ציל איז ער געפאלן, א סאלדאט וואס איז געלאפן אים ארויסראטעווען, איז געטראפן געווארן אין אויג, מען האט זיי ווי עס איז ארויסגעשלעפט. ווידער האט זיך א סאלדאט געווארפן אויף דער פאזיציע און איז געטראפן געווארן אין בויך, דער שטעל פארטרעטענדער קאמאנדיר איז געפאלן נאך אים, יעצט איז געקומען מיין רייה, „דאס איז מיין סוף" האב איך געזאגט צו מיר, דאן האב איך מיט ניט מיין שטימע א געשריי געטאן „שמע ישראל" און איך בין געלאפן פאראויס, פון צווישן דעם געפילדער פון דער שיסעריי, דאס יאמערן פוו די אנפליענדיקע עראפלאנען איז דערגאנגען צו מיר דער געלעכטער פון א סאלדאט אבער די קויל פונ'ם רוסישן ביקס האט מיר ניט געטראפן, איז פארבייגעפלויגן א סענטימעטער פון מיין קאפ, און איידער דער אנדערער סירישער סאלדאט האט אנגעצילט אויף מיר זיין ביקס, האב איך אפגעפייערט א לאנגע סאלווע און פארניכטעט אלעמען. איך האב שוין מער ניט געהערט קיין געלעכטער. אין אוונט האב איך זיך אוועקגעלייגט כאפן א דרעמל, פלוצלונג האב איך געפילט אויף מיין שטערן א קוש, דאס איז געווען יענער לאכענדיקער סאלדאט, ער האט געמורמלט צו מיר: ווייזט אויס אז א דאנק דיר וועל איך בלייבן לעבן, א דאנק דיין תפלה'דיקן געשריי. א שאד וואס איך בין ניט רעליגיעז און מען האט מיר ניט געלערנט דאווענען..

אין שפיטאל אין נהרי־ה איז געלעגן א פארוואנדעטער סאלדאט און האט ניט אויפגעהערט צו דערציילן אלעמען וועלכע זיינען נאר געווען גרייט צו הערן:

„איך בין פארוואנדעט געווארן ביים איינגעמען דארבעשיה, עס זיינען געווען א סאך פארוואונדעטע ווייל מען האט אונז באשאסן מיט א שרעקליכן פייער, העליקאפטערס האבן זיך אראפגעלאזט אינמיטן פייער, ווי משוגענע זיינען

געלאפן די סאלדאטן מיט די טראגעס. אזוי אז מיר האט זיך געדאכט אז איך פליה, ווייזט אויס אז דער פייער איז געווארן אלץ שטארקער און שטארקער, ווי א ריזיקער ארקעסטער פון טויזנטער שטימען זינגט צוזאמען, קיינער פון די אפטראנספארטירטע און פון די טר׳עגערס איז ניט פארוואנדעט געווארן, ווי א באהאלטענע האנט וואלט זיך אויסגעשפרייט אויף זיי און זיי געהיט פון די מיליאנען קוילן. ביים אמבולאנס האט א סאלדאט וועלכער איז געלאפן מיט א טראגע מיט א פארוואנדעטן געחלש׳ט, אבער בדרך נס איז ער ניט געפאלן. דארט זיינען געווען רעליגיעזע סאלדאטן וועלכע האבן געזאגט אז יעדער קויל האט זיין אדרעס און הכל בידי שמים. זיי זיינען גערעכט, עס איז פאראן א ג־ט אויף דער וועלט דאס האב איך געזען בעשיינפערלעך אויף דער רמה הסורית.

אין די אנגעשטרענגטע טעג ווען די סיריער האבן אונז אן אויפהער באמבארדירט, האבן מיר, דערציילט א סאלדאט, זיך איינקווארטירט ביי להבות הבשן. א קאנצענטרירטער סירישער פייער האט כמעט איינגאנצן באדעקט דעם קבוץ און דעם קבוץ גונן, כדי צו צושמידן די קבוצים זיי זאלן זיך ניט קענען פארטיידיקן און ניט ארויסגיין. עס זיינען געטראפן געווארן בהמות אין פעלד, יעדער שטיין איז געטראפן געווארן פון סירישן פייער, און דא פלוצלונג פארן ארויס אזוי ווי עס וואלט גארניט געשען עטליכע טראקטארן, זיי זיינען ארויסגעפארן כדי אויסצוגלייכן דעם וועג פאר די טאנקן וואס גייען אין קאמף קעגן סיריע. מען קען זיך פארשטעלן סארא גוטער ציל זיי זיינען געווען פאר די שיסענדיקע סיריער, אבער זע א וואונדער, קיין איינער פון זיי איז ניט געטראפן געווארן, זיי האבן געארבייט, אויסגעגלייכט די וועגן, געגראבן, געשאטן ערד און קיין איין קויל איז ניט צוגעקומען צו זיי. מיר זיינען געלעגן און ניט געגלויבט אונזערע אויגן, ניט געוואוסט ווי געשעט אזוינע זאכן, פארוואס טרעפן די סיריער אין שטיינער, פארוואס הרגענען זיי די בהמות אין פעלד און אזא גוטן און קלארן ציל טשעפען זיי ניט? דאס וועל איך קיינמאל ניט פארשטיין.

אזוי וועבן זיך די דערציילונגען איינס אין צווייטן, דערציילונגען וואס שטרייכן נאך מער אונטער דעם פאקט אז די מלחמה איז געווען א אויסערגעוויינ־ליכע, א ספעציפישע, אז אנשטאט אומגליקן זיינען געשען נסים, אפענע נסים וואס יעדער סאלדאט און אפיצער האט זיי געזען מיט זיינע אייגענע אויגן. אויב מען האט ניט געהאט קיין אויסזיכט אויף א שנעלן און לייכטן נצחון, אויב עס איז ניט געווען כמעט קיין געפלאנטע מעגליכקייט איינצונעמען די סירישע רמה מיט אירע ריזיקע פעסטונגען, האט מען אבער פילפאכיק וויניקער געקענט גלויבן אז אזוינע שווערע און ביטערע קאמפן אין אזוינע אויסערגעוויינליכע שווערע באדינגונגען — וועלן פאדערן אזוי וויניק קרבנות און אנטאן אזא קליינעם שאדן.

נסים אויף נסים

דער סמל חגי דערציילט:

דער אטאקירענדער באטאליאן האט געוואָרט כדי אפצורייניקן דעם וועג צו איינעם פון די בערג אין דער סירישער רמה. דאס איז ניט געווען קיין וועג נאר א שמאלע שטשעזשקע וואס האט זיך געשלענגעלט און געשלענגעלט אָן א סוף, אין דער לינקער זייט איז געווען א טיפער אפגרונט און אין דער רעכטער — בערג. א זייער געפערליכע שטשעזשקע אין א קריג, וואס לאזט ניט קיין שום מעגליכקייט זיך א דריי צו טאן אדער זיך אויסבאהאלטן פון א קאנצענטרירטן פייער, א שטשעזשקע וואס איז אינגאנצן אפגעדעקט פארן שונא וועלכער זיצט אינדערהויך וואס זעט אלץ און אלעמען און ער אליין ווערט ניט געזען און וועלכער וועט געוויס אלץ טאן כדי ניט צודערלאזן צה״ל ארויפצוקומען.

האבן מיר אזוי געוואָרט אויף א באפעל צו אטאקע, אפצורייניקן דער שטשעזשקע כדי צוצוקומען צו אונזער ערשטן ציל תל־עזיזאת. די שפיצן קאמאנדא פון סרן רן האט געקלעטערט, געיאגט זיך אויף אומוועגן באגלייט פון די פארדאגה׳טע אויגן פון די איבעריקע סאלדאטן וועלכע זיינען געבליבן אונטן, וועלכע זיינען געווען זיכער אז יענע גייען אין א זיכערן טויט, ווייל עס איז ניט געווען כמעט קיינע אויסזיכטן ארויסצוגיין לעבעדיק. דער באטאליאן איז געקראכן ווייטער אויפן בארג ביז ער איז פארשוואונדן פון אונזערע אויגן. ס׳איז דורך א שעה וועלכע האט אונז אויסגעזען ווי א יאר, זי האט זיך ניט געוואלט ענדיקן די דאזיקע לאנגע שעה, און אט קומט א באפעל צו מארשירן נאך דעם ערשטן באטאליאן. די שטשעזשקע איז אפגערייניקט געווארן און דער ערשטער באטאליאן האט זיך איינגעגראבן אינדערהויך, דורכגעגאנגען דעם געפערליכן מיט פייער באדעקטן וועג אָן שום פארלוסטן. פארוואונדערט האבן די אפיצערן געקוקט איינער אויפן צווייטן, זיי זיינען ניט געווען בכוח צו ערקלערן וואס דא איז געשען, קיינער פון רן׳ס באטאליאן איז ניט פארוואונדעט געווארן, דער שרעקליכער פייער וואס האט אויפגעריסן די בערג ארום, אויפגעציטערט דעם גאנצן האריזאנט האט אדורכגעלאזט רן׳ס סאלדאטן צו זייער ציל..

דערציילט נאך איינער, ה. הייסט ער:

די פאנצער דיוויזיע פון אלוף משנה אלברט, איז געקראכן אויף דער שמאלער שטשעזשקע צום בארג פון רמת הגולן, זיי האבן געמוזט גיין נאר פאראויס, ניט צוריק און ניט אן א זייט אן זיי געקענט זיך א דריי טאן, און נאר איין אויטא אדער טאנק האט געקענט דורכקריכן. א אידישער פאנצער אויטא איז פלוצלונג קאליע געווארן, און האט אפגעשטעלט דער גאנצער קאלאנע דוקא אין די וויכטיקסטע מינוטן פון קאמף, אפילו אפטרעטן האט

מען ניט געקענט, דער סירישער פייער האט באדעקט יעדן מעטער שטיין, און אפטרעטן האט דאך געהייסן, פארלירן דעם קאמף. וואס מאכט מען מיטן פאנצער־אויטא?

דאס זיינען געווען זייער קריטישע מאמענטן, אזוינע מאמענטן טרעפן אפט בעת׳ן קריג און דאן מוז דער קאמאנדיר באשליסן שנעל און דראסטיש, אמאל א גורל׳דיקן און אכזריות׳דיקן באשלוס. איינער האט בלית ברירה באשלאסן אז מען מוז אויפרייסן דעם פאנצער אויטא כדי פריי צו מאכן דעם וועג פאר דעם ווייטערדיקן קאמף. און פלוצלונג זעט נאר, דער פאנצער אויטא האט אנגעהויבן פארן, ווי אזוי, פארוואס, קיינער האט ניט געוואוסט, א נס איז געשען.

אין א שטיקל צייט ארום האט דער פאנצער אויטא ווידער זיך אפגעשטעלט, איינגעעקשנט און וויל ניט גיין, און אט זיינען געקומען א טראקטאר מיט א רעזערוו סאלדאט פון טבריה און אונטערן מורא׳דיקן פייער פון שונא, אפגעדעקט אין אפענעם טראקטאר איז ער צוגעפארן צום באשעדיקטן אויטא, אים ארויסגע־שלעפט און באפרייט דעם וועג און אים איז גארניט געשען. א נס, דער וועג איז פריי, די קאלאנע פארט ארויף ווידער און קעמפט זיך אדורך ביזן שפיץ פון בארג, און די סאלדאטן קלאפן דעם טראקטאריסט אין פלייצע, ער הייסט נסים און נסים זיינען געשען מיט אים..

און נסים שמייכלט: א געלעכטער אן א זייט, דאס איז טאקע געווען א נס.

די וועלכע פארן היינט שפאצירן אין רמת הגולן און קוקן אן די שטאל — און אייזן פעסטונגען וואס דראען נאך עד היום מיט בלינדע בליקן, און זעען די שפיצן פון די שטיינערנע בערג, און קוקן אריין אין די בונקערן, גוט אריינגעבויט אין דער שווערער שטיינערנער ערד, און די וועלכע קוקן ארונטער פון דעם פלאטא צו די אידישע ישובים וואס ליגן צופוסנס פון די בערג ווי אויפן האנט, אינגאנצן אפגעדעקט אפילו פאר א פשוט׳ר מענשליכער אויג, די וועלכע זעען די שמאלע שטשעזשקעלעך, אויך אפגעדעקט פריי פאר יעדן קויל און שראפנעל די אלע קענען ניט באהאלטן זייער שטוינונג, זיי הערן ניט אויף צו פרעגן: ווי איז עס אלץ געמאכט געווארן? ווי האט דאס צה״ל געקענט שאפן דעם גוואלדיקן וואונדער וואס קען בשום אופן ניט פארשטאנען ווערן מיטן מענשליכן שכל.

צענטער קאפיטל

חכמים — נאך אלעמען

שווארצע וואלקנס איבער ישראל

לאמיר אויף א ווײַלע זיך אומקערן צוריק, צו די טעג פאר דעם קריג.

צה״ל גרייט זיך צו א צניעות׳דיקן יום העצמאות פאראד אין ירושלים, א אַנפאל פון פאליטישע ערקלערונגען האבן באקומען קלענערע און גרעסערע פאליטיקער אין ישראל, דער וואס קען אדער קען ניט ערקלערט, רעדט, גיט אינטערוויען און ווארפט לאזונגען אין אלע זייטן. עס זעט אויס אז קיין שום פאליטיקער וואס האלט א ביסל פון זיך קען זיך ניט איינהאלטן, קען ניט אויסרייסן דאס בלעטל פון לוח אויב אין דעם טאג איז זיין נאמען ניט דערמאנט געווארן, אין די פרעסע.

די מיליטערישע וואכנשריפט „במחנה״ פארעפנטליכט א אינטערוויו מיטן פרעמיער ה׳ אשכול, אויף דער פראגע: „וועט נאצער פארווירקליכן זיינע ערקלערונגען אז ער וועט קומען צו הילף סיריע״? ענטפערט אשכול גלייך: „ניט אזוי גיך און ניט אזוי לייכט וועט מצרים ענדערן איר שטעלונג זי איז צופיל פארנומען אין תימן און אין עדן״.

עס דערנעענטערט זיך דער יום העצמאות און מיט אים, א נייע כוואליע פון פאליטישע ערקלערונגען פארפלייצט דאס לאנד, אן א שיעור מאל חזר׳ן איבער די שפרעכער פון קול ישראל די ווערטער פון אשכול און ראבין, גלילי און אלון און אלע אנדערע וואס האבן א וועלכע עס איז שייכות מיט דער רעגירונג. עס דוכט זיך אז נאר צוויי פונקטן שטייען אויפן טאג־ארדענונג: די אפאזיציא־נעלע ערקלערונג פון דוד בן־גוריון וועגן שלימזלדיקן מצב אין דער פארטיידיקונג פון לאנד אין וועלכן די אשכול רעגירונג איז שולדיק און די דראונגען פון די סיריער מיט א אונטערגרונד קאמף געגן ישראל. די קאאליציע שפרעכער בארויקן און דראען, זיי בארויקן די ישראלים און טענה׳ן אז אלץ איז אין ארדענונג, די פארטיידיקונג איז גוט און עס דראט ניט קיין סכנה פון קריג און עס איז ניטא וואס מורא צו האבן פאר א צוזאמענשטויס מיט די אראבער וועלכע זיינען פארנומען מיט קריגערייען צווישן זיך. מצרים זינקט אין דער תימנישער בלאטע און איז ניט בכוח ארויסצוקריכן פון דארט, ירדן האט אייגענע צרות, סוריע האט אינערליכע שוועריקייטן, איר רעגירונג האט ניט

קיין באזיס און האט מורא פאר איר ווייטערדיקער עקזיסטענץ און דעריבער זוכט זי וועגן ווי צו פארשטארקן איר פרעסטיזש דורך שאפן א קריגערישער לאגע אין ישראל און שיקן די טעראריסטן פון „אל פאתח" קיין ישראל. דאס וואס מען דארף טאן, איז ווארענען סוריע אז זי אליין וועט טראגן די פאראנטוור־ארטליכקייט פאר דאס געשעענע, און איר דערמאנען ווי דעם 7טן אפריל האבן אידישע עראפלאנען געפלויגן איבער דמשק פארניכטענדיק די אנגרייף פארפעסטיקונגען פון די סוריער. די ווארענונגען פון אשכול'ן זיינען ווייניק פאר ראבינען און גלילי איז ניט צופרידן פון ראבינס ווערטער אלון פון זיין זייט געפינט פאר נויטיק אויך עפעס צוגעבן צו די רייד פון זיין פארטיי־פריינט גלילי. זייערע ווערטער ווערן איבערגעגעבן אין ראדיא אן א שיעור מאל, כדי צו מאכן א רושם. און אויב צה"ל גייט נאך ניט אין קריג, אבער די מיניסטארן שלאגן זיך שוין.

אויף א פארמאכטער זיצונג פון מפא"י מיטגלידער אין קלוב „יחדיו" אין תל אביב, ערקלערט אשכול, אז אין אנבליק פון די 14 צוזאמענשטויסן מיט סוריע אין די לעצטע טעג, וועט ישראל מוזן אנגעמען ניט ווייניקער דראסטישע טריט ווי דעם 7טן אפריל. די רוסן וועלכע הערן ניט אויף אנצורייצן מצרים, וועלכע טענה'ן אן אויפהער אז ישראל האלט ביי אנפאלן אויף סוריע, אראפווארפן די פרא־קאמוניסטישע רעגירונג האבן זיך אויף וואס צו פאררופן, אויף די ווערטער פון דעם פרעמיער. די וועלכע האבן געוואלט אנצינדן דעם פייער אין מיטעלערן מזרח, האבן געפונען דאס שוועבעלע. די אפלייקענונג וואס איז געקומען שפעטער האט שוין ניט געהאלפן.

אויף מארגן נאכן יום העצמאות, האבן שוין אלע געוואוסט אז די מצרים קאנצענטרירן מיליטער אין סיני און באדראען די עקזיסטענץ פון ישראל. דער מצרישער אויסערנמיניסטער ה' ריאד, פאדערט פון די אונא סאלדאטן אין עזה און אין סיני, זיי זאלן אוועקגיין פון די מצרישע ערד. און אין פארלויף פון 48 שעה, זיינען פון 73 אונא פונקטן ארונטערגענומען געווארן די פלאגן פון אונא. אין די רעגירונגס קרייזן אין ירושלים און תל אביב ווערן געפירט פיבערהאפטע באשפרעכונגען, אבער די טעטיגקייט קען ניט פארווישן דעם איינדרוק וואס די גאס האט באקומען, אז דער פלוצלונגדיקער קלאפ וואס די רעגירונג האט באקומען, האט ארויסגערופן שוואכקייט און שלימזלדיקייט און האט ניט געבראכט דעם געהעריקן ענטפער מצד ישראל אויף די פראוואקאציעס פון די מצרים, דער איינדרוק האט זיך נאך פארשטארקט צוליב די ידיעות אז עס איז אויסגעבראכן א קריגעריי צווישן מיניסטעריום פון פרעמיער און דעם אויסערן מיניסטעריום ווער איז שולדיק אין דעם וואס ישראל האט ניט געוואוסט ווי צו רעאגירן.

היינט, ווען די זעקס־טעג מלחמה איז הונטער אונז און אלע ווייסן אירע

פאלגן, געפינט זיך ניט קיין איין מענש אין די הערשענדע קרייזן פון ישראל, וועלכער זאל ניט פרווון יעדערן איבערצייגן אז ער האט אלץ פאראויסגעזען און אלץ געוואוסט, און אלץ וואס ער האט געטאן, איז עס געווען געבוי לויט די נאכריכטן זיינע, און יעדער פון זיי קען אייך אנווייזן די קעשענע וואו עס איז געלעגן דער סוד פונ׳ם נצחון גלייך ביים אנהויב פון קריזיס. אבער אין יענע טעג פול מיט שרעק און אנגעשטרענגטקייט, פון צווייפל און שוואכקייט האט אומעטום געהערשט א געדריקטע שטימונג, דאס גאנצע לאנד איז געווען נערוועז, אויפגערעגט און עס האבן ניט געפעלט קיין מענשן וועלכע האבן געפרעגט: פארוואס האט די אזוי בארימטע ישראל׳דיקע נאכריכטן דינסט ניט געווארנט דער רעגירונג וואס באצער גייט טאן. זיינען עס ניט די ערשטע אויפדעקונגען וועגן דעם בלוטיקן שפיל וואס דער סאוויעטישער אויסערן מיניסטער גראמיקא האט אנגעהויבן וועבן ביי זיין געהיימניספולן באזוך אין קאהיר? אבער אבא אבן, דער ישראל אויסערנמיניסטער האלט נאך אלץ אז מצרים וועט ניט גיין אזוי ווייט און אז די אידישע שיפן וועלן ווייטער דורכפארן טיראן, אבער ווייניק מענשן זיינען געווען אזוינע אפטימיסטן ווי ער.

אין אביחיל איז פארגעקומען א צוזאמענפאר פון באפרייטע סאלדאטן, אשכול איז דארט ארויסגעטרעטן מיט א רעדע און ער האט געהאט די חוצפה צו זאגן, אז די צייט פון „ד׳ ילחם לכם ואתם תחרישון” איז געענדיקט. פון דאן אן זיינען אפילו זיינע נאענטסטע פריינט געווארן פארדאגה׳ט צוליב אים, ער איז שוין ניט געווען באשלוס־פעאיק, אזוי ווייט אז אפילו דער סעקרעטאריאט פון זיין פארטיי, מפא״י האט באשלאסען מיט א מערהייט שטימען צו באפרייען דעם פרעמיער מיניסטער פון זיין אמט אלס פארטיידיקונגס מיניסטער און איבערגעבן דעם פארטפעל דעם פארשטייער פון דער אפאזיציאנעלער פארטיי רפ״י, משה דיין.

דאס פאלק אין ישראל איז געווען צוטומלט און נערוועז, די מאביליזירטע האבן זיך געשטעלט אלע ווי איינער, קיינער איז ניט אנטלאפן אדער זיך ארויסגעדרייט, יעדער האט געוואוסט סארא סכנה עס שוועבט אויף דער מדינה. אפילו פון דער רעגירענדער פארטיי מפא״י האבן זיך שוין געהערט קריטישע שטימען, אויך דארט איז מען באזארגט פון דעם מצב און מען זאגט אז „די רעגירונגס שיף פארט אנטקעגן א שרעקליכן געוויטער אן א קאפיטאן אדער וועג־וויזער”. די כוואליע פון ערקלערונגען וועלכע האט פארגאסן דער מדינה אנהויב מאי איז פארשוואנדן, די רעגירונג האט זיך פארדעקט מיט א גרויסן דריקענדן שווייגן, קיינער האט ניט געוואגט פאראויסצוזאגן עפעס. אמביציעזע עסקנים האבן זיך פלוצלונג ארויסגעשטעלט אלס שוואכלינגן און שרעקעוודיקע קליינע מענשעלעך, גראד דאן ווען דאס פאלק האט געלעכצט נאך א גוט און שטארק ווארט, זיינען די אלע שיין־ריידער פארשטומט געווארן.

דער אויסערן מיניסטער אבא אבן איז ארויסגעפארן איבער די מערב לענדער און איז צוריקגעקומען פול מיט גלויבן און האפענונג אז אמעריקא און די מערב מאכטן זיינען גרייט צו העלפן ישראל אין איר שווערער צייט און אפילו קעמפן פאר איר. ער דערציילט אז אמעריקא האט באשלאסן אויפצו־שטעלן א ימי׳שען קראפט וועלכער זאל מיט כוח עפענען די טיראן דורכגאנגען. אבן האט ניט באהאלטן זיין געררירטקייט פון דעם גרויסן כבוד וואס מען האט אים געגעבן אין פאריז און לאנדאן, דה־גאל האט אפגעלייגט דעם צוזאמענשטעל פונ׳ם פראטאקאל פון דער רעגירונגס־זיצונג כדי אויפצונעמען אבנ׳ען, מאסן האבן געיובלט צו אים אין די לאנדאנער גאסן. דער אויסערן מיניסטער האט נאך דאן ניט געזען ווי ווייט אלע צוזאגן זיינען גארניט ווערט, ער האט נאך ניט באמערקט אין דער דראסטישער ענדערונג ביי דער פראנצויזישער רעגירונג פון א פרא־ישראל׳דיקע אין א פיינטליכע פרא־אראבישע שטעלונג און זוכט נאר א סיבה כדי צו ווייזן פארן פראנצויזישן פאלק און פאר דער גאנצער וועלט איר אמת׳ן געזיכט. אזוינע אפטימיסטן ווי אבן זיינען טאקע געווען זייער וויניק, אבער זיינע געגנער האבן ניט געהאט קיין אלטערנאטיווע פארצולייגן אנטקעגן דעם גאנצן פאק מיט הבטחות וואס אבא אבן האט מיטגעבראכט פון אייראפא און אמעריקא. זיי האבן ניט געהאט וואס צו ענטפערן אבנען ווען ער האט דערציילט אז ווען מצרים האט פארמאכט די טיראן דורכגאנגען האט ער געשיקט פרעגן דעם גענעראל־שטאב פון צה״ל אויב ער איז בכוח צו פארזיכערן דאס צוריק עפענען פון טיראן, ווען ער וועט באקומען אזא באפעל. דער ענטפער פון גענעראל שטאב איז געווען נעגאטיוו. קיינער האט דעם נצחון ניט פאראויסגעזען. די אלע באמיאונגען פון ישראלדיקן אויסערן מיניסטעריום אויפן פאליטישן פראנט — האבן ניט אויפגעטאן גארניט, אבער אויפצוטאן עפעס אנדערש האט די רעגירונג ניט געהאט קיין מוט. ווען דער אויסערנמיניסטער האט אפגעגעבן דעם באריכט פון זיין רייזע אין אויסלאנד און האט פארגעלייגט אפצווארטן און ניט אנהויבן קיין שום מיליטערישע אקציע, האט מען אפגעשטימט נאך א שווערער דיסקוסיע און 9 מיניסטארן האבן געשטימט פאר דעם פארשלאג פון אבן, די איבעריקע, צווישן זיי לוי אשכול האבן געשטימט פאר א מיליטערי־שער אקציע. לויטן רעגולאמין איז אשכול׳ס שטימע איבערוויגענד, אבער ער האט ניט געהאט דעם מוט צו געבן זיין שטימע פאר א באשלוס לויט זיין מיינונג און די רעגירונג איז זיך צוגאנגען ניט באשליסענדיק גארניט. אזוי איז די „רעגירונגס שיף״ ווייטער געפארן אינ׳ם שטורעמדיקן ים אן א פירענדיקער האנט.

גרויסע טעג און קליינע מנהיגים

די לאגע איז געווארן אלץ מער געשפאנטער. די זיגעס געשרייען פון קאהיר האבן פארהילכט די אויערן אין ישראל. נאצר איז געגאנגען ווייטער און האט

אויסגערופן, אז דאס פארמאכן טיראן און ארויסטרייבן פון די אונא סאלדאטן איז נאר א אנהויב, יעצט פאדערט ער שוין אילת און דעם גאנצן געגענט פון ניצנה. „אונזער ציל איז קלאר, באפרייאונג פון פאלעסטין". אין דער זעלבער צייט האט אשכול באשלאסן צו ריידן צום פאלק, ער האט גערעט דירעקטביים אנהויב פון די נאכריכטן אין „קול ישראל" געשטאמלט און ארויסגערופן א זייער געדריקטע שטימונג ביים פאלק, ווען ער האט געזאגט: „מיר וועלן זיך פארטיידיקן ווען עס וועט אויסקומען, מיטן רעכט צו אייגענער פארטיידיקונג".

דאס איז געווען די צווייטע רעדע פון אשכול'ן בעתן קריזיס. צום ערשטן מאל האט ער גערעט דעם 22־טן מאי אין דער כנסת און האט פארגעלייגט צו אילימינירןביידע זייטן פון גרענעץ פון מיליטער, אלס לעזונג צו דער געשפאנטער לאגע. די שוואכע רעדע איז גאנץ גוט אויסגענוצט געווארן דורך די אראבער. ראדיא דמשק האט געזאגט אז די רעדע ווייזט אז די הערשער פון תל אביב זיינען פול מיט שרעק און בהלה. און ראדיא קאהיר האט ערקלערט זיינע צוהערער, אז ישראל זעט איין אז דאסמאל וועט זי ניט אויסהאלטן דעם קאמף, אליין אנטקעגן אלע אראבישע פעלקער. די כנסת קאמיסיע פאר אויסערן און פארטיידיקונגס פראגן האט זיך צוזאמענגעקליבן אויף מארגן נאך דער רעדע פון אשכול, און האט זיך ניט געקענט באפרייען פון איר ענטוישונג. און אויב די רעדע אין כנסת האט געוויזן אז ישראל האט דאסמאל פארלארן איר בעסטן געווער: איר אפשרעקונגס־קראפט, האט די רעדע אין „קול ישראל" אויפגעדעקט אלעמען דעם סוד אז די רעגירונג האט ניט קיין שום פאליטישע ליניע, קיין טעטיגקייטס־פלאן, קיין פעאיגקייט צו באשליסן קיין דרייסטקייט צו אנאליזירן קלאר די לאגע. א סאך וועלכע האבן זיך דערמאנט די רייד פון אשכול'ן אין אביחיל האבן געזאגט: „ד' ילחם לנו" ער, דער רבש"ע וועט זיין פאלק ניט פארלאזן. און איר, מיניסטארן פון דער מסוכנ־דיקער מדינה בעסער אז „תחרישון" איהר זאלט שווייגען. (המודיע).

די אויפרודערונג נאך אשכולס רעדע אין ראדיא איז געווארן אלץ שטארקער, אשכול האט געזאגט איינעם פון די מיניסטארן אז ער וויל זיך אפזאגן. ער איז ווארשיינליך ארומגעגאנגען יענע טעג פול מיט פארביטערונג ניט נאר אויפן דעמאקראטישן מערב וועלכער האט פאקטיש מפקיר געווען ישראל אין די הענט פון ישראל־ס טויט־שונאים וועלכע האבן אפן געזאגט אז זיי וועלן אונז פארניכטן, נאר ער איז אויך געווען פארביטערט אויף די בירגער וועלכע זיינען יעצט געשטאנען פאר א קאמף אויף לעבן און טויט. ער האט דאס ענטפלעקט דעם רעפארטער פון „ידיעות אחרונות" אין א ספעציעלן אינטערוויו „ווען ניט דער ווילן ניט צו פארשטארקן דער א געדריקטער שטימונג וואס האט דאן געהערשט אין פאלק, דעם עמא פוזיזא און אפילו אינם מיליטער, האב איך געקענט זיך ניט רעכענען מיט אלץ און טאן וואס עס איז געטאן געווארן מיטן

זעלבן רעגירונגס־צוזאמענשטעל, אבער די שטימונג האט ארומגענומען צו מיין באדויערן אויך מיניסטארן אין מיין קאבינעט".

אין שפיץ פון די מיניסטארן וועלכע האבן געפאדערט באפרייען אשכולן פון זיין אמט אלס פארטיידיקונגס מיניסטער האט זיך געשטעלט משה שפירא, דער אינערן מיניסטער, צו וועלכן אשכול האט א זאג געטאן: „דו ביזט געגן קריג, פאדערסט אויסצונוצן אלע פאליטישע מעגליכקייטן, און פון צווייטן זייט דריקסטו אויף מיר איבערגעבן דעם פארטיידיקונגס פארטפעל אין די הענט פון דיין, צוקאפטירן בגינען און ספירן צו דער רעגירונג, וועלכע האלטן אז עס איז ניטא קיין אנדער אויסוועג ווי מלחמה"? אבער שפירא און אנדערע האבן געשטאנען אויף זייערס אז מען דארף פארשטארקן דער רעגירונג, צוקאפטירן צו איר מענשן טעטיקע און באשלוס־פעאיקע. אין די שווער־געפרווטע טעג איז געווארן קלאר פאר א סאך מענשן, אז די רעגירונג איז אומפעאיק צו האנדלען, אז איר צוזאמענשטעל פאסט ניט צו דער גורל־דיקער צייט.

אבער אויב אין יענער צייט האט זיך ניט געוויזן קיין גרויסקייט אין דער ישראל־פירונג, האט זיך אבער ארויסגעוויזן איר שוידערליכע פארטייאישקייט, קליינקעפלדיקייט און געפערליכע עגאצענטרישקייט.

שוואכקייט און שרעק

„מיר דארפן ניט קיין שותפים צום זיג", האט אויסגערופן די גענעראל סעקרעטארין פון מפא"י־לאחדות העבודה, גב' גאלדע מאיר, ווען זי האט פארשריבן אלע נצחונות פון דער מלחמה אויפן חשבון פון איר פארטיי און אירע פארשטייער. מיט די א לאזונג האבען זיך ניט באנוצט די אפיצערן און סאלדאטן פון צה"ל ווען זיי האבן אנגעגריפן דעם שונא, מען האט איר ניט געלאזט הערן די הונדערטער טויזנטער מאביליזירטע סאלדאטן וועלכע האבן מיט מסירות נפש זיך געווארפן אויפן שונא און געפירט א קריג פון ווייניקע געגן א סאך א גרעסערן פיינט, אבער דער עגאאיסטישער וועג האט טריי געדינט דעם ווילן פון די הערשענדע קרייזן אין ישראל אין יענע שווער־געפרווטע טעג פאר דער זעקס טאגיקער מלחמה.

פון איין זייט זיינען די ישראל בירגער אויפגעפאדערט געווארן צו געבן פון זיך אלץ כדי צו ראטעווען דאס לאנד פון פארניכטונג, אבער פון צווייטן זייט איז אלץ געטאן געווארן כדי צו היטן די העגמאניע פון „מערך" (מפא"י־לאחדות העבודה) אין דער רעגירונג. סאלדאטן זיינען אויפגעפאדערט געווארן צו ריזיקירן מיטן לעבן, פליער זיינען געשיקט געווארן אין סאמע פייער, פאראשיוטיסטן זיינען געשיקט געווארן אין א זיכערן טויט, אבער די פאליטיקער האבן געארבייט שווער און ביטער כדי אויפצוהאלטן זייערע פאזיציעס, זייער כבוד און זייער פרעסטיזש.

די פאָדערונג פון דער אָפּאָזיציע צו באַמינירן דיין אַלס פאַרטיידיקונגס מיניסטער, וועלכע איז אונטערשטיצט געוואָרן פון די קלענערע פאַרטייען אין דער קאָאַליציע, די מפד״ל און די אומאָפּהענגיקע ליבעראַלן, האָט אַרויסגערופן באַלד אַ געגנערשאַפט ביי די חברים פון לאחדות העבודה אינערהאַלב דעם „מערך״, ווייל אויב עס מאַכט זיך אַ ליידיקער פאָרטפעל אין דער רעגירונג, דאַרף מען זיך אַנשטרענגען און אים פאַרכאַפּן, אויפן ערשטן אָרט שטייען די ענגע פאַרטיי אָדער קלייזל אינטערעסן, אויב אַשכול איז ניט פעאיק צו זיין דער פאַרטיידיקונגס מיניסטער און מפא״י האָט ניט קיין אַנדערן, דאַרף מען דאָס געבן די שותפים.

די מצרים האָבן זיך באַפעסטיקט אין סיני, זיינען אַריבער פון פאַרטיידיקונג צו אַ אַנגרייף פּאָזיציע, ירדן האָט זיך אַנגעשלאָסן אָן דעם אַנגריפס־פּאַקט, עיראַקישע מיליטער האָט געשטראָמט קיין ירדן און איז געווען גרייט צו מאַרשירן צום דריי־עק ביי די גרענעצן פון ישראל, קאָמאַנדאָ באַטאַליאָנען פון מצרים זיינען געקומען צופליען אין מערב זייט פון ירדן, די פּאַלעסטינעזער באַטאַליאָנען האָבן באַשאָסן די אידישע ישובים ביי דעם עזה־פּאַס. די פאַרשטייער פון די ליבעראַלע און מפד״ל האָבן געדראָאָט צו פאַרלאָזן די קאָאַליציע און ברענגען אַזוי אַרום צו אַ רעגירונגס־קריזיס דווקא אין די געפערליכע טעג, אויך מפ״ם האָט זיך אַנגעשלאָסן אָן דער פאָדערונג צו פאַרברייטערן דער רעגירונג, אָבער די פאַרשטייער פון „מערך״ האָבן וויטער „העלדיש״ געקעמפט געגן, די וועלכע האָבן ניט געקענט באַשליסן און עפּעס טאָן געגן די אַראַבישע לענדער וועלכע האָבן באַלאַגערט ישראל, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס גוואַלדיקע קעמפער אויפן אינערן־פאַרטייאישן פראָנט. נאָר אין דער לעצטער מינוט איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ רעגירונגס־קריזיס.

צו האָט טאַקע דיין אַזוי געוואָלט אַ מיליטערישע אַקציע? ווען דיין איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאַרטיידיקונגס מיניסטער האָט מען אים געפרעגט וואָס ער זאָגט וועגן דער לאַגע, צו דאַרף ישראל אָנהויבן אַ פאַרטיידיקונגס אַקציע, האָט ער געענטפערט — „יעצט איז אָדער צו פריה אָדער צו שפּעט, אָדער מיר האָבן געדאַרפט רעאַגירן גלייך ווען די אַראַבער האָבן אונז באַלאַגערט אָדער בעסער לאָמיר יעצט וואַרטן און זען די פאָלגן פון די דיפּלאָמאַטישע באַמיאונגען״.

אין די קולאַרן פון כנסת איז דערנסטמאָל געשטאַנען דוד בן־גוריון און געפאָדערט צו וואַרטן, וואַרטן געדולדיק און ניט אַרויסגיין אָן שותפים אין קאַמף געגן אַלע אַראַבישע לענדער. עס איז טאַקע ריכטיק, האָט ער געזאָגט, מיר האָבן אַרונטערגעשאָסן 7 סירישע מיגן אין אַ לופט־קאַמף, אָבער זיי זיינען אַרויס אין קאַמף געגן צענדליקער ישראל אַעראָפּלאַנען, די מערצאָל איז שטענדיק איבערוויגענד, און אין מלחמה האָבן די אַלע אַראַבישע לענדער מער אַעראָפּלאַנען

ווי מיר. אויך בן־גוריון דער לערער און וועג־ווייזער פון דיין איז געוועזן מער אדער ווייניקער זיכער אין די פאלגן, די ישראלים וועלן קעמפן ווי לייבן, ווי עס איז וועלן זיי בייקומען, אבער דער פרייז וואס מען וועט דארפן צאלן וועט זיין צו טייער פאר אזא קלייניקער מדינה ווי ישראל, וועלכע האט ניט קיין איין ארט וואס זאל קענען זיין אויסערן קריג.

די שלאכטן האבן זיך געענדיקט. די קורצע מלחמה האט זיך געענדיקט ווי עס איז. דאס לאנד איז געווארן גרעסער אכטמאל אזויפיל, די אראבישע קרעפטן זיינען צושלאגן געווארן די קאנצענטרירטע מיליטער פון מצרים איז ניט צוריקגע־צויגן געווארן, ווי אשכול האט געפאדערט, נאר פשוט פארניכטעט געווארן. און יעצט זיינען אלע געווארן קליגער פון קלוג, פאראויסזאגער, וואס האבן שוין אלץ געוואוסט פאראויס. ס׳האט אפגעלאזן די געשפאנטקייט, די אנגעצויגענקייט און די שרעק און מיט דעם, איז פארשוואונדען געווארן אויך דער זכרון וועלכער זאל אונז צוריק דערמאנען, די דערשלאגענקייט און די אומבאהאלפענקייט וועלכע זיינען ענטפלעקט געווארן ביי די רעגירענדע קרייזן אין יענע שווערע טעג פון פאר דעם זעקס־טעג־קריג.

עלפטער קאפיטל

נאר ג-טס האנט האט עס געמאכט

די אראבער וועלן עס ניט פארשטיין

דער רעדאקטאר פון „אל אהראם״ חסנין הייכל, דער בעסטער פריינט און ווארט־זאגער פון נאצער שרייבט אין זיין צייטונג, נאר צוויי וואכן נאך דער גרויסער מפלה:

„דאס וואס איז געשען מיטן מצרישן לופט־פלאט אין די מארגן שעהן פון 5טן יוני, איז געווארן א שיקזאל־זאך, וועלכער האט צונישט געמאכט אלע אויסרעכענונגען וואס זיינען געמאכט געווארן אין פאל פון א קריג און שטיל געלייגט אלע זיינע מעגליכקייטן. די דאזיקע קאטאסטראפע וועט נאך דינען אלס פארשונגס־מאטעריאל, מען וועט עס לערנען און ניט פארשטיין. ס׳איז א ספק אויב עס איז שוין געוועזן אמאל אזא פרעצעדענס און ס׳איז א ספק צו אזא פאל וועט זיך נאכמאל איבערחזר׳ן וואו עס איז אין דער וועלט. עס איז קיין סוד ניט געוועזן, אז דער לופט פלאט האט געדארפט שפילן א גרויסע ראליע אינם קאמף פון ישראל געגן מצרים. נאכן קריג פון 1956 האבן סיי מצרים און סיי ישראל געלייגט גרויס געוויכט אויפן לופט־פלאט און עס איז קיין סוד ניט גיוועזן אז דער מצרישער לופט־פלאט וועט זיין דער ערשטער און חשוב־סטער ציל פאר דער אנגרייפענדיקער ישראל און ס׳איז קיין אונטערשייד ניט ווער עס וועט אנהויבן דעם קריג. האט מען דען געקענט אננעמען אז דעם ערשטן קלאפ וועט ישראל געבן קאהיר אדער אויפן פארט אין אלעקסאנדריע און אין דער זעלבער צייט מפקיר זיין איר גאנצע מיליטער אין סיני פאר א קאנצענטרירטער באמבארדירונג פון מצרישן לופט־פלאט? האט זיך ישראל געקענט ערלויבן צו געבן דעם ערשטן שאס און פאראויס מארשירן אויף סיני, אין דער צייט ווען איר קליינער שטח, שמאל און ערטער־ווייז צוברעקלט, אפן און ארומגערינגלט מיט פיינטליכע סאלדאטן, בלייבט אפן פאר א לופט אנגריף?

און נאך עפעס: די צייט פונ׳ם אנגריף פון ישראל לופט־פלאט אויפן מצרישן לופט פלאט איז ניט געוועזן קיין סוד, עס איז געוועזן פאראויסגעזען אז דער אנפאל וועט קומען, אין פארלויף פון די נאענטסטע טעג. עס איז ניט געוועזן קיין אנדער אויסוועג פאר ישראל ווי צו אנגרייפן מיט געווער. ווייל לויט די געשעענישן פון נאך דעם 14טן מאי, ווען עס איז ענטדעקט געווארן דער

ישראל פלאן אנצוגרייפן סיריע, איז דער גאנצער באזיס פון דער ישראל פארטיידיקונג צוטרייסלט געווארן, ישראל האט ניט געקענט ווארטן א לאנגע צייט ביזן געבן דעם ערשטן קלאפ, ווייל זי איז ניט געווען בכוח אויסצוהאלטן די שווערעווירטשאפטליכע און געזעלשאפטליכע לאסט פון א אלגעמיינער מאביליזאציע".

די זאך איז נאך הארבער, נאכדעם ווי עס איז שפעטער קלאר געווארן, אז נאצער האט אויף דער זיצונג פון דעם גענעראל שטאב פון די באוואפענטע כוחות פון מצרים פונם 2טן יוני געווארנט אויסדריקליך אז די ישראל'דיקע אטאקע וועט צושטאנד קומען אין משך פון 84־72 גאנצע שעהן, דאס הייסט אז די סכנה וועט דערגרייכן איר העכסטן גראד מאנטיק, און דער מצרישער לופט פלאט וועט זיין דער ערשטער ציל פונם אידישן אנגריף. "עס איז, הייסט עס ניט געווען קיין סוד, אז דער לופט פלאט וועט זיין דער דאמינירענדער פאקטאר אינם קאמף. עס איז אויך ניט געווען קיין סוד אז דער לופט פלאט וועט זיין דער ערשטער און וויכטיקסטער ציל, כדי ניט צודערלאזן ער זאל געבן דעם צווייטן קלאפ. אויך די צייט פונם ערשטן קלאפ פון אידישן לופט־פלאט איז הייסט עס, ניט געווען קיין סוד, מען האט געווארט אויפן ישראל'דיקן לופט פלאט. און פונדעסטוועגן, ווען דער קלאפ איז געקומען, זיינען געווען זיינע פאלגן דערשיטערנדיקע און דאס איז געווען א מין „ארייגפיר" צו דער שווערער מפלה".

„פארוואס ? איך בין מודה אז אויף א סאך פראגן האב איך ביז יעצט ניט געפונען קיין ענטפער, עס זיינען דא א סאך רעטענישן און פראגן וואס זיינען פארבונדן מיט דער פראגע: וואס איז געשען מיטן מצרישן לופט־פלאט אין דעם שווארצן פרימארגן פון 5טן יוני. דאס מערקווירדיקסטע איז, אז מיר זיינען געווען אזוי זיכער אין אונזער נצחון, אז מיר האבן אפגעזאגט הילף וואס איז אונז פארגעלייגט געווארן, אזוי זיינען אונזערע קעפ געווען פארדרייט. אלס ביישפיל וועל איך דערמאנען, אז מיר האבן באקומען ידיעות פון פריינטליכע לענדער, ניט רוסלאנד, אז ישראל'דיקע אעראפלאנען האבן געמאכט א לופט אויסשפיר איבער מצרים אין דער נאכט פון 1טן יוני און זיי האבן דערפלויגן ביז די פארשטעט פון קאהיר. די דאזיקע נאכריכטן זיינען באלד איבערגעשיקט געווארן צום גענעראל־שטאב הערן זיין רעאקציע, דער ענטפער איז געווען: ס'איז ניט ריכטיק, און מען טאר יעצט ניט צווייפלען אין אונזער פארטיידיקונגס סיסטעם. אבער שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן, אז די ידיעות זיינען געווען ריכטיקע, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט כדי אויסצונוצן דאס".

העכער פון מענשליכן פארשטאנד

און חאסנין הייכל זעצט פאר די רייה פון די אומפארשטענדליכקייטן

וואס קיין מענש איז ניט בכוח עס צו ערקלערן די הערשער פון מצרים, ער שרייבט:

„פארוואס איז אונזער סטראטעגישע פאנטאזיע געווען אזוי באגרענעצט, אין דער צייט ווען דעם שונאס פאנטאזיע איז געווען אזוי רייך? מיר האבן זיך ניט פארגעשטעלט אז דער שונא וועט פרוון אויספירן מיט איין קלאפ דאס וואס דער סטראטעגישער שטאב פון ענגלאנד האט געמאכט אין יאר 1956 מיט די „קאנבערא" עראפלאנען וועלכע זיינען געקומען פון זייער באזיס אין ציפערן, דאס וואס דער שונא האט געטאן אונז אין יאר 1967 איז ניט אנדערש פון די פלענער וואס זיינען אויסגעארבייט געווארן דורך דעם ענגלישן־פראנצויזישן שטאב אין יאר 1956, נאר מיט איין אויסנאם, דער אינוואזיע אין פארט־סאעיד. דער פלאן איז געווען דער זעלבער: פריער א קלאפ אויפן לופט פלאט, נאכדעם א אנגריף פון די פאנצער דיוויזיעס אין דריי הויפט־אקסן. בנוגע דעם קלאפ פון לופט פלאט, זיינען געווען אזעלכע וואס האבן געזאגט אז דאס האט דער שונא געקענט מאכן נאר איינמאל אבער ער איז ניט געווען בכוח נאכמאל דאס צו מאכן צוליב דעם מאנגל אין עראפלאנען און די וויטעניש, פונדעסטוועגן האט דער שונא ניט אויפגעהערט צו שטורמען און קלאפן נאכאנאנד".

און נאך א פראגע וואס אויף איר איז ניטא קיין ענטפער: פארוואס האבן אלע אונזערע הויכע שטאבס־אפיצערן זיך געפונען, אין דעם שווארצן מאנטיק אינדערפריה אין דער לופט אויף וועג פון קאהיר קיין סיני, מען האט דאך זיי געווארנט אז די יידישע אטאקע קען זיך אנהויבן אלע ווייל, איז דוקא אין דעם טאג האבן זיי געדארפט פליען? זיי האבן דאך אין דעם טאג געדארפט זיין גרייט צו דער ישראל'דיקער אקציע, לויט די געגנויסטע אפשאצונגען, פונדעסטוו־עגן האט א מיליטערישער עראפלאן אפגעפלויגן יענעם מאנטיק אכט א זייגער אינדערפריה פון איינעם פון די מיליטערישע לופט־פלעצער ביי קאהיר און דארט האבן זיך געפונען פילדמארשאל עאמר, דער קאמאנדיר פון לופט פלאט און הויכע אפיצערן פון גענעראל־שטאב. זיי זיינען געפלויגן צום פליה־פעלד אין תמדה אין סיני. די אפיצערן וואס האבן זיך געפונען אין קאהיר האבן זיך אלע צוזאמענגעקליבן אויפן לופט־פעלד אין קאהיר, כדי זיך צו געזעגענען פון די אפפליענדיקע און אין תמדה האט מען געווארט אויפן אנקומען פון די קאמאנדירן פון די דיוויזיעס אין סיני, דעם קאמאנדיר פון פראנט און זיין שטאב. אבער איידער זיי זיינען געקומען קיין תמדה האבן די הויכע אפיצערן באקומען א מעלדונג אז דער פליה־פעלד ווערט באמבארדירט פון ישראלדיקע עראפלא־נען, זיי האבן געפרווט פליען צו א אנדער לופט־פעלד, אבער דער איז אויך שוין געווארן באמבארדירט. זיי האבן ניט געהאט קיין אנדער ברירה ווי זיך אומקערן קיין קאהיר אויפן אינטערנאציאנאלן פלוג־פלאץ נאך א אנדערטהאלבן שעה־דיקן פלוג. אין דער שטיקל צייט זיינען געשען אזעלכע געשעענישן וואס

האבן צונישט געמאכט אלע פרוון צו שיקן עראפלאנען כדי חאטש צו געבן דעם צווייטן קלאפ, וועלכער איז געפלאנט געווארן, און הייכל פרעגט ווייטער: „פארוואס האט מען געפרווט באהאלטן די פארלוסטן פונ׳ם לופט פלאט פון דער רעגירונג, וועלכע האט געקענט, אפשאצענדיק שנעל דער לאגע, געבן נייע אינסטרוקציעס צוגעפאסט צו דער ניי־געשאפענער לאגע? פארוואס האט מען געפרווט איבערשאצן די פארלוסטן פון שונא? עס זיינען פאראן נאך א סאך פראגן און רעטעניש׳ן אויף וועלכע עס איז ניטא קיין ענטפער לויטן נארמאלן מענשליכן שכל״.

חאסנין הייכל האט טאקע ניט קיין ענטפער אויף דאס וואס איז געשען דעם פינפטן יוני, אבער חאסאן דער קעניג פון מאראקא האט געזאגט צו זיין פאלק אין זיין רעדע אין ראדיא גלייך נאך דער גרויסער אראבישער מפלה: „פארוואס זאלן מיר זיך אפנארן, ג־ט האט עס געמאכט, ער האט באצאלט די אראבער פאר זייערע שווערע זינד״. אויב אבער עס איז געווען אין די רייד פון מאראקאנישן קעניג א דורכזיכטיקער פאליטישער פאדים, האט אבער דער מצרישער הויכער אפיצער גערעט פון הארצן, ניט פארדרייט און אן פאליטיק ווען ער האט געזאגט בעת מען האט איהם אין געפאנגען גענומען אין רפיח: „איר אידן זיינט שדים גבורים אויב כ׳וועל אפילו לעבן 1000 יאר וועל איך ניט קענען פאר זיך ערקלערן וואס איז דא אייגענטליך געשען, האט דער אפיצער געמורמלט אונזער געווער האט ניט געשאסן דוקא אין די קריטישע מאמענטן און איר האט שטענדיק געטראפן אין ציל אפילו אליין ניט וויסענדיק, וואס קען מען טאן, מיר זיינען באזיגט געווארן, ווייזט אויס אז אלל־ה איז מיט אייך, איך גיב זיך אונטער, איך גיב זיך אונטער, איך גיב זיך אונטער״.

וויניקע קעגן פיל מערערע

און באמת, ניט נאר די מצרישע טאנקן, ועמענס פייער איז געווען פיל שטארקער ווי דאס פייער פון די אידישע טאנקן, האבן ניט געשאסן, ניט נאר די הארמאטן זיינען קאליע געווארן, די ראקעטן האבן ניט געפלויגן, נאר אויך ירדן און סוריע האבן באקומען א טיילווייזן פאראליזש, די אראבישע כוחות וועלכע האבן איבערגעשטיגן די אידישע אויף אלע פראנטן, האבען אויף קיין איין פראנט ניט אויסגעהאלטן דעם ישראל־דיקן אנגריף, עס איז קיין ספק ניט אז די ישראל־דיקע כוחות האבן באקומען דירעקטע הילף פון איבערנאטירליכע קרעפטן.

גדי, דער יונגער סרן איז געווען פאראנטווארטליך אויפן אידישן כוח וואס האט מארשירט אויף די וועגן פון סיני צו די מיטלע דורכגאנג, כדי אנצוקומען צום פארקער דענקמאל וואס איז נאענט צום קאנאל, כדי ניט צו דערלאזן אז די צושלאגענע מצרישע כוחות זאלן קענען צוריקלויפן קיין מצרים, כדי זיי

צו פארניכטן אדער געפאנגען נעמען איידער זיי דרייען זיך ארויס פון צה״ל׳ס הענט. ער, גדי דער אידישער אפיצער קען ניט פארשטיין ווי אזוי האט עס זיך אים איינגעגעבן נאר מיט ניין טאנקען צו דערגרייכן זיין ציל און אפהאלטן דאס אריבערגיין פון הונדערטער טאנקען, הארמאטן און געפאנצערטע אויטאס, פול מיט טויזנטער מצרישע סאלדאטן און אפיצערן, וואס זיינען געווען הונדערט מאל מער פון אים.

נעבן דעם צווייטן, קלענערן מיטלע, האט זיך אויסגעשפרייט א אנדער ישראל־דיקער כוח און דער קאמאנדיר פון ישראל־דיקען באטאליאן וואס האט איינגענומען דעם ארט, האט בשום אופן ניט געקענט פארשטיין פארוואס קיין איינער פון זיינע טאנקען האט ניט באקומען אפילו א קליינעם קראַץ, חאטש אויף אים איז געשאסן געווארן פון אלע זייטן מיט א שטארקן פייער און זיינען געווען פיל נענטער צום מצרישן פייער ווי די מצרישע — פון זיינעם.

דארט זיינען געשטאנען 9 ישראל־דיקע טאנקען, זיי האבן געהערט צום קאמאנדיר פון דער אפטיילונג, גדי, ניט אלע זיינען דערקראכן צום ציל אליין. דערציילט גדי: „דריי טאנקען האבען זיך שוין ניט געקענט רירן, מיר האבן זיי צוגעבונדן מיט שטריק צו אנדערע טאנקען און אזוי זיינען מיר געפארן פאר די אויגן פון די מצרישע סאלדאטן וועלכע האבן נאר געזוכט א וועג ווי צו אנטלויפן פון אונז, און ס׳איז מיר ניט פארשטענדליך, פארוואס האבן זיי אויף אונז ניט געשאסן און פארניכטעט״.

צו די ענדע צילן זיינען די כוחות פון צה״ל געקומען מיט אן א שיעור נצחונות וועלכע האבן זיך אנגעהויבן שוין אין די ערשטע שעה־ן פון קריג, ביי די ערשטע אנגריפן אויף די מצרישע כוחות. א הויכער מצרישער אפיצער האט געזאגט ווען מען האט אים געפאנגען גענומען: „איך ווייס ניט צו איר זענט העלדן, אבער אז איר זענט ניט קיין נארמאלע מענשן, איז מיר קלאר, איר האט אונז צובראכן שוין אין ערשטן טאג אזוי אז די היסטאריע וועט קיינמאל ניט געפינען קיין אויסטייטש פאר דעם. מיר ווייסן אז אונזער כוח איז פיל גרעסער פון אייערן, פונדעסטוועגן האט איר אויף אונז אנגעווארפן א פחד אז מיר האבן גארניט געקענט טאן״.

צו זייער ציל זיינען די צה״ל סאלדאטן דורכגעגאנגען דורך ריזיקע פעסטונגען, וועלכע זיינען געווען בכוח אויסצוהאלטן חדשים לאנג געגן פיל גרעסערע כוחות, פעסטונגען ווי ג׳בל ליבני, ביר גפגפה זיינען געבויט געווארן אזוי אז זיי זיינען געווען בכוח אויסצוהאלטן די שווערסטע אנגריפן, אבער זיי זיינען געפאלן אין פארלויף פון עטליכע שעה. אין דעם אומאפהענגיקייטס קריג האבן די מצרישע כוחות זיך געהאלטן אין די זעלבע פלעצער א לאנגע צייט, אין סיני קריג האט צה״ל שטארק זיך געמאטערט ביז מען האט איינגענומען די שטארקע פעסטונגען פון סיני, דאסמאל זיינען די מצרים געווען בעסער באוואפנט,

בעסער געלערנט, א גרעסערער צאל סאלדאטן האט זיך געפונען דארט, די פעסטונגען פיל שטארקער ווי אין אלע פריערדיקע צייטן, פונדעסטוועגן האבן זיי ניט געקענט זיך האלטן א ביסל לענגער ווי עטליכע שעה, זיך שנעל אונטערגעגעבן, אזוי שנעל אז אפילו די אנגרייפער האבן זיך געוואנדערט, די מצרים זיינען אנטלאפן נאך איידער זיי האבן אויסגענוצט זייער געווער און אמוניציע און איבערגעלאזט פאר צה״ל אוצרות מיט געווער און אמוניציע.

געווער און אמוניציע פון א גאנצער מצרישער דיוויזיע, נאך פארדעקט מיט פארהילונגס־נעצן, איז נאך דער מלחמה געפונען געווארן אין די קוראיה דורכגאנגען אין צפון־מזרח פון דעם מיטלע. צווישן זיי נאך ניט גענוצטע טאנקן, מיט שווערן ניט דורכלעכערדיקן פאנצער פון טיפ סטאלין ט־54 און ס. יו־100. גאנצע סקלאדן מיט געווער און אמוניציע פון אלע סארטן, די סאלדאטן פון דער דיוויזיע צוזאמען מיט די אפיצערן זיינען אנטלאפן ניט פרווונדיק אפילו זיך צו באנוצן מיטן געווער.

דער מצרישער לופט־פלאט איז טאקע געווארן פארניכטעט, אבער דער ים־פלאט פון מצרים שטארק און גוט אויסגעבויט האט ניט פארלארן פיל פון זיין קראפט, פונדעסטוועגן האט ער אפילו ניט געפרווט אנצוגרייפן, אטאקירן די יידישע פארטן און די צענטראלע ישובים וואס ליגן אין דער לענג פון ברעג־ים. עס איז ניט געמאכט געווארן דער קלענסטער פרווו צו שטערן די ים־קאמוניקאציע, וואס איז אזוי לעבנס־וויכטיק פאר ישראל במשך די זעקס טעג פון קריג.

בעאבאכטער פון מזרח און מערב האבן ניט געקענט אויפקלערן נאך א רעטעניש: פארוואס זיינען ניט אויסגעשאסן געווארן די מערדערישע ראקעטן וואס מצרים האט געהאט. די ערד־לופט ראקעטן „סאם 2״ זיינען געשטאנען גרייט צום שיסן. א גאנצע רייה פון נייע ראקעטן האט צה״ל פארכאפט, די ראקעטן זיינען שוין געשטאנען גרייט אויף די ספעציעלע אפשיקונג׳ס פלעצער כדי צו פארניכטן דעם ישראל־דיקן לופט־פלאט. און קיינער קען ניט פארשטיין פארוואס האט מען זיך ניט גענוצט מיט די ראקעטן אין די גורל־דיקע שעה׳ן פון די קאמפן, ווען דער מצרישער פראנט איז צוזאמענגעפאלן פון די קלעפ וואס זיי האבן באקומען פון דעם יידישן לופט־פלאט?

דער שטאלץ פון מצרים אין די לעצטע יארן זיינען געווען די ראקעטן „אל קהיר״ און „אל זאפר״. מיט וועלכע די מצרישע פראפאגאנדע האט זיך בארימט אז זיי קענען טרעפן יעדן ציל אין ישראל. ראקעטן באזיסן זיינען אויפגעשטעלט געווארן אין דער דעלטא פון נילוס, ארום קאהיר און אויף די ברעגן פון סועץ־קאנאל. די מיליטערישע קרייזן אין קאהיר האבן נאך דער מלחמה געטענה־ט, אז ראקעטן זיינען געשאסן געווארן מאנטיק אין ערשטן טאג פון קריג און מיטוואך. אבער א פאקט איז אז קיין שום ראקעטע האט אין ערגיץ

ניט געטראָפן ביט אין ישראל און ניט אין די ערטער וואו מען האָט געקעמפט. דאָס געווער וואָס האָט אַנגעוואָרפן אַזאַ פּחד אויף ישראל און אויף אַלע אירע פריינט אין דער וועלט, האָט ניט געטויגט דווקא דאַן ווען מען האָט אים געדאַרפט. קיין שום ערקלערונג איז ניט געגעבן געוואָרן אויף דער ערשיינונג, און עס איז געבליבן אַ רעטעניש ביז היינט. סיידן אַ העכערער כוח האָט דאָ געווירקט.

מען דערציילט

ישראל, איז אַ רעזערוו־סאָלדאַט, אין ציווילן לעבן איז ער אַ שאָפער פון אַ טאַקסי, ער איז מאָביליזירט געוואָרן גלייך ביים אויסברוך פון קאַמף אין אַ פאַראַשיוטיסטן אָפּטיילונג וועלכע האָט געדאַרפט איינעמען די דורכגאַנגען פון טיראַן, נאָכדעם ווי מען וועט זיי אַרומטערלאָזן דאָרט. ישראל איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה צו זיין געוויינטליכער אַרבייט. די „חברה" האָט אים אויפגענומען מיט געלעכטער, נו, האָבן זיי געלאַכט פון אים, האָסט צוריקגעבראַכט אַלע קוילן וואָס מען האָט דיר געגעבן, אָדער אפשר האָסטו אַריינגעכאַפּט דערווייל צו שיסן אויף אַ פויגעלע און מאַכן אַ אַנשטעל פון אַ גרויסן קעמפער, האַ?

די חברה האָט געמאַכט חוזק פון אים, ווייל מען האָט געוואוסט אַז עס איז ניט אָפּגעגעבן געוואָרן אפילו קיין איין שאָס ביים איינעמען שרם־אַ־שייך. דער מצרישער באַטאַליאָן וואָס האָט געהיט דעם אָרט איז אַנטלאָפן נאָך איידער די פאַראַשיוטיסטן זיינען געקומען. די סאָלדאַטן זיינען גאָרניט אַרונטערגעשפרונגען פון די „נאָרד"ן זייערע, זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון די עראָפּלאַנען ווי וואויל־געפּילטע געסט אויף אַ לופט־פּלאַץ.

אָבער ישראל האָט זיך גאָרניט אָפּגעשראָקן פון דעם חוזק. הערט, האָט ער געזאָגט, איך בין ניט קיין פרומער, אָבער אויב עמיצער וועט מיר היינט זאָגן אַז עס איז ניטאָ קיין ג־ט אויף דער וועלט וועל איך אים צופליקן דאָס געזיכט.

— וואו האָסטו געפונען ג־ט, אין טיראַן?

— יאָ! אין טיראַן! גלייך נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן, האָט מען געשיקט מיר מיט נאָך אַ סאָלדאַט פון נתני־ה צו פּאַטראָלירן דעם געגנט. מיר האָבן זיך דערווייטערט אַ צוויי קילאָמעטער, און אַ מצרישער פּאַנצער אויטאָ פול מיט סאָלדאַטן איז דערשינען פאַר אונז און די מיילער פון מאַשינען — געווערן שטשירען אויף אונז די ציינער פון אַלע זייטן, און מיר האָבן נאָר לייכטן געווער און אַ ביסל קוילן וועלכע וואָלטן ניט געסטאַיעט אָפּצוהאַלטן דעם פּאַנצער־אויטאָ אפילו אויף אַ מינוט.

נו זאָג איך צו מיר, ישראל'יק, ביזט ערליידיקט, אודאי האָבן זיי אונז באַמערקט, אַז זיי שטייען נאָר אַ 40־30 מעטער פון אונז. דאָס איז אַ אודאי

א אויסשפיר אפטיילונג וואס קומט אויסשפירן איידער עס קומט דער עיקר־דיקער כוח. מיר זיינען פארפאלן. אנטלויפן צוריק צום לאגער קענען מיר שוין ניט, זיינען מיר געבליבן שטיין און געווארט אויף א שאס, די ביקסן האבן מיר אנגעשטעלט סתם אזוי, פון יוצא־וועגן, מער פון רעזיגנאציע ווי זיך צו פארטיידיקן, מיר האבן דאך געוואוסט אז די מצרים וועלן זיך ניט שפילן מיט אונז..

אבער די מצרים האבן ניט געשאסן, זיי זיינען אויך געבליבן שטיין. אפשר איז דאס א פאסטקע? אפשר זיינען עס אונזעריקע איבערגעטאן ווי מצרים? ווארום אויב ניט, פארוואס שיסן זיי ניט, מיר האבן באשלאסן זיך דערנעענטערן שנעל צום פאנצער־אויטא, מיר זיינען געגאנגען שנעל אבער זייער פארזיכטיק, און מיר געפינען דארט 18 מצרישע סאלדאטן, באוואפנט מיטן געווער אין די הענט, זיי זיצן ווי פארשטיינערט, א אימה קוקט פון זייערע אויגן, זיי קוקן אויף אונז מיט מורא־דיקע שרעק ווי זיי וואלטן זיך ביי אונז געבעטן רחמים. איך ווייס ניט ווי אזוי, אבער איך האב געהערט מיר אליין שרייען: הענט אינדערהויך, הויבט די הענט! און גלייך האבן אלע מצרישע סאלדאטן א ווארף געטאן דאס געווער און מיט אויפגעהויבענע הענט האבן מיר זיי געפירט אין געפאנגענשאפט, איך האב געפרעגט דעם אונטעראפיצער וואס איז געגאנגען נעבן מיר: פארוואס האט איר אויף אונז ניט געשאסן? אבער יענער האט געשטאמלט:

— איך ווייס ניט, די הענט זיינען פארגליווערט געווארן, ווי געליימט, איך בין אינגאנצן געווען געליימט, כ'ווייס ניט פארוואס...

עס האט זיך ארויסגעוויזן אז די מצרים האבן ניט געוואוסט אז טיראן איז ביי אונז אין די הענט, זיי האבן זיך אומגעקערט פון א פאטראל אינ'ם געגנט. פארוואס זשע האבן זיי אונז ניט געשאסן? האב איך ניט קיין ענטפער, איז ווי וועט איר זאגן, אז ג־ט האט אונז ניט געהאלפן..

א סמל דערציילט

דער תל־אביבער שאפער איז ניט קיין איינצלנער מיט זיין דערציילונג. אזוינע פאלן האבן געטראפן אהן א שיעור אויף אלע פראנטן, ממש אומגלויבליכע דערציילונגען האבן געבראכט סאלדאטן וואס זיינען געקומען פון פראנט. פון די קאמפן מיט ירדן איז צוריקגעקומען א ירושלימער סמל, דוד הייסט ער, און ער הערט ניט אויף צו טענה'ן אז דער הימל אליין האט געבונדן די הענט פון די אראבער, דער א ירושלימער סמל האט א זין פאר הומאר, ער דערציילט:

„מיר איז געווען אנגענעם צו הערן די דערציילונג פון מיין זיידן וועלכער האט געזען ווי א טערקישער סאלדאט אין דער צייט פון דער טערקישער הערשאפט, פירט אליין עטליכע הונדערט אראבישע פאגראמטשיקעס כדי זיי

צו באשטראפן אין ירושלים. דער אייגציקער טערקישער סאלדאט איז געריטן אויף א פערד מיטן ביקס אין האנט און די אראבער גייען אים נאך מיט הכנעה און קיינער פון זיי האט אפילו ניט געטראכט אנטלויפן אדער זיך געגנשטעלן, ווי האט ער זיי געפירט? ער איז געקומען מיט זיין פערד אין דעם אראבישן דארף, האט באפוילן אלע מענער זיך צוזאמענקלייבן, האט פארבונדן יעדע רעכטע האנט פון איינעם צו דער לינקער פון צווייטן, האט צוגעבונדן דעם ערשטן מיט א שטריק צום פערדישן עק, און אזוי רייטענדיק איז ער געקומען קיין ירושלים.

יעצט, זאגט דער סמל, האט מען ניט געדארפט אז א טערק זאל בינדן די הענט פון די אראבער, ד׳אסמאל האט דער הימל געבונדן זייערע הענט. נאך ג׳ענין האבן מיר פאראויסמארשירט אויפן שאסעע וואס פירט צום מערב זייט פון ירדן, ערשט מען שיסט אויף אונז פון א פרדס. כ׳האב געמיינט אז א סאלדאט אדער סתם אן אראבער האט זיך פארוואלט אויסנוצן זיין געווער, האב איך באפוילן מיינע סאלדאטן צו מארשירן ווייטער און איך בין אליין אריין אין פרדס, וואס מיינט איר, האב איך דארטן געפונען? א פערציק צוויפגעלאפענע באוואפנטע אראבישע סאלדאטן פון דעם ציוויל־שוץ האבן זיך דארט צוזאמענגעקליבן, איך בין געבליבן שטיין א צוטומלטער, נו, דא איז מיין סוף, האב איך געטראכט און זיך אליין געזידלט וואס כ׳האב זיך אליין אריינגעדרייט אין א צרה, אבער איך וועל זיך ניט אונטערגעבן אזוי לייכט, האב איך באשלאסן, כ׳וועל קעמפן ביזן לעצטן קויל. בקיצור, איך האב ניט געדארפט קעמפן און ניט געדארפט שטארבן, עמיצער האט געבונדן די הענט פון די אראבער, איך האב נאר געדארפט פארענדיקן די מלאכה״.

דאס סירישע מיליטער האט זיך זייער גוט צוגעגרייט צום קאמף געגן ישראל, האט אויסגעבויט ערשטקלאסיקע באפעסטיקונגען ארום דעם סירישן פלאטא, זיך באוואפנט מיטן בעסטן און נייסטן געווער, דער סירישער גענעראל־שטאב האט געפלאנט א מלחמה דוקא אויף ישראל־דיקן באדן, געפונענע מפות און פלענער האבן באשטעטיקט אז סיריע האט אויסגעארבייט א פלאן מיט אלע איינצלהייטן ווי אזוי אנצוגרייפן ישראל איבער לבנון. לויט דעם דאזיקן פלאן האט א געפאנצערטע דיוויזיע מיט צוקאפטירטע כוחות זיך געדארפט דורכרייסן דורך לבנון, אפילו אן איר ערלויבעניש, אטאקירן פלוצלונג דעם געגנט פון עכו דורכן ים און אזוי ארום זיך דערנענטערן צו חיפה. אין דער זעלבער צייט האט א אנדער דיוויזיע געדארפט אטאקירן משמר הירדן און פון דארטן גיין אויף נצרת, אויף איין אקס איז ארויפגעלייגט געווארן די אויפגאבע פריי מאכן א טייל און אפדרייען זיך אין דער ריכטונג צו עפולה און איינגעמען עמק יזרעאל. אויב מען מעג צווייפלען צו די סירער האבן געקענט אויספירן זייער פלאן אין דער צייט וואס זיי האבן באשטימט, איז אבער קיין צווייפל ניט אז א פרוו האבן זיי געקענט מאכן. זיי האבן געהאט גענוג כוחות, די טאפאגראפישע

לאגע איז געווען פאר זיי זייער גינסטיק, דער גרעסטער טייל פון צה״ל האט געקעמפט דאן אין סיני און אויף די גרענצן פון ירדן און אין ירושלים. דער סירישער כוח וואס איז געווען גרייט צום אנגריף אויפן צפון פון לאנד איז געווען א סאך מאל שטארקער פון דעם ישראל־דיקן כוח וואס איז געשטאנען אויף די צפון־דיקע גרענעצן פון מדינת ישראל.

פארוואס האבן די סירער ניט געפרווט פארווירקליכן זייער פלאן, אריבער־רפירן דעם קאמפס־פלאץ אינערהאלב פון ישראל? פארוואס האבן די סיריער זיך פארבאריקאדירט אין זייערע בונקערן אויפן סירישן פלאטא און פאקטיש געווארט ביז צה״ל איז פארטיק געווארן אין דרום, איז געקומען און האט פארניכטעט די פארפעסטיקונגען, ארויסגעטריבן די סאלדאטן און איינגענומען דעם גאנצן געגנט פאראורזאכענדיק שווערע פארלוסטן די סיריער, ווי מען האט געקענט פאראויסזען. ווער האט, הייסט עס, געבונדן די הענט פון די סירישע העצער און געהעצטע, די בלוטדורשטיקע אראבער וועלכע האבן געלעכצט נאך א מלחמה מיט ישראל?

ירדן האט זיך פארפלאנטערט אין א עכטער מלחמה מיט ישראל, האט גארניט געפרווט זיך ארויסדרייען מיט א ביסל געשיסעריי כדי יוצא צו זיין פאר נאצערן, אזוי ווי די ישראלים האבן געהאפט און טאקע מורא געהאט פארדעפאר, און עס איז געווען פארוואס זיך צו שרעקן, די ווייט־שיסענדיקע ירדנישע האר־מאטן האבן געקענט באשיסן אלע גרויסע ישובים אין לאנד, האבן געקענט פארוואנדלען דעם געגנט פון תל־אביב, דאס הארץ פון לאנד, דעם מיטן, דעם צפון און אלע ישובים ארום אין איין פייערדיקער פראנט־ליניע וואס וואלט געבראכט זייער א סאך קרבנות. פארוואס האט חוסיין אזוי ניט געהאנדלט? פארוואס האט ער זיך באנוגענט מיט עטליכע שאסן אויף תל־אביב און נאך א פאר ישובים, ניט פרווונדיק אפילו צו באמבארדירן דעם הינטערלאנד, ווי די ירדנער האבן עס געמאכט אין ירושלים?

לאנגע שעה׳ן האט צה״ל זיך איינגעהאלטן, ניט געענטפערט מיט א רעכטן פייער אויפן פייער פון לעגיאן, מיט דער אומבאגרינדעטער האפענונג אז סוף כל סוף וועט חוסיין זיך אליין ארויסדרייען פון דעם געפערליכן שפיל. אבער דער קליינער הערשער פון ירדן האט כלל ניט געטראכט וועגן דעם און קיינער קען ניט ערקלערן פארוואס האט ער טאקע ניט געטראכט, ניט אנדערש נאר אז ג־ט האט פארשטיינערט זיין הארץ און ער האט עקשנות׳דיק אפגעווארפן אלע ישראל־דיקע פארשלאגן אויפצוהערן און אויסמיידן קריג. אפילו ווען דער לופט פלאט פון מצרים, סוריע און ירדן זיינען שוין געווען פארניכטעט, האט נאך אלץ חוסיין געקעמפט א פארלארענעם קריג, איז עס טאקע געווען מיט זיין גוטן ווילן? האט עס ניט די זעלבע האנט וואס האט געבונדן די הענט פון זיינע זעלנער אויך געבונדן זיין שכל און זיין כיטרעקייט און געפירט אים

בגוואלד אין די ארעמס פון אזא מורא־דיקער מפלה, פארלירן ריזיקע שטחים פון זיין קעניגרייך צו ישראל.

דער ירדנישער שטאב האט אויך צוגעגרייט פלענער ווי איינצונעמען דעם ירושלימער קארידאר און אפהאקן ירושלים פון גאנצן לאנד, איינצונעמען די ישובים וואס ליגן ביים גרענעץ א.א.וו. דער לעגיאן ארום ירושלים האט אפילו ניט געפרווט דורכפירן דעם פלאן, און האט זיך באנוגענט נאר מיט שיטן א מבול פון פייער אויף די ירושלימער גאסן, איבערלאזענדיק דעם הויפט־ציל וועלכער איז געווען איבערוויגענד אינ׳ם קאמף! וועלכער באהאלטענער כוח האט עס צוגעקלעפט דעם לעגיאן צו די ערטער פון וועלכע ער האט געזאלט אטאקירן ישראל, און דער זעלבער כוח האט אים געהייסן בלייבן דארט, ביז זיי אלע זיינען פארניכטעט געווארן אויף א אינגאנצן אונפארשטענדליכן אופן?

— זעט מען דען ניט אין דעם אלעם ג־טס האנט!

צוועלפטער קאפיטל

דאס גרויסע דערשיטערונג נאך אלעמען — דאך א ווענדונג

די דיסקאטעקן האבן זיך ניט פארמאכט אין ישראל, די נאכט לאקאלן זיינען געבליבן, די פאדערונג וואכענדיק צו מאכן דעם כותל המערבי, דאס איינציק איבערבלייבעכץ פון בית המקדש איז געפעלן געווארן דעם רוב פון די ישראל מיניסטארן, די געגנערשאפט צו די רבנים און צו דער הלכה, איז ניט קלענער געווארן, דער חילול שבת איז נאך שטארקער געווארן און פארוואנדלט געווארן אין א מאסן חילול־שבת, צענדליקער טויזנטער אוטאס לויפן שבת אין די איינגענומענע געגנטן, אין ירושלים און ארום אויף שפאציר און פיקניק'ן. די פארבלאנדזשעטע און אומוויסענדיקע זוכן ניט קיין וועג צום רבונו של עולם. פונדעסטוועגן ווייס מען געגנוי: ערגיץ וואו האט זיך דאך א ריר געטאן, טיף אין הארצן פון א סאך, זייער א סאך מענשן האט א טיפע סטרונע זיך א ריר געטאן.

עס האט נאך ביז יעצט ניט געטראפן אז א קריג זאל ניט שאדן דעם כלל ישראל, דעם גלויבן און דער תורה. די שפורן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען געווען זייער קענטיק אין די יידישע צענטערן, די תורה צענטערן זיינען ווייניקער און קלענער געווארן. און נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען אינגאנצן פארניכטעט געווארן כמעט אלע אייראפייאישע תורה־צענטערן, וועלכע זיינען כמעט פולשטענדיק אויפגעשטעלט געווארן נאך דער ערשטער וועלט מלחמה. אבער דער עקזיסטענץ־קריג פון די יידן אין ארץ־ישראל האט ניט ערשיטערט דאס אידישקייט און ניט געשאדט דער תורה, דער קאצקער רבי האט אמאל געזאגט א כלל: „אויב איר ווילט וויסן אויב א גרויסע געשעעניש קומט פונ'ם גוטן אדער פונ'ם שלעכטן זייט, זאלט איר וויסן דעם כלל: אויב דאס געשעעניש ברענגט צו תשובה, קומט עס פון גוטן זייט און אויב ניט איז עס א סימן אז עס קומט פון דער סטרא אחרא". דער זעקס־טעג קריג האט ניט קאליע געמאכט, ניט דערווייטערט די אפטריניגע נאר זיי דערנעענטערט. אודאי, די ווענדונג וועלכע מיר האפן אז זי וועט איה"ש קומען, איז דערווייל נאך ניטא, מיר זיינען נאך ניט געהאלפן געווארן און מיר זעען נאך ניט די גאולה, אבער די פאנצער פון דער וואכענדיקייט, פון דער פרייקייט האבן זיך א שפאלט געטאן פון דער גוואלדיקער אויפטרייסלונג וואס איז געשען.

נאכן קריג האט די שרייבערין רות באנדי, וועלכער מען קען ניט חושד זיין אין סימפאטיע צו רעליגיע און רעליגיעזע אידן, געשריבן („דבר השבוע" נומער 24־1967): „היינט, לאזט זיך ניט שרייבן עפעס וואס, א ארטיקל, א סקיצע אדער א קארעספאנדענץ, ניט אריינמישענדיק דעם רבש"ע אדער אנצו־קומען צו נסים. די פאזיציע פון די הימלען איז נאך דעם זעקס־טעג קריג, געווארן פיל שטארקער אין דער פרייער ישראל געזעלשאפט, אפיקורסים זיינען געווארן מאמינים און אפילו די כופרים זאגן שוין „א דאנק ג־ט".

ביי א צווייטער שריפטשטעלערין, זמר, פון „דבר" האבן זיך ארויסגעכאפט די ווערטער: „יעצט, גלויבט מען כמעט אין הארצן, אז אלץ וואס שטייט, אלץ, אלץ איז אמת"!

דער ארגאן פון „אחדות העבודה" — „למרחב", איז ווי זיינע גאנצע יארן, אויך נאך דער זעקס־טעג מלחמה, קעמפעריש אנטי־רעליגיעז, פונדעסטוועגן האט ער פארעפענטליכט א בריוו פון א ענגלישן זשורנאליסט וועלכער שטרייכט אונטער אז „נאר די האנט פון דער השגחה העליונה האט געבראכט דעם נצחון פון ישראל אויף אירע פיינט". דער אנטי־רעליגיעזער שרייבער אהרן עמיר דערציילט אין א אינטערוויו מיט א צייטונגס־שרייבער אז ער קען זיך ניט ארויסדרייען פון דער אלגעמיינער שטימונג, אזוי אז אפילו זיינע קינדער, וועלכע זיינען דערצויגן געווארן אין אנטי־רעליגיעזן גייסט טענה'ן צו אים אז „ג־ט האט אונז געהיט און היט אונז יעצט אויך". און די פינף יעריקע טאכטער פון דעם לופט־פליער אין נוה טייס טענה'ט אז מיר זיינען שטארקער פון די אראבער ווייל די אראבער האבן ליידיקע הימלען און מיר האבן א ג־ט אין הימל. אין דער כירורגישער אפטיילונג פון הדסה שפיטאל אין ירושלים, ליגט א יונגער פאראשיוטיסט וועלכער איז פארוואנדעט געווארן אין די קאמפן אין ירושלים, און ער זאגט יעדערן וואס קומט צו זיין בעט: „ערשט יעצט ווייס איך אז מיר האבן א אנדערע נשמה און מיר זיינען באמת א אויסדערוויילט פאלק".

דער דאזיקער גייסט האט אריינגעדרונגען אפילו אין דעם מפ"ם קיבוץ צאלים, אין דרום, וואס האט געהיט אויפן פרייען אנטי־רעליגיעזן גייסט פונ'ם ערשטן טאג. גלייך נאך דער מלחמה זיינען עטליכע יינגלעך אלט געווארן 13 יאר, האט זיך דער סעקרעטאריאט פון קיבוץ געווענדעט צום שכנות'דיקן פרומען קיבוץ „סעד" און געבעטן העלפן איינצוארדענען א רעליגיעזע בר־מצוה. אינ'ם בריוו פון דעם סעקרעטאר פון דעם לינקן קבוץ צום קבוץ סעד, שרייבט ער: „זעלטן ווען זיינען זוכה מענשן וועלכע אידעען, די סביבה און פארשיידענע פאקטארן האבן זיי דערווייטערט פון אמונה, צו אזא איבערלעבונג ווי עס איז געווען פאר אונז די געלעגנהייט וואס אונזערע קינדער זיינען געווארן בר־מצוה מיט אייער הילף האבן מיר זיך צוריק דערמאנט אין אונזער אידישקייט און זיך געגרויסט מיט איר, און אויב אפילו אין פארלויף פון דער צייט, וועט דאס

פרייקייט אונז ווידער באהערשן, וועט אבער אייער גרייטקייט אונז צו העלפן, אונז צו פארשטיין און מיט אייער זיבען אונז אלס סימבאל, דינען אלס ליכט פאר אונז און פאר אונזערע קינדער".

א אנדער באציאונג צו רעליגיע

נאך איידער עס האט זיך אנגעהויבן דער קריג, אין די געשפאנטע און שווערע טעג, האט זיך געענדערט די בעציאונג פון א סאך ניט רעליגיעזע צו רעליגיע און צו רעליגיעזע אידן. ישיבה בחורים זיינען מער ניט באגלייט געווארן אין די גאסן מיט שימפווערטער, אין מיליטער איז דער רעליגיעזער סאלדאט שוין ניט אנגערופן געווארן מיט חוזק „דוסי". און א מיליטערישער רעפארטער האט געשריבן אין יענע טעג: „זיי, די רעליגיעזע בחורים קומען צו אונז מיט א פולער נשמה, מיט א אינהאלט און א ציל אין דער צייט ווען מיר, די ניט רעליגיעזע פילן ווי פוסטע כלים וואס האבן אין זיך גארניט".

אין די שווערע, געשפאנטע טעג האבן ריזיקע פלאקאטן אין די גאסן גערופן: „מה לך נרדם, קום קרא לאלוקיך". ארום דער שול „ישועות יעקב" אין מאה שערים, אין ירושלים קלייבן זיך צוזאמען מאסן מענשן, א ים פון קעפ, מענער פרויען און קינדער, דארטן דאוונט מען טאג און נאכט, די ארון-קודש-ס זיינען שטענדיק אפן, די געשרייען און תפלות באגאסן מיט א ים פון טרערן, זיינען בוקע רקיעים, אידן קומען צוגיין שטייען לאנגע שעה'ן און בעטן. פון די ספרדישע שולן הערט מען דעם שופר בלאזן און געוויינען און געשרייען, און מען גייט פון שול פול מיט בטחון און אמונה אז „א-ל כביר לא ימאס" און וועט אננעמען אונזערע תפלות ברחמים וברצון. גייט אזוי א עלטערער איד פון דאוונען צוריק אין זיין אלטער הייזקע נעבן גרענעץ, עטליכע מעטער טיילן אים אפ פון די ירדנישע שטעלונגען. אויף אים ווארטן שוין די ציווילשוץ מענשן און פאדערן אים אויף ער זאל פארלאזן זיין שטוב וועלכע געפינט זיך ממש אויף דער פראנט-ליניע און בעטן אים אריבערקלייבן זיך אויף א זיכערען פלאץ. אבער דער אלטער וויל ניט בשום אופן: „או טאנט, זאגט ער, איז אנטלאפן געווארן פון גרענעץ, אבער הקב"ה דער שומר ישראל איז ניט אנטלאפן, וועל איך אויך ניט אנטלויפן".

די שטעט האבן אויסגעזען ליידיק, אלע זיינען מאביליזירט געווארן און אוועק אויפן פראנט, דאס שרעק פאר דער צוקונפט, דאס איינזאמקייט אין וועלכע דאס לאנד האט זיך געפונען, האט זיך געפילט אויף יעדן טריט. בייטאג אפילו זיינען געווען די גאסן כמעט ליידיק, די געשעפטן-פוסט, די שטימונג געדריקט, די וואס גייען שוין אין גאס, גייען פארדאגה'ט, איילן זיך ווי עפעס דארף יעצט געשען פון וואס מען דארף אנטלויפן. די נעכט זיינען שטילער ווי שטענדיק, נאר דא און דארט בלינצלט א פייערל, נאר די שולן זיינען שטענדיק אפן און

די ארון־קודש׳ס, פון ווייטענס הערן זיך די קולות פון די מתפללים וואס בעטן רחמים: „אמר אויב ארדוף אשיג אחלק שלל, תמלאמו נפשי, אריק חרבי תורישמו ידי״... „תפול עליהם אימתה ופחד בגדול זרועך ידמו כאבן״. אייביקע פסוקים וועלכע זיינען צוגעפאסט צום מצב פון ישראל...

— „בעט, דאוונט, בעט רחמים״ האבן געבעטן אידן וואס האבן זיך דערוויי־טערט פון אמונה, א סאך וועלכע האבן שוין צענדליקער יארן פארגעסן אויפצו־הויבן די אויגן צום הימל און זאגן א תפלה, האבן פלוצלונג געפילט א באדערפע־ניש צו דאוונען, צו בעטן, דאס חוזק־באציאונג צום רעליגיעזן אידן איז פארשוואונדן. א איד מיט בארד און פיאות איז מער ניט געווארן אויסגעלאכט פון די עקסטרעם־פרייע. די פלאקאטן פון דער „ליגע צום קאמף געגן רעליגיע״ זיינען פארשוואונדן פון די גאסן. ישראל האט זיך אנגעטאן מיט ערנסטקייט און וואגיקייט, און דאס האט דעם פאלק דערנעענטערט צו זיין שורש צו זיינע אייביקייטן, און עס האט זיך געדוכט אז אין גאנץ ישראל איז ניט געבליבן קיין איין איד, אפילו אזוינע וועלכע האבן שוין איבערגעריסן אלע באציאונגען מיט זייער אמונה און תורה, וועלכער זאל ניט אויפהויבן זיינע אויגן צום הימל און געבעטן.

זייער א סאך מענשן האבן זיך ניט אפגענארט און געוואוסט גוט די ערנסטקייט פון דער לאגע, 300 טויזנט מצרישע, ירדנישע און סירישע סאלדאטן האבן זיך געשטעלט פאר זייערע אויגן, זיי האבן זיי געזען באוואפנט פון קאפ ביז די פיס מיט די בעסטע געווער, מיט די בייסטע אעראפלאנען, מיט ראקעטן און ריזיקע טאנקן, אין יאר תש״ח האבן מיר טאקע געקעמפט געגן 7 אראבישע לענדער, מיר האבן טאקע דאן אויך מצליח געווען צו באשיצן אונזערע שטעט און אפילו איינגענומען גרעסערע שטחים און חאטש אונזערע פיינט זיינען דאן ניט געווען אזוי גוט באוואפנט ווי הייבט, אבער זיי זיינען דאן אויך געווען מערער און בעסער באוואפנט פון אונז, דאן זיינען אויך געשען נסים. איינצלנע אידישע סאלדאטן האבן פארטריבן צענדליקער טויזנטער אראבער פון צפת, טבריא איז אפגערייניקט געווארן פון אראבער דורך פויקן־קלאפן, אבער די אלע איבערנאטי־רליכע דערשיינונגען זיינען שוין פארגעסן געווארן, פארלוירן געווארן אינ׳ם ים פון לויב פאר דער פיזישער גבורה וועלכע האט פארפלייצט דאס לאנד אין אלע יארן. אבער דאן האבן געקעמפט מענשן מיט אידעאלן, מענשן וואס האבן אויף זייער אייגענעם לייב פארזוכט דעם טעם פון דעם גוואלדיקן אומגליק אין איירפא, און האבן געוואוסט אז זיי שטייען יעצט מיטן פלייצע צום וואנט. אבער יעצט? ווען דאס לאנד האט זיך געפונען אין א שטימונג פון ירידה, מענשן האבן אין די הונדערטער פארלאזן דאס לאנד, ווען אלץ יאגט זיך נאך באקוועמליכקייט און לייכטן לעבן, נאך לוקסוס און הולעריי, ווער וועט קעמפן, ווער וועט פארטיידיקן און ניט אנטלויפן?

מען ווייס דאך, אז פאר דעם זעקס־טעג קריג, איז דאס לאנד געווען אפגעשוואכט, מען האט געפילט א אלגעמיינע אומבאהאלפענדיקייט, אלע אידעאלן זיינען געטרעטן געווארן מיט די פיס, מענשן האבן אויפגעהערט צו טראכטן, האבן געזוכט דאס לייכטע און באקוועמע אין לעבן. פון דעם ציוניסטישן געדאנק, וועלכער האט דערצויגן פריער א גאנצן דור, איז דאך ערב דער מלחמה געבליבן ניט מער ווי א גרויסע מאסע אנגעשטעלטע און א בארג מיט וויצן. דאסווארט „ציונות" איז פארוואנדלט געווארן אין א קאריקאטור אלס אויסדרוק פון מאכן א אנשטעל, בלאף, פארדארבנקייט, אויסנוצונג פון קהל׳שער געלטער. און גראד די יוגענט, אט א די וועלכע איז יעצט גערופן געווארן אין קריג אט א די יוגענט איז דערצויגן געווארן אויף אזוינע הינקעדיקע געדאנקען. איז דאך איינער פון די פאפולערסטע וויצן פון דער לעצטער צייט פארן זעקס־טעג קריג, געווען די מעשה מיטן שילד וואס איינער האט אויפגעהאנגען אויף דער איינגאנג־ און אויסגאנגס־טיר פון דעם איינציקן ישראל׳דיקן לופט־פעלד, לוד אויף וועלכן עס איז געשטאנען: „דער וואס וועט ארויסגיין פון דאנען דער לעצטער, ווערט געבעטן פארלעשן די עלעקטריע"...

פורה דרכתי לבדי

די מלחמה האט אויסגעבראכן. געטריבן פון דאגה און פחד, האבן די ישראל־סאלדאטן זיך געווארפן אויף דעם שונא וואס איז געקומען זיי פארניכטן. דאס איז געווען א בליץ־קריג. מיט א אונערהערטן געלאף, באגלייט פון אפענע נסים, איבערנאטירליכע דערשיינונגען. מען האט בשום אופן ניט געקענט זיך ניט וויסענדיק מאכן אז דאסמאל האט די השגחה העליונה געהאלפן ישראל. אין תל־אביב איז פארגעקומען א דאנק־פייערונג פון דער רבנות הראשית, און רב אלוף יצחק ראבין האט געשיקט פאלגענדע טעלעגראם צו דער פייערונג: „מאת ד׳ היתה זאת, היא נפלאת בעינינו". דער מיליטערישער ספעציאליסט פון דער צייטונג „הארץ", א פרייע און אנטי־רעליגיעזע צייטונג, האט רעזומירט דעם קאמף פעסשטעלענדיק: „אפילו ווער עס איז ניט קיין רעליגיעזער מוז מודה זיין אז פון הימל האט מען געקעמפט פאר אונז". און דער קארעספאדענט פון דער דייטשער פרעסע, האט איבערגעגעבן אין זיין באריכט: „אזוינס איז נאך ניט געשעען אין דער געשיכטע, א כוח פון 1000 טאנקן, הונדערטער הארמאטן, ראקעטן און זייער א סאך עראפלאנען, א כוח פון הונדערט טויזנט סאלדאטן, באוואפנט פון קאפ ביז די פיס און גרייט צום קאמף, איז פארניכטעט געווארן במשך פון צוויי טעג אין א קרייז פון הונדערטער קילאמעטער, וועלכער איז אנגעשטאפט מיט באפעסטיקונגען און פעסטונגען, און דאס האט געמאכט א כוח וואס איז פיל קלענער אין מענשן, געווער, אמוניציע, פאזיציעס א.א.וו. קיין

שום מיליטערישער קאמענטאר, קיין שום נאטירליכער פאקטאר איז ניט בכוח צו ערקלערן די ערשיטערנדיקע דערשיינונג".

אויפן גאנצן ערשטן עמוד פון דעם מפא"י ארגאן „הפועל הצעיר", זיינען אפגעדרוקט געווארן די רייד פון ישעי' הנביא, וועלכע האבן פולשטענדיק אויסגעדריקט דאס וואס איז געשען מיט ישראל אין דער זעקס־טעג מלחמה:

פורה דרכתי לבדי
ומעמים אין איש אתי
ואדרכם באפי
וארמסם בחמתי
ויז נצחם על בגדי
וכל מלבושי אגאלתי;
כי יום נקם בלבי
ושנת גאולי באה;
ואביט ואין עוזר
ואשתומם ואין סומך
ותושע לי זרועי
וחמתי היא סמכתני;
ואבוס עמים באפי
ואשכרם בחמתי
ואוריד לארץ נצחם;
(ישעי' ס"ג ב"ו)

פורה דרכתי לבדי — ווען ישראל האט קיין אייגענעם זכות ניט געהאט (רד"ק)
אין איש אתי — נקמה צו נעמען פון די פיינט פון ישראל (רד"ק)
ויז נצחם על בגדי — דאס בלוט פון ישראל'ס פיינט (רד"ק)
כי יום נקם בלבי — א סאך יארן פאר דער גאולה (רד"ק)
ואביט ואין עוזר — ישראל'ן (רש"י)
ותושע לי זרועי — ווען קיין אנדער זכות האט ניט ישראל (מצודת דוד)
ואבוס עמים באפי — איך וועל זיי צוטרעטן (רד"ק)
ואשכרם בחמתי — איך וועל זיי אנטרינקען מיט צארן ביז זיי וועלן ווערן שכור (רד"ק)
ואוריד לארץ נצחם — די גבורה פון זייער נצחון (רש"י)

ווי געזאגט, א מלחמה בדרך כלל, פירט אראפ מענשן פון וועג, דערווייטערט זיי פון רעליגיע און פון גלויבן און פון אלע גרויסע אידעאלן. א מלחמה איז ניט

קיין מוסר — לעקציע. סאָלדאַטן גייען אין קריג. זיי געפינען זיך אינ׳ם פייער, ווערן זיי צעווילדעוועט, באַפרייט פון אַלע פליכטן וואָס פאַרבינדט זיי ווען זיי געפינען זיך אין אַ נאָרמאַלן לעבן. אַ ניט רעליגיעזער מענש וועלכער מוז שיסן אויף לעבעדיקע מענשן, וועלכער הרגעט און פאַרניכטעט אַלץ וואָס קומט איהם אין וועג, אַזאַ מענש האָט ניט קיין באַדערפעניש און איז ניט גרייט צו רעליגיעזיטעט, דאָס איז געקומען ניט איינמאָל צום אויסדרוק אין ישראל׳דיקן מיליטער אין פאַרשיידענע גרענעץ צוזאַמענשטויסן און טאָג־טעגליכן לעבן. אָבער יעצט איז געווען גאַנץ אַנדערש. אַמאָל האָט אַ געוויסער קאָמאַנדיר, וועלכער האָט געהאַט שווערע פאַרלוסטן אין אַ אַנגריף אויף אַ סירישער פּאָזיציע, געוואָרפן די שולד אויפן מיליטערישן ראַבינאַט, וועלכער האָט ניט ערלויבט צו קאָכן שבת פאַר די סאָלדאַטן. זיי האָבן באַקומען אַ מאָגן פאַרגיפטונג און דעריבער האָבן זיי ניט געקענט גוט קעמפן. דאָס וואָס דער פאַקט איז דעמענטירט געוואָרן פולשטענדיק דורכן מיליטערישן ראַבינאַט, האָט ניט אָפּגעהאַלטן דאָס פאַרשפּרייטן פון דער באַשולדיקונג צווישן די אָפיצערן. אָבער דאָסמאָל, האָט דער קאָמאַנדיר געדולדיק געוואַרט מיטן אויספירן דעם באַפעל צו מאַרשירן פאַראויס, ביז די רעליגיעזע סאָלדאַטן וועלן ענדיקן דאַווענען, ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט, און ניט געפּרווט עס אויסבאַהאַלטן, אַז די תפילה פון די סאָלדאַטן האָט געהאָלפן איינצונעמען לייכט דער באַפעסטיקטער פּאָזיציע פון שונא.

דינסטיק, דעם צווייטן טאָג פון דער מלחמה, האָט אַ קאָרעספּאָנדענט פון „קול ישראל״ איבערגעגעבן אַ לעבנדיקן באַריכט פון פראָנט. עס האָט זיך געהערט דאָס גרוילעגדיקע זשומען פון די טאַנקן, דאָס פייפן פון די שראַפּנעלן און דאָס געקלאַפּער פון די קוילנוואַרפער און דער באַטויבענדער גערויש פון די עראָפּלאַנען, פון דעם גוואַלדיקן גערויש אַרויס האָט זיך געהערט די שטים פון דעם קאָרעספּאָנדענט ערגיץ וואו אין דרום: „אַ זעלטענע בילד ווייזט זיך פאַר מיינע אויגן, איך זע אַ קאַלאָנע וואָס איז שטיין געבליבן אַן אַ זייט און אַ גרויסע מאַסע סאָלדאַטן דאַווענט, איך זע זיי אַרומגעוויקלט מיט טליתים און תפילין אויף זייערע קעפּ. אַ באַוועגליכע שול אויפן פראָנט. די סאָלדאַטן האָבן אויסגענוצט אַ קורצע איבעררייס אין דעם זיגרייכן געלאַף און זיך געשטעלט דאַווענען, אַט אין דעם מאָמענט זעט מען צוויי פיינטליכע עראָפּלאַנען, זיי האָבן וואַרשיינליך דערקענט די דאַווענדיקע און באַשלאָסן אַז דאָס איז אַ „גוטער ציל״, אַט פּרוון זיי זיך אַרונטערלאָזן.. און ממש אין דעם מאָמענט האָבן פּלוצלונג דערשינען אונזערע עראָפּלאַנען וועלכע האָבן אַנגעהויבן נאָכיאָגן די פיינטליכע עראָפּלאַנען, אַ ביסל ווייטער פון דאַנען האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט און אונטן, אויפן אָפענעם פעלד, זיינען געשטאַנען אַ גרופּע פון סאָלדאַטן און ווייטער געדאַווענט״...

פון טיפן הארצן ארויס

פון דער צענטראלע פון די ישראל זענדונגען, שרייט ארויס די שטים פון א מיליטערישן קארעספאנדענט:

„איך בין אין דרום, ערגיץ וואו אין סיני. דוקא היינט, דעם דריטן טאג פון קריג, איז דא פארגעקומען א פאנצער־קריג וועלכער איז א זעלטענהייט אין דער קריגס־געשיכטע. די מצרים האבן נעכטן און אייערנעכטן געפרווט זיך ארויסדרייען פון א קאמף פנים אל פנים, זיי האבן בעסער געוואלט אנטלויפן, און זיך נאר פארטיידיקט ניט האבענדיק קיין אנדער ברירה. יעצט זיינען זיי פאקטיש ארומגערינגלט און מען האט זיי געצווונגען צו קעמפן, זיי זיינען אריין אין קאמף אין וועלכן עס נעמען אנטייל, ווארשיינליך טויזנט טאנקן פוןביידע זייטן. דאס איבערבלייבעכץ פון מצרישן לופט־פלאט איז ספעציעל מאביליזירט געווארן צום דאזיקן קאמף, ווייל דאס לעצטע ביסל מצרישע קראפט ליגט אויפן וואגשאל. דער געוויש פון די טאנקן און הארמאטן, דער אפקלאנג פון דאס מורא־דיקע שיסערייִ פארוישט די אויערן, פלוצלונג האט עמיצער געעפנט א טראנזיסטאר, פון ירושלימער אפטיילונג פון „קול ישראל" זאגט אן דער שפרעכער: „דער כותל המערבי איז אין אונזערע הענט, די פאראשיוטיסטן זיינען אנגעקומען אינ'ם געלאף ביז צום פלאץ פארן כותל, יעצט האלדזן זיי די ווענט פונ'ם כותל וועלכע זיינען געווען פארוויסט צוואנציק יאר, טוליען זיך צו זיי, צו די שטיינער וועלכע זיינען געשטאנען אין זייער איינזאמקייט פון זינט די מדינה איז געגרינדעט געווארן, די כותל שטיינער זיינען ווידער אנגעטרונקען געווארן מיט ידישע טרערן נאך וועלכע זיי האבן געדורשט צוואנציק יאר"... ווי נאר דער פראנט האט געהערט די ווערטער, און עס האט א דונער געטאן פון טויזנטער מיילער, א גוואלדיקער אויסגעשריי, טאנקיסטן זיינען געשפרונגען פון זייערע הארמאטן, אפיצערן האבן זיך אויסגעמישט מיט סאלדאטן, מען נעמט זיך ארום מען קושט זיך, איינער זוכט אלעמען כדי זיך צוקושן, פארהארטעוועטע סאלדאטן, פארבלוטיקט, פאר־שמירט, אין געהעץ פון קריג, באשאטן און דורכגעפרעסן פון מדבר'דיקן זאמד, וועלכע דארפן לויפן יעצט אינ'ם גיהנום־פייער, ניט וויסענדיק צו זיי וועלן נאך איבערלעבן היינטיקן טאג, העלדן וואס חוזקן פון פחד, וועלכע לאכן אויס יעדערן וואס ווייזט ארויס דאס מינדעסטע שוואכקייט, די אלע וויינען יעצט ווי קינדער, אין די ליכטיקע ווייסע, אויסגעלייטערטע סטעזשקעלעך אויפן פנים, זעען זיך די טרערן. און פלוצלונג ווייסטו געבוי דאס וואס דיר איז שוין געווען באקאנט אויבערפלעכליך פון לאנג, אז דאס זיינען דאך קינדער און אייניקלעך פון די וואס זיינען פארוואגלט געווארן פון ירושלים. אנגעטאן אין קייטן, וויינען מיט ביטערע טרערן קוקענדיק אויף די פארברענטע איבערבלייבעכץ פון פארברענטן בית המקדש... און ביים כותל זעט מען אזוינע בילדער וואס די אויגן גלויבן עס ניט צו זען. „דו קענסט דאך מיר" דערציילט גענעראל חיים בר־לב (דער יעצטיקער

פארזיצענדער פון גענעראל־שטאב) זיין פאטער, ה׳ בראסלאבסקי, איך האב אויף מיין לעבן ניט געוויינט, איך האב פשוט ניט געקענט וויינען, אפילו ווען די מאמע איז געשטארבן האב איך ניט געקענט וויינען, אבער ווען איך בין געקומען צום כותל המערבי האבן זיך ביי מיר פלוצלונג געעפנט די טרערן־קוואלן און איך האב געוויינט אן אויפהער, איך האב זיך ניט געקענט איינהאלטן, כ׳ווייס ניט פארוואס״..

גענעראלן און סאלדאטן, אלטע אפיצערן און יונגיטשקע סאלדאטן, זיינען פארכאפט געווארן פון א מין באהאלטענעם שטראם וועלכער האט אלעמען פארפלייצט. זיי האבן קיינמאל ניט געטראכט אז עפעס וואס פארבינדט זיי מיטן כותל המערבי. מיט דער פארגאנגענהייט. יעצט זיינען זיי געשטאנען און געוויינט, נאכדעם זיך צוטאנצט, עס האט זיך א ריר געטאן אינעווייניק אין הארצן, אינ׳ם יידישן הארץ. ווען מען וואלט זיי געפרעגט פריער צו זיי וועלן וויינעןביים כותל, וואלטן זיי זיך אפשר אויסגעלאכט, אבער יעצט האבן זיי געוויינט, אין דעם מאמענט האבן א סאך פארשטאנען אז: „לא כוחי ועוצם ידי עשו את החיל הזה״.

עס האט זיך פלוצלונג ארויסגעוויזן, אז די אלע וואס האבן זיך דערווייטערט, האבן ניט איבערגעריסן אינגאנצן, נאר טיף אין זייער נשמה איז געבליבן א אונזעבארער פאדעם וואס האט זיי פארבונדן מיט יידישקייט און אז מען קען האפן אז זיי וועלן צוריק געפינען דעם וועג צו זייער אייביקן פאלק, דער זעקס טעג קריג האט ניט פארלאשן נאר אויפגעבלאזן דעם יידישן פונק אין די הערצער. סאלדאטן און אפיצערן וואס האבן אין זייער גאנצן לעבן ניט געגעבן דעם קלענסטן טראכט וועגן יידישקייט אדער רעליגיעזע פראבלעמען, יונגע בחורים וואס האבן קיינמאל קיין תפילין ניט געלייגט, וואס האבן ניט געוואוסט דעם זין פון „שמע ישראל״, האבן פלוצלונג באשלאסן צו ענדערן זייער לעבנס־וועג, האבן אנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט רעליגיע, האבן געענדערט זייער באציאונג צו אידישקייט. פלוצלונג האט זיך באמערקט א מאנגל אין תפילין, דאס מיליטע־רישע ראבינאט האט געפאדערט 4000 פאר תפילין כדי צו צוטיילן זיי צווישן הונדערטער זעלנער וועלכע האבן פארלארן זייערע תפילין אין די קאמפן, אדער פאר אזוינע וועלכע האבן אינ׳ם קאמף א נדר געטאן אדער באשלאסן פון יעצט און ווייטער אנהויבן לייגן תפילין יעדן טאג. דער רעליגיאנס מיניסטעריום האט גלייך צוגעשיקט 2000 פאר תפילין, מער האט ער ניט געהאט אויפן לאגער, די פאדערונג איז געווען אזוי גרויס, אז די געשעפטן פון תשמישי קדושה זיינען אויסגעליידיקט געווארן, דאס איז געווען, ווייזט אויס, דער איינציקער געגנשטאנד וואס האט אויסגעפעלט אין ישראל נאך דער זעקס־טעג מלחמה.

פאר דער זעקס־טעג מלחמה זיינען ניט געווען קיין סאך זעלנער וועלכע זיינען געקומען איז די מיליטערישע שולן אין אלע מיליטערישע לאגערן, חאטש אפילו אלע האבן זיך געשראקן פאר דער צוקונפט און קיין זעלנער האט

געוואוסט צו ער וועט צוריקומען אדער חלילה, ניט, אבער נאך דער מלחמה, ווען די קאמפן האבן זיך געענדיקט, איז דער פראצענט פון די זעלנער וואס זיינען געקומען דאוונען, גוואלדיק געשטיגן, דאס זיינען גווען די א מענשן וועלכע האבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען די נסים וועלכע האבן איבער געלאזט ביי זיי א טיפע, גייסטיקע ערשיטערונג.

אין דער גרויסער שול אין „זכרון משה" אין ירושלים איז געקומען א אפיצער דאוונען, ער האט געבעטן א עליה און געבענטשט גומל. נאך שחרית האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטן און האט געזאגט א פאר ווערטער פארן עולם וואס האט זיך צונויפגעזאמלט ארום אים: „יעצט וועלן זיי געוויס פרוון זאגן, אז ביי זיי איז געווען אלץ פאראויסגעפלאנט, דאס איז א ליגן, וואס איז נאך גרעסער פון גרויסן נצחון, קיינער האט ניט פאראויסגעזען און קיינער האט אפילו ניט געחלומט אויף דאס וואס איז געשען. אפילו אין אונזערע בעסטע מאמענטן האבן מיר נאר געהאפט אז מיר וועלן זיך קענען האלטן, אז מיר וועלן זיך ניט איבערברעכן געגנאיבער דער גוואלדיקער קראפט פון די אראבער. שוין יעצט הויבן זיי דארט אן צו זאגן אז די דערציילונגען פון די נסים, פון די איבערנאטירליכע דערשיינונגען, דערנידעריקען דעם כבוד פון צה"ל, פארקלענערן זיין לויב און נעמען פון אים ארונטער די הילע פון העלדישקייט, וועלכע איז, לויט זיי, לעבנסוויכטיק צום פארשטארקונג פון צה"ל און צום אריינדרינגען אין באוואוסטזיין פון די זעלנער דעם קאמפס־גייסט, דעריבער דארף מען ווייניקער דערציילן אזוינע זאכן, זיך מאכן ניט וויסענדיק פון אזוינע דערשיינונגען פון נסים און איבערנאטירליכע קרעפטן וואס האבן געהאלפן צה"ל צום זיג. איך האב געזאגט און איך זאג יעצט אויך: אויף ליגנס וועט צה"ל זיך ניט אויפבויען, אויף פעלשונגען וועט ניט אויסוואקסן קיין העלדישקייט. די וואס זייען ליגנס, שניידן ענטוישונגען. איך אליין בין אויך ניט געווען רעליגיעז, איך האב זיך שטענדיק דערווייטערט פון אמונה און ניט מקיים געווען קיין מצוות. אבער דער קריג האט מיר געעפנט די אויגן צו זען דאס ריכטיקע, צו וויסן אז עס איז דא א ג־ט אין הימל און אז די השגחה העליונה פירט אלץ און אלעמען".

אויספיר

דער קאמף איז נאך ניט געענדיקט

געוויס, אט א דער גרויסער און וואנדערבארער קאמף וואס האט אנגעהויבן ווען די הארדן פון היטלער זיינען געשטאנען אויפן שוועל פון מיטלערן מזרח, אט א דער שווערער און גורל־דיקער קאמף וואס האבן געפירט און פירן נאך ווייטער די שונאי ישראל, וועלנדיק פארניכטן די שארית הפליטה אין ציון, א בלוטיקער קאמף וואס איז פול מיט וואנדער און אזוינע געשעענישן וואס א טייל פון זיי, זיינען ווייט איבער די גרענעצן פון אונזער פארשטאנד. אט א דער קאמף איז נאך ניט געענדיקט. די פיינט האבן נאך זייער געוועיר ניט אנידער־געלייגט, האבן זיך נאך ניט מייאש געווען און באשלאסן צו קוקן דער ווירקליכ־קייט אין די אויגן און מסכים זיין מיט דער עקזיסטענץ פון ישראל וואו עס לעבן די רעשטלעך פון די אומגעקומענע זעקס מיליאן קרבנות אין אייראפא.

די אראבישע פעלקער, אונטערשטיצט פון די געשווארענע פיינט פון אידן, אנטיסעמיטן און רשעים, שווערן זיבן מאל א טאג נקמה צו נעמען פאר דער גרויסער מפלה, און ווילן פארניכטן דאס קליינע אידישע אינדזעלע וואס האט זיך אויפגעשטעלט אויפן באדן פונ'ם הייליגן לאנד. די א שווערד וואס האט זיך אויפגעהויבן אויפן קאפ פון אייביקן אידישן פאלק, הענגט נאך ווייטער, מיט ג־טס הילף איז זי דערווייטערט געווארן פון אונז, אבער די וואס האלטן איר אין זייערע הענט, פאכען נאך מיר איר פון ווייטנס, זוכן מעגליכקייטן ווי אזוי צו קומען נעענטער, ווידער זיך פארמעסטן אין א בלוטיקן קריג וועמענס ציל עס איז גאנץ קלאר. זייערע שליחים, גרויסע און קליינע טעראריסטן, שלייכן אריין טאג בייטאג און נאכט ביינאכט איבער די גרענעצן פון ישראל שטעלנדיק אין געפאר זייער לעבן, כדי צו פארשפרייטן טויט און פארוויסטונג אין די יידישע ישובים.

און ווידער זעען מיר זייער אפט אזוינע וואינדערליכע פאלן, נסימ'דיקע געשעענישן, עס איז צו באוואונדערן און שטוינען ווען מען זעט ווי גרויסע באמבעס, וועלכע קענען אנמאכן שרעקליכן שאדן און גורם זיין צו שווערע קרבנות, ווערן ענטדעקט אין עפענטליכע לאקאלי און גרויסע ביורא'ען איידער זיי מאכן וועלכן עס איז שאדן. גרויסע קאמפאניעס טעראריסטן, גוט אויסגעלערנט און באוואפנט ווערן ענטדעקט נאך איידער זיי קענען עפעס טאן, אנדערע קאמפאניעס פון טעראריסטן ווערן דערהרגעט איידער זיי האבן צייט געהאט

צו קומען צום ציל, מען כאפט זיי אפילו זיי באהאלטן זיך אויס אין פארשטעלטע לעכער אין די בערג און שלייכן דורך אומבאוואוסטע בערגיקע אדער מדבר־דיקע שטשעזשקעלעך, אין די נעכט, מען זעט אז איין דורכפאל זייערער יאגט דעם צווייטן, אבער דער הערשנדער אראבישער נאציאנאליזם וויל גארניט לערנען. פארקערט, פון טאג צו טאג ווערט אלץ שטארקער דער דראנג נאך נקמה, פארטזעצן דעם קאמף, דער מצרישער לופט־פלאט האט צוריק באקומען זיין אמאליקער שטארקייט שוין א קורצע צייט נאכן קריג, הונדערטער רוסישע אפיצערן באמיען זיך אן אויפהער צוריק אויפבויען דאס מצרישע מיליטער, כדי ער זאל צוריק ווערן אזוי שטארק און באוואפנט ווי פארן קריג, און נאך שטארקער ווי דאן. ריזיקע טראנספארטן מיט דאס נייסטע געוועער פליסן אן אויפהער פון רוסלאנד אין מצרים און פילן אן די געוועער־סקלאדן פון מצרים ביז צום צופלאצן. דער סירישער לופט־פלאט האט זיך פארדאפלט, ער האט היינט 160 נייע אעראפלאנען אנטקעגן 100 פון פאר דער מלחמה, עיראק באוואפנט זיך מיט א גוואלדיקער געשווינדיקייט און אין א שרעקליכן אויסמאס. און ווידער הויבן אן די אראבישע פעלקער צו גלויבן אז עס דערנענטערט זיך די שעה ווען זיי וועלן ווידער קענען פארניכטן ישראל און איר אפמעקן פון דער וועלט. די פרוכטבארע אראבישע פאנטאזיע שטיצט זיך אויך יעצט אויף רעאלע אויסרעכענונגען. די הערשער פון סאוויעט־רוסלאנד וועלכע שיקן אן אויפהער גוואלדיקע קוואנטומס פון געוועער, זיינען זיכער אז דאסמאל וועט זייער ארבייט ניט גיין לאיבוד, די טויזנטער סאוויעטישע ספעציאליסטן טוען אלץ וואס זיי קענען כדי צו רעכטפארטיקן די סאוויעטישע באמיאונגען. נאצער, דער מצרישער דיקטאטאר מאכט זיין רעכענונג אפענהארציק: עס זיינען דא הונדערט מיליאן גוט באוואפנטע אראבער, און זיי מוזן אין דער נאענטער אדער ווייטער צוקונפט בייקומען ישראל, מיט אירע נאר צוויי און א האלב מיליאן איינוואינער, וועלכע זיינען ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט טויט־שונאים. אלץ שטארקערע אין צאל און געוועער וועט זיך זיי געוויס איינגעבן אפצומעקן די בזיונות וואס זיי האבן געליטן ביי די מפלות אין די מלחמות מיט ישראל. אפילו די פריינט פון ישראל פאקטארן פון נאענט און ווייט, וועלכע זיינען אויפגעציטערט געווארן פון די וואונדער פון דעם זעקס־טעג קריג, זוכן יעצט דאס קאלטע און רעאלע אויסרעכענונג. און זיי שטעלן פעסט אן א שום צווייפל אז דער קריג האט זיך ניט געענדיקט, ישראל האט טאקע געזיגט אין די ערשטע עטאפן פונ'ם קריג אבער דאס זיינען נאר ערשטע עטאפן פון א לאנגן און גרויסן קריג און דער לעצטער סך הכל איז נאך ניטא, ער איז נאך ווייט. די אויסזיכטן זיינען נאך דערוווייל בעסער פאר די גרויסע צאל אראבער, וועלכע טוען אלץ כדי צו פארשטארקן זייערע כוחות, צו צוקומען צו אזא מין קראפט וועלכע וועט זיי ערלויבן בייקומען מדינת ישראל.

חסדי ד׳ כי לא תמנו

אבער פון צווייטן זייט איז אונז קלאר, אז קיין שום געוויינליכע, נאטירליכע רעאלע אויסרעכענונג האט אויך ניט בארעכטיקט אונזער קיום אין ארץ ישראל פון זינט די נאצישע הארדן, אונטער דער קאמאנדע פון פעלדמארשאל ראמעל האבן אטאקירט דעם מיטלערן מזרח אין אלעמיין און ספעציעל ארץ ישראל אין סאמע מיטן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. אין יענע שווערע טעג איז דאס נאצי־דייטשלאנד געשטאנען אויף דער העכסטער מדרגה פון איר קראפט, זי האט בייגעקומען אלע אירע געגנער אויף אלע פראנטן. די אליאירטע קרעפטן וועלכע האבן זיך ארגאניזירט כדי אויפצוהאלטן דעם נאצישן אנגריף, זיינען שנעל צושלאגן געווארן דורכן אפריקאנישן געפאנצערטן קארפוס פון ראמעל. מער ווי הונדערט טויזנט ענגלישע און אנדערע סאלדאטן זיינען געהרגעט געווארן אדער געפאנגענשאפט גענומען געווארן אין געפאנגענשאפט נאך איידער זיי האבן זיך אנגע־הויבן שלאגן. די זעקסטע ענגלישע ארמיי האט ניט געהאט קיין סאך אויסזיכטן זיך צו ארגאניזירן שנעל און זיך קענען געגנשטעלן דעם דייטשן אנגריף. די רעגירונגס־אנגעשטעלטע פון דער מאנדאט־מאכט האבן שנעל פארברענט אלע געהיימע דאקומענטן איידער זיי האבן באקומען דעם באפעל צו פארלאזן ארץ ישראל, די חברים פון הגנה האבן זיך ארגאניזירט צו פירן א גערילא קאמף געגן די נאצישע עראבערער, אבער דאס אלץ האט ניט געקענט ענדערן די לאגע. און אויב די זעקסטע בריטישע ארמיי אונטער דער קאמאנדא פון מארשאל מאנטגאמערי זיינען בייגעקומען די נאצישע ארמייען, ארויסגעטריבן זיי און דערגרייכט דעם ערשטן זיג געגן די דייטשן פון זינט דעם אויסברוך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, האבן אלע מודה געווען אן שום צווייפל אז דאס איז פאר זיי אומפארשטענדליך, און זיי האבן אנגערופן דעם קאמף „דער נס פון אל־אלעמיין״. און דער מארשאל מאנטגאמערי האט פעסטגעשטעלט: „ג־טס האנט האט אונז געהאלפן״.

נאך דעם גרויסן וואונדער פון אויפשטעלן דער מדינה און איר אנערקענונג פון די וועלט־מאכטן, איז געקומען דער אומאפהענגיקייטס קריג פון יאר תש״ח. און די וועלכע האבן געוואוסט די איינצלהייטן ארום דער מלחמה, וועלכע האבן געוואוסט ווי אזוי די זעקס הונדערט טויזנט אידן אין ארץ ישראל האבן מיט ליידיקע הענט, געקעמפט און בייגעקומען די אן א שיעור גרעסערע זיבן אראבישע לענדער, האבן פאר זיך אליין מודה געווען אז מען קען דעם דאזיקן זיג מיט שכל ניט ערקלערן. טויזנטער באוואפנטע אראבער זיינען אנטלאפן פאר עטליכע געציילטע אידן, גאנצע גוט באוואפנטע באטאליאנען זיינען אנטלאפן הערנדיק א געקלאפ פון פויקן מיינענדיק אז דאס זיינען קוילנווארפער. נאר א קליינע צאל זעלנער האבן אפגעהאלטן דאס מצרישע מיליטער אין זיין מארש אויף ארץ ישראל, און ניט דערלאזן אים איינצונעמען אידישע ישובים, און די איינצלנע

האבן עס באלאגערט גאנצע מצרישע דיוויזיעס, איבערנאכט איז אויפגעשטעלט געווארן א רעגולערע אידישע ארמיי וועלכע האט פארטריבן די אראבישע ארמייען פיל גרעסערע און ניט צו פארגלייכן באוואפענטערע פון זיי, פון דער הגנה, אצ״ל און לח״י צוזאמענגענומען. עס איז ניט געווען קיין שום פארגלייך צווישןביידע כוחות און דאך האט דער קליינער, ליליפוט־יקער יידישער כוח צוטריבן און פארניכטעט אלע אראבישע כוחות. און דאן, אין ניין יאר ארום, איז דען דער סיני קריג ניט געווען פאקטיש א אויסערגעוויינליכע דערשיינונג, וואס היינט איז ניטא קיין שכל׳דיקע מעגליכקייט עס צו ערקלערן לאגיש? נאצער דער מצרישער דיקטאטאר האט זיך געגרייט צו א מלחמה מיט ישראל, די פאדאיון, נאצרס שליחים האבן געזייט טויט און פארוויסטונג אין די יידישע ישובים, און האבן געדינט אלס אוואנגארד טרופן פון מצרישן מיליטער. ווען די אראבער האבן געגלויבט אז אט איז שוין געקומען די שעה פון נקמה, האבן פלוצלונג באשלאסן ענגלאנד און פראנקרייך צו העלפן ישראל און זיך שלאגן צוזאמען, כדי צו פארניכטן דעם מצרישן קראפט און אפשר אויך אראפוווארפן דער נאציאנאלער רעגירונג פון מצרים. און ווי נאר דער קאמף האט זיך אנגע־הויבן, זיינען גלייך די מצרישע ארמייען צושלאגן געווארן אינגאנצן, און די אנדערע אראבישע מדינות האבן זיך אפגעהאלטן, די ענגלישע און פראנצויזישע רעגירונגען זיינען ארויס פון דעם קאמף מיט בזיונות, האבן פארלארן זייער כבוד און פרעסטיזש, אבער גלייכצייטיק האבן זיי פארגרינגערט זייער די לאגע פון ישראל און איר דערמעגליכט צו צורייבן דעם מצרישן קולאק וואס איז דאן אויפגעהויבן געווארן אויף איר.

די וואונדער פון דעם זעקס־טעג קריג שליסן זיך צוזאמען מיט די פריערדיקע וואונדערליכע געשעענישן אין איין גוואלדיקער קייט פון נסים וועלכע האבן ניט זייער גלייכן אין דער געשיכטע פון מלחמות.

לאמיר זיך, דעריבער, פארלאזן אינגאנצן אויפן רבונו של עולם, אלוקי צבא־ות, ער האט אונז ביז היינט געהאלפן און ער וועט אונז ווייטער העלפן. לאמיר פון אונזער זייט אלץ טאן כדי מיר זאלן ווערט זיין צו אזוינע גרויסע וואונדער, צו די חסדים פון רבונו של עולם וואס זיינען אונענדליך.

חסדי ד׳ כי לא תמנו.

שלוס-ווארט

פון דאס אלץ וואס איז דערציילט געווארן אינ׳ם דאזיקן בוך וועגן די וואונדער פון דעם זעקס־טעג קריג און פון דאס וואס מען קען לערנען פון דעם אלעס, קען מען זען קלאר און דייטליך אז ד׳ שוכן בציון, און ער היט אונז דערנעענטערט זיך צו אונז. אבער עס איז אויך קלאר אז גראד יעצט דארפן מיר אנקומען צו רחמי שמים מער ווי אין יעדער אנדערער תקופה און ווי

פאר דער מלחמה. עס איז געגוג איבערצולייענען די ווערטער וואס האט ניט לאנג געזאגט דער מצרישער דיקטאטאר עבדול נאצר, אז ער וויל ווידער מאביליזירן די הונדערט מיליאן אראבער כדי אפצומעקן „דעם אידישן אנגריפע־רישקייט״. מען דארף זיך טאקע ניט איבערשרעקן הערנדיק אזוינע רייד, אבער עס איז פאר אונז גענוג אז זיי רירן נאך אלץ אזוי.

עס איז אויך קלאר אז נאך דער יעצטיקער מלחמה איז געקומען א גרויסע התעוררות, און אויב השי״ת האט זיך דערנעענטערט צו אונז, דארפן מיר זיך דערנעענטערן צו אים. אלע האבן געזען באשיינפערלעך אז עס איז דא א ג־ט אויף דער וועלט, און עס איז אונזער חוב צו טאן אלץ וואס מיר קענען, אז די דאזיקע התעוררות זאל זיך איבערטראגן פון ארט צו ארט איבער דער גאנצער אידישער וועלט און ספעציעל אין ארץ־ישראל.

לאמיר אנרופן די דאזיקע התעוררות מיטן ריכטיקן און קלארן נאמען: א התעוררות צו תשובה! דאס איז געזאגט געווארן קודם כל צו די פרומע אידן, זיי דארפן זיין די ערשטע וועלכע זאלן בעסער ווערן און פארשטארקן דאס אידישקייט סיי בנוגע די ענינים בין אדם למקום און סיי די ענינים פון בין אדם לחברו, אויפהויבן די הענט צום הימל און דאנקען פאר די אלע חסדים וואס השי״ת האט געטאן מיט אונז ביז היינט און בעטן רחמים פארן צוקונפט. עס דארף קומען א אינדיווידועלע, אינערליכע התעוררות ביי יעדן מענשן באזונדער.

און אודאי איז עס געזאגט געווארן צו יענעם טייל פון פרומען יודענטום וועלכער ערלויבט זיך צו גיין אויף פשרות און נאכצוגעבן אין רעליגיעזע ענינים. זיי מוזן זיך מערער היטן אין זייערע וועגן אזוי אז עס זאל קומען צו א אמת־ער דערנעענטערונג צו השי״ת.

אבער דאס איז געזאגט אויך צו די אלע אידן ביי וועמען עס קלאפט נאך אפילו א קליינער אידישער אדערל. די נסים מן השמים וואס מיר האבן געזען מיט אונזערע אויגן, האבן געעפנט די אויגן פון זייער א סאך מענשן און די מוזן ווייטער אן אויפהער זיך פארטיפן אין פארשטיין דאס אידישקייט, דאס ג־טליכקייט וואס באגלייט אונז, ביז זיי וועלן געפינען דעם וועג צו פולשטענדי־קער תשובה.

פשוט געזאגט: אז פון דאס וואס איז געשען מוזן מיר לערנען, ניט נאר ענדערן אונזער געדאנקען־גאנג נאר אויך מקיים צו זיין אלע מצוות פון דער תורה וואס זיינען געזאגט געווארן פון השי״ת. און מיט דעם וועט געפונען ווערן די לעזונג צו אלע פראבלעמען, ווייל אז מען באטראכט זיך זעט מען דאך קלאר, אז א פרייע מדינה וועלכע ווארפט פון זיך ארונטער די גראנדיעזע אידישע עטיק, קייקלט זיך אלץ טיפער און טיפער אין אפגרונט, און יעדער איינער טראכט זיך, אויב שוין זיין גלייך מיט אלע פעלקער, טא צו וואס בכלל פירן מלחמות? און אויב זיך אסימילירן אינדיווידועל אדער נאציאנאל־געזעל־

שאפטליך, אויב לעבן ווי אלע פעלקער פון דער וועלט פירן זייער לעבן, צו וואס דארף מען דאס גאנצע שווערע, לאנגע געראנגל ?

מיר האבן זייער גוט געזען די באציאונג פון די פעלקער צו אונז, אפילו די וועלכע האבן שוין געהייסן כלומרשט „גוטע". מיר האבן געזען ווי זיי זיינען געווארן אונזערע געגנער. די דאזיקע באציאונג זייערע האט פאר אונזערע אויגן פארווירקליכט דעם פסוק „הן עם לבדד ישכון". אויב מיר וועלן צוקומען צו דער איבערצייגונג אז מיר זיינען ג־טס פאלק, וועלן מיר דאן פארשטיין און זען אז אלץ איז געווען כדאי. וועלן מיר געפינען דאס גליק אין לעבן און מיר וועלן זיין דער סימבאל פאר אנדערע פעלקער, וועלכע לעבן אין א תוהו ובוהו, אין א עטישן ווילר־וואר, און אלע פעלקער וועלן זען אין אונז א פאלק וואס גייט אין ג־טס וועגן. און דורך דעם וועלן מיר מעורר זיין רחמי שמים און וועלן זוכה זיין צו דער אמת־ער ישועה, צו דער גאולה שלימה.